STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09287

IN LAND FUN DI OVES

Chaim Pett

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין לאַנד פון די אבות

איך דאַנק מיינע פריינט וואָס האָבן
זיך קליין באַשטייערט — און גרויס
געבאָרגט . . . אויך די עטלעכע
אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן בײַ מיר
געקויפט מיין ניי בוך איידער ער
איז דערשינען. אויך אַ באַזונדער
דאַנק די מיטגלידער און פירער פון
דער פּאַקעט־בוק יוניאָן.

חיים פעט:

אין לאנד פון די אבות

נאָוועלע

אַרויסגעגעבן פון די ברידער שולזינגער

ניו־יאָרק 1957

Copyright 1957 *by*
CHAIM PETT
1811 — 72nd St., Brooklyn 4, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

א מתנה

מיין ברודער שמואל וואָס
האָט מיר אַריבערגענומען
אינם גרויסן נייעם לאַנד
אַמעריקע.

ערשטער טייל

איבער די אויסגעגליטע ווייסע זאַמדן לעבן קרית־ים א׳ האָט זיך באַוויזן אַ איד מיט טשעמאָדאַנעס אין די הענט. די טשעמאָדאַנעס זיינען שווער אַראָפּגעהאַנגען, אַרומגעבונדענע מיט שטריק און פּאַסיקעס צעריבענע. די טשעמאָדאַנעס האָבן געוויזן — זיי האָבן דורכגעוואַנדערט מיטן ווילד־פּאַרוואָקסענעם איד אַ סך לענדער...

מען האָט געזען — דער איד איז געגאַנגען, געזונקען אין די זאַמדן און זיך געוויגט ווי אַן אַנגעלאָדענע שוואַרצע שיף...

דער איד האָט אַראָפּגעלאָזן די טשעמאָדאַנעס אויף דעם הייסן זאַמד, אויך אָפּגעשפּיליעט דאָס קופּערטל פון זיין אַנגעהיצטער פּלייצע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן קופּערטל און געקוקט אויף דער ברייטער, ווייטער בלויקייט פון ים. ניט נאָר האָט ער געזען שיפלעך געזעגלטע, אויך מיט רויכערדיקע קוימענס... ער האָט אויך דערזען צעשאָטענע שטעטלעך מיט ווייסע הייזער, וואָס האָבן געיוגנט אין דער נייער אידישער מדינה... ער האָט אויך דערזען מענטשן ביים ברעג ים; אויך טראַקטאָרן זענען געקראָכן, געגראַגערט, און ס׳זענען געקומען צו אים ליכטיקע רעיונות. ער איז אָנגעגורט געוואָרן מיט נייע האָפענונגען און כוחות. ער האָט געטראַכט: גאָט האָט אים באַוויליקט — אויסגעלייזט פון אַלע שטרויכלונגען און אים דערפירט צום אידיש־לאַנד!...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן פון מידקייט צוליב דער ברענענדיקער זון, אויך צוליב רעגונגען וואָס זענען אויפגעגאַנגען...

ער האָט ניט געגלויבט, אַז ער געפינט זיך שוין אין ישראל אין שטילקייט, רו, אָן פּחד. ניט קיין בייטש, קיין געשריי. עס לויערן ניט קיין בייזע אויגן... מיטאַמאָל אויסגערונען אַלע געפאַרן...

אמת, זיצנדיק איצט אויפן קופּערטל זענען פאַר די אַלע ביטערע יאָרן — מלחמות און רעוואָלוציעס — אַלע ווייטיקן אים באַפאַלן. די פּיס האָבן געברענט, ווי געבעטן: גיי נאָך אויף אונז און דערפיר אונז צום ים; וואַרף אַראָפּ פון אונז די צעטראָטענע,

פאַרדאַרטע שיך, און לאָז אונז באַרוועס שטיין איבער די קנעכל פאַר שעה'ן־לאַנג אין ים... און מיר וועלן דיר צוריק פאָלגן אין נייעם גאַנג... אויך דאָס גאַנצע הויט האָט אויף אים געשמאַרצט, אָנגעצונדן געווען; אין האַרצן — אַ חלשות; אין מויל איז די צונג געווען אַ פאַרטריקנטע, צעשפּאָלטענע... די הענט זענען אַראָפּגעהאַנגען. זיין גאַנצע באַוואָקסענקייט האָט געשטאָכן... ער וועט אַזוי זיצן ביז די זון וועט זיך אָנפּאַנגען נייגן. ער האָט סימנים: די זון טשאַכנעט... אַ ווינטל פון ים ווייעט איבער זיין פּנים. ער האָט אויך געהערט אַ פויגל איז נידעריק געפלויגן. פייגל זענען אָנגעציטערטע באַשפּעניש — זיי דערפילן אַן איבערבייט...

שוין לאַנגע יאָרן האָט ער אַזוי טיף ניט איבערגעלעבט די פרייד צו זיצן רואיק אויף גאָט'ס זאַמדן, איבערגעשפּרייט מיט אַ ווייטן, הויכן, בלויען הימל. אויף די זאַמדן, אונטער דעם הימל, האָט יהושע בן־נון געפירט די אידן אַרבן דאָס גאָט־צוגעזאָגטע לאַנד...

ער ווייסט ניט — דער שלאָף האָט אים איינגענומען, צי זיין אָפּגעשוואַכטקייט... ער האָט פלוצים דערהערט מען האָט אַרום אים זיך געפּאַרעט. מען האָט אים אויפגעהויבן פון זאַמד פאַרזונקען. מען האָט אַ שפּריץ געטאָן קאַלט וואַסער אויף זיין פּנים. יאָ, ער זיצט צוריק אויף זיין קופערטל... אין מויל האָט ער דערפילט אַ פייכט־קייט — אַ זיסע, לעבלעכע. זיין צונג האָט זיך אַ ריר געטאָן... יאָ, ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען צוויי אידן אין לייכטע בגדים. זיי האָבן צו אים גערעדט אין אידיש. גוטע רייד זענען אויף אים געפאַלן... און די אידן האָב אים גענומען ווי אַ קינד אויף די הענט און געטראָגן...

2.

ער האָט געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט: ער ליגט אויס־געטאָן אויף אַ בעט. דורך דעם איינעם פענצטער פון שאַלאַש זעט ער דעם ים כוואַליענדיק, בלויענדיק דורכגענומען פון זונען־שיין. אויפן טיש ליגט אַ לעבל ווייס ברויט און אַ מעסער ליגט אַ גרייטער

זיין האַנט זאָל אים אָננעמען און אַריינשניידן אינעם ברויט... און אַ טשייניק, אוודאי טיי!... ווייל אויך צוקער זעט ער און אַ ריינע גלאָז...

ער האָט זיך געצויגן אויפן בעט, געפילט זיינע גלידער זענען נאָכגעלאָזן, שפּירעוודיקער. ווער ווייסט ווי לאַנג ער האָט געטרונקען דעם טיפן היילונג־שלאָף... ער איז אַראָפּ פון בעט און געגאָסן מיט דער קוואָרט פון עמער וואַסער אויף זיינע הענט דורך דער אָפענער טיר. דאָס וואַסער איז אַריין אינעם זאַמד, ווי אין לעש־פּאַפּיר... ער האָט געוואַשן דאָס פּנים מיט פולע הויפנס וואַסער און הנאה געהאַט פון דער קילקייט, פייכטקייט, פרישקייט. ער האָט געאָטעמט טיפער און געפּאַרשקעט מיטן נאָז, אָפענעם מויל, ווי ער וואָלט צוריק אַ יונגער אינגל געווען...

אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן אַ איד, פאַרשמייכלט, פאַרוואונדערט:

— שלום, אדון! מה שמך? ווי איז אייער נאָמען אויף פּראָסט אידיש?

— פון מיינע וואַגלענישן האָב איך פאַרגעסן מיין נאָמען. רופט מיך אברהם! ווי דעם ערשטן איד, וואָס האָט גאָט דערקאָנט...

— נאָט אייך שלום, ר׳ אברהם! איצט פּאָלגט אַן עלטערן: כאַפּט זיך אַריין פאַר שחרית אין ים און טובל׳ט זיך גוט אָפּ. איך וועט קומען צוריק, וויל איך מיט אייך עפּעס איבעררעדן...

אברהם איז זיך דורכגעגאַנגען אין שאַלאַש און געזען — די פּיס האָבן גענומען פּאָלגן... איז ער אַרויס אין פרימאָרגנדיקן דרויסן צום ברעג ים. ער האָט אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס אָנטועכץ, און זיך פאַרשעמט פאַר זיין נאַקעטקייט, ברודיקייט, פאַרוואָקסנקייט...

ער איז אַריין אין ים. די וואַסערן האָבן אים געדעקט. בלויז דער קאָפּ האָט זיך אַרויסגעזען. די וואַסערן האָבן געברויזט, גערעדט מיט פיל קולות... ער האָט זיך געטונקט, געוואַשן, געשוואומען, געפּאַטשט מיט די הענט און געבויטשעט מיט די פיס. אַרויס איז ער אָפּגעגלאַנצט, און פון זיין באָרד פון די האָר אויפן קאָפּ

האָבן גערונען ריטשקעלעך... ער האָט געפּילט שווער געוויכט איז אַרונטער... אין אים האָט געפּריידיקט, געיובלט... ער איז נאָך יונג! נייע האָפענונגען האָבן געשפּאַרט... אין פרייען אידישלאַנד וועט ער זיך איינגראָבן מיט די הענט און פיס... זיך פאַרפונדעווען אויפסניי...

— צו רפואה, אברהם! — האָט אים דער איד באַגעגנט אין טיר פון שאלאש. מיין נאָמען איז זבולון! איך בין דער אויפזעער איבער דעם גאַנצן ברעג — האָט ער אים אָנגעוויזן — ביז דער פאָן!... באַלד וועט איר זען אידן קומען צופאָרן מיט טראָקס, טראַקטאָרן. דער פייכטער זאַמד ביים ים איז גוט צום געבוי אין לאַנד... עס אַרבעטן ביי צוואַנציק חברים אין קאָאָפּעראַטיוו. בקיצור מיר האַלטן אַ שומר. האָט זיך געמאַכט דער שומר גייט אַוועק אין מיליטער אויף גאַנצע זעקס וואָכן. אונזער לאַנד איז נאָך ניט אין פולן שלום... מיר מוזן זיין וואַך!... הכלל, איר האָט אַ געלעגנהייט צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ ווי אַ שומר. די נעכט דאָ זענען קורצע, ליכטיקע. מען וועט אייך געבן אַ ביקס, אָבער דער אמת׳ער שותף אייערער וועט זיין דער הונט עמלק!... טאַקע וועגן הונט וויל איך וואָרענען: דאָס איז אַן ענגלישער מאָפּס! אַ מורא׳דיקע חיה! ניט צוגעלאָזן צו פרעמדע... דעריבער וועל איך אים באַלד אַריינפירן. איר זאָלט זיצן פון וויטן, אים קוקן אין די אויגן... דערנאָך, ער וועט זיך אַביסל איינשטילן, זאָלט איר אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט, אים צווואַרפן... און איר וועט זען אויב ער וועט אַראָפּשלינגען אייער געשאַנק, וועט איר זיך דורכגיין פון וויטן... ווער רעדט עמלק וועט ווערן מיט אייך אַ פריינט — מעגט איר זיך צושפּאַרן דורך די נעכט. ער וועט אייך שוין אָנזאָגן פון עמיצן פאַר הונדערטער טריט... אָפּגערעדט איז זבולון אַרויס.

אברהם האָט דערזען אויפן טיש אַ שאַכטעלע פּאַפּיראָסן, אַ קעסטעלע שוועבעלעך. ניין, ס׳איז ניט קיין סיגאַרעטן, שוועבעלעך — ס׳זענען צוויי געשאַנקען, וואָס מאַכן היימישער אַן עלנטן מענטש... נאָך די פּאַפּיראָסן ליגט פאַרטייעט אַ בענקשאַפט, אַ ציעניש — ווער עס ווייסט דעם טעם...

אברהם האָט טאַקע אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָסל. דער דינער אַראָמאַט האָט טרערן פון פרייד אַרויסגערופן ביי אים. ער האָט צוגעטראָגן דאָס דין פלעמל פון דער אָנגעצונדענער שוועבעלע צום פּאַפּיראָסל — האָט מיטאַמאָל א דונער געטאָן אַ ווילד אויפגעריסן קול פון אַ הונט. אברהם האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. דאָס פּאַפּיראָסל איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט... ער האָט דערזען זבולן שטייט אין דער עפענונג פון טיר, און אַ גרויסע, אומגעלומפּערטע חיה אויף אַ קייט — ברילט, געוועדט, שטייט אויף צוויי פיס מיט אַרויס־געזעצטע אויגן... אָה! די ווילדע באַשעפעניש האָט אים דערמאָנט אַ סך קאָשמאַרן... א כלב! זיין פעל אין קנייטשן ביים קאַרק, זיין קורצע צעפּליאַטשעטע נאָז מיט די אויסגעשטאַרצטע ציין, זיין ברייט־אָפענער, שוואַרצלעכער פּיסק — דאָס איז אַ מאָנסטער!... ער וועט קיינמאָל ניט ווערן אַ פריינט...

— אברהם! — האָט זיך זבולן אָפּגערופן: גענוג צו קוקן אויף עמלק'ן! וואַרפט אים צו א שטיקל ברויט...

אברהם האָט זיך דערפרייט, געזען דער הונט האָט זיך גע־שטעלט אויף די פיר לאַפּעס און דאָס שטיק ברויט איינגעשלונגען. ער האָט אים צוגעוואָרפן אַ גרויסע לוסטע... עמלק האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך און דאָס ברויט געקייט מיט איינגעשטילטן ברומען...

— איצט, אברהם, גייט זיך דורך, האָט ניט קיין פחד, איך האַלט אים שטאַרק פאַר דער קייט...

אברהם האָט שטיל געטראָטן נאָענט ביי די ווענט, און עמלק האָט אים נאָכגעקוקט דרייענדיק מיטן עק...

— איר האָט געוואונען זיין צוטרוי... ער וועט ווערן אייער פריינט. גיט אים דאָס גאַנץ לעבל — דערנאָך קענט איר צוקומען נאָענט, אים רופן מיט זיין נאָמען...

אברהם האָט מיט ציטערניש געפאָלגט... און דער הונט, אַן אָפּגעלאָזענער, האָט אַרומגעשמעקט זיינע שיך... און אברהם האָט אַ גלעט געטאָן זיין קאָפּ...

3.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער ים האָט גערוישט מיט באַלויכ־טענע כוואַליעס. די לבנה גרויס — אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל. טאָמער האָט זיך באַוויזן אַ לייכט וואָלקנדל, אַ געטראָגע־נער פונעם ווינט, זענען איבערגעלאָפן שאָטנס איבערן ווייטן באַ־זילבערטן זאַמד...

אברהם איז געשטאַנען נאָענט לעבן שאַלאַש, האַלטנדיק עמלק'ן פאַרן קייט. אים האָט זיך געדוכט: אין דער נאַכטיקער ליכטיקייט האָט זיך אויפגעעפנט ישראל־לאַנד... פון חיפה האָבן אַראָפגע־פינקלט, ווי פון קאַסקאַדן, פייערלעך פון דער צווייטער זייט עכו. און דער זאַמד אַ געשפרייטער, דער ים — ווייט־פאַרלאָפענער, דער הויכער הימל און יעדער אויפשריי פון אַן אייזל האָט אָפגעקלונגען מיט ווידער־קולות...

עמלק האָט דעם ווייטסטן שאַרף דערהערט... ער האָט איינ־געהאַלטן געברומט... ער איז געגאַנגען מיט עמלק'ן ביים ברעג ים, געזען די שלאָפנדיקע טראַקטאָרן זיינען געשטאַנען לעבן קופּעס זאַמד. מאָרגן פרי וועלן זיך באַוויזן חברים פון קאָאָפּעראַטיוו, זיי וועלן זיך צוזעצן אויף די טראַקטאָרן און זייערע שווערע רעדער, אַרומגענומענע מיט געבראַכענע קייטן, וועלן קאָמען די זאַמד...

מאָדנע, דאָס שטילקייט, שלאָפעדיקייט אַרום האָט דעם שומר געגעבן מנוחה... אָבער עמלק איז אין די נעכט געווען אַנגערעג־טער, אַנגעשפּיצטער. זיינע גרויסע פאַרוויינטע אויגן האָבן ניט גע־רוט. מיטן נאָז האָט ער געשנאָפּט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון קייט מיט דונערדיקן בילן...

אברהם האָט דערזען ווייט־ווייט אַ שאָטן, וואָס האָט זיך גיך דערווייטערט...

אברהם האָט עמלק'ן איינגעגלעט. ער האָט גערעדט: שקט, כלב טוב! זיין מאָסיווער קערפּער האָט געשלאָגן מיט וואַרעמקייט. אָט די צערייצטע חיה האָט פאַרמאָגט גרויס פריינטשאַפט, אונטער־טעניקייט צום נייעם בעל־הבית. ער האָט געקוקט אין די אויגן,

ווי געלייענט וואָס זיין האַר טראַכט... ס'אַראַ קלוגע באַשעפעניש!
ווי עס ווייסט צו ווען זיין בייז, צו ווען זיין איבערגעגעבן!...
אברהם האָט גערעדט: עמלק! עמלק! ביזט מיין נייער פריינט...
מיר זענען ביידע עלנטע אויף גאָטס ערד. איך האָב זיך אָנגעליטן ווי דער ערגסטער הונט, געהונגערט! מען האָט מיר געטריבן אַ באָרוועסן, אַ נאַקעטן; די באַנדעס האָבן צערויבט מיין נעסט, מיינע פייגל פאַרצוקט. זעסט מיינע געשוואָלענע פיס? מיין צעקיילטן קערפער? וויפל בייטשן האָבן געשווישצעט?... און איך לעב נאָך, עמלק! דאָ וועט זיין מיין לעצטע סטאַנציע! כ'וועל זיך איינגראָבן ווי אַ קראָט! דאָ וועט זיין מיין ערד, מיין הימל!...

.4

טעג זענען פאַרביי און אברהם האָט ווי אַ בוים גענומען איינוואַקסן אינעם לאַנד... ער האָט געטרונקען דאָרשטיק די גוטע מעלדונגען: אויף די בערג פון יהודה בויט זיך אַ נייער ישוב פאַר די באַפרייטע סאָלדאַטן; אין נגב — אַ נייער קיבוץ; לעבן קיי־סאריה שלאָגט מען אויף אַ נייעם פּאָרט. אויך האָט מען געבראַכט אין לאַנד אַריין רינדער, שעפּסן פון האָלאַנד, טערקיי דאָ צו צוכטן. מעלדונגען וועגן אידישע טוריסטן, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט... ער איז געווען דערביי אין חיפה ביים פּאָרט — האָבן מענער, פרויען און קינדער זיך געשאָטן מיט פּעקלעך, קאַשיקעס, קערבלעך ווי מוראַשקעס... תימ'נער, איראַקער, פּערסישע האָבן זיך אומגעקערט צו זייער לאַנד ווי פון די פאַרטריבענע שבטים... ער האָט געזען ווי די אידן האָבן געקושט די ערד... ער איז אַזוי געגאַנגען מיט אַ קופערטל אויף דער פּלייצע... איצט שוין באַווייזן אויפשטעלן אַ שפּייכלערל פון די געהילצן וואָס דער ים וואַרפט אַרויס. ער האָט שוין אָנגעשלאָגן שיינע פונטן. די כוואַליעס שלייַדערן אַרויס אייזנס, פרענטעס און ער שלעפּט עס צוזאַמען אין שפּייכלערל...
איינמאָל האָט אים ממש אָפּגעגליקט: ער האָט דערזען אַ פּעסל

שווימענדיק צום ברעג. ער איז אַריין ביזן האַלז אין ים... נייִן, ער האָט געמוזט צושווימען. ער האָט זיך שווער אָנגעבידעוועט איידער דאָס פעסל דערקאַטשעט צום שפּייכלער. ערשט איצט האָט ער באַגריפן וואו עס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען זיינע כוחות — אויף די וויסטע געפּייניקטע וועגן... וועגן פעסל אויל האָט ער ניט גע־וואָלט פאַרטרויען דעם רומענישן איד אין קרית שמואל. אמת, ער קויפט אַלץ, אָבער ער קען אויסקאַשפּערן פון אונטערן העמד... ער איז אַריבער צום שניידערל. חוץ דעם וואָס דער היימישער איד האָט זיך געלאָזט שמועסן, האָט ער אויך אַלץ געקויפט און פאַר־קויפט... אויך דאָס שניידערל לעבט זיך ניט דורך פון דער נאָ־דעלע... צו אים קומען קונדן, ריידן אויס זייער האַרץ... ער ווייסט בעסער ווי אַ היימישער רב „וועמען עס קוועטשט דער שוך"...

5.

און אַ גרויס געשעעניש האָט אויפגעשיינט פאַר אברהמ'ען! אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן ביים ברעג ים אַ יונגע פרוי. ער האָט געזען פון זיין שפּייכלערל — די פרוי האָט זיך אומגעקוקט פון אַלע זייטן... ער האָט געזען אין יונגן פרימאָרגן די זון אויף אירע רויטע האָר... זי איז געווען שיין אין געשטאַלט, גלייך און דין. אירע באָרוועסע פיס האָבן ווי געלויכטן... זי האָט זיך געבויגן, אויפגעהויבן שטיקלעך האָלץ, וועלכע זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן ברעג פון ים... ער האָט געמערקט, זי האָט די שטיקלעך האָלץ אויפגעטראָגן אין אַ בערעמיע, — און ער ווייסט ניט וואָס פאַראַ כוח האָט אים אַ צי געטאָן... ער איז אַרויס פון שפּייכלער און זיך דערנענטערט צו דער יונגער פרוי. זי איז געבליבן שטיין אויסגעגלייכט, שרעק אין די אויגן — בלאַס־קייט האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים...

אברהם האָט ווי אויסגעזונגען: שלום, גברת! סליחה, וואָס דאַרפט איר זיך בייגן? קומט מיט מיר לעבן שפּייכלער, איר וועט

זיך אויסקלייבן שטיקלעך האָלץ טרוקענע ווי זאַלץ. און צו וואָס דאַרפט איר די העלצלעך? מיר, אידן, זיינען אַ נייגעריק פאָלק...

— אדון! מען דאַרף צעוואַשן אַביסל וועש אין דרויסן. קיין איבעריקע זייף איז ניטאָ... קאָכט מען די וועש אין קעסל און עס ברולירט...

אברהם האָט אויף איר נאָענט אַ קוק געטאָן. עס האָט אים דורכגענומען פריינטלעכקייט, באַזאָרגטקייט פאַר דער יונגער, אָרעם־געקליידעטער פרוי...

ער האָט דאָס ביסל האָלץ אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך, פאַר־געבן אויפן פּלייצע און גלייך חרטה געהאַט...

— גברת, איך וועל פאַר אייך צוטראָגן.

— לא, לא! תודה רבה, אדון! איך וואוין דאָ אין איינער פון די שטובן, האָט זי אָנגעוויזן מיטן האַנט. כ׳האָב דאָרט אַ צימערל. אָבער ניט צו פאַרזינדיקן ווי דער מצב איז איצט מיט וואוינונגען...

זי איז אַוועק גרינג איבערן זאַמד, עס האָט געווייעט דאָס קליידל און די בליוזע האָט צוגעציטערט פון דער משא אויפן פּלייצע...

אברהם איז געשטאַנען דורכגענומען מיט אָנגעציטערטע, וואַ־רעמע געפילן... ער האָט געלערנט, אויך זי גאַרט זיין באַקאַנט־שאַפט. איר באַרעדעוודיקייט האָט דאָס געוויזן... זי וואוינט אין אַ צימערל — אוודאי אַן אַ מאַן, אָן קינדער. און עס זענען געקומען די רעיונות: אין אַ ניי לאַנד מען וויל זיך איינבויען, קען מען אָן אַ פרוי כמעט ניט אויסקומען. מען איז ווי מיט איין האַנט... אויב זי וועט באַוויליקן, די אָרעמע פרוי, מיט אים אַ בונד שליסן... זיין האַרץ איז אופגעוואַכט געוואָרן... זי האָט אים באַוועלטיקט... ער וועט אויפבויען מיט זיינע הענט אַ שטוב, טאַקע דאָ נאָענט... עטלעכע אידן פעסטיקן שוין פונדאַמענטן. ער ווייסט ניט, עס וועט אים סטייען לשון, ריידן האַרץ צו האַרץ... ער וועט האָבן אַ סימן: זי וועט זיך באַוויזן לעבן ים, איז זיין טראַכטן ניט אומ־זיסט... ער וועט איר אָפן זאָגן: מיר דאַרפן זיך צוזאַמענקומען...

כ׳וועל זיין דיין טאַטע, דיין פאַרזאָרגער; כ׳וועל דיר רופן אמה...
מיט דיר צוזאַמען וועלן מיינע כוחות זיך פאַנאַנדערוואַקסן...

ער איז געבליבן זיצן פאַררוישט, פאַרזונגען אין וואַכעדיקע גרויסע חלומות...

.6

אברהם האָט איבערגעוואָרפן זיינע מלבושים אין די טשעמאָדאַנעס און געזען איין גאַרניטער קען מען נאָך טראָגן. חוץ דאָס רעקל איז שטאַרק צעקנייטשט, אויך אין פלעצער אָפּגעבלייכט. אמת, די הויזן זענען מערער אָפּגעטראָגן, אוסגעריבן ביי די קעשענעס און ביי די טריט אויסגעטעפּעט. נישקשה, דער שניידער איז אַ מיידעם!... אין זיינע הענט וועט דער בגד קריגן אַ תיקון... ער ווייסט ניט וואָס פריער צו טאָן מיט די פונטן — מען דאַרף זיי האָבן דאָ אין דשמעניעס... ער האָט גענומען די הויזן מיטן רעקל און איידאַ צום שניידער. ער האָט זיך געוואונדערט פאַר דעם שניידערס פלייסיקייט... צי ביינאַכט פאַרן לעמפל, צי בייטאָג האָט מען געטראָפן דעם שניידער מיט דער מאָס אויף די אַקסלען, מיט נאָדלען פאַרשטעקט אין ארבעטער־העמד, אָדער ביים ניי־מאַשין, צי ביים פּרעסל. ער האָט געשמועסט, געאַרבעט, צוגעזונגען...

—שלום, אדון אברהם! — האָט דער שניידער באַגריסט. זיצט ביי אונז און לייגט אַרויף אייערע מלבושים אויפן שניידער־טיש. מיר וועלן זען וואָס מיר קענען אופטאָן מיטן נאָדעלע... האָט ניט קיין אַנגסט, אדון אברהם, כ׳וועל אייך ניט באַרייסן...

אברהם האָט זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן מיטן שניידער... סיי־ווי וואָלט דער שניידער אַרויס מיט נצחון אין לשון... אַ שפּאָס אויסצורעדן וויפל מענטשן עס גייען דורך אינעם ׳שניידער־ווערקשטאָטל... קיין פּראָסטאַק איז ער אויך ניט... ער זעט דאָ אַ בלאַט־צייטונג, העברעאישע זשורנאַלן, אויף די פּאָליצעס ביכער. ווען באַוויזט ער לייענען? ניט אַנדערש זיין טאָג האָט מערער שעה׳ן...

— איר ווייסט, פאַניע שניידער, כ׳האָב זיך ניט געקומען דינ־גען, אָבער אַ געפעליקייט: כ׳וויל עס האָבן וואָס גיכער...

דער שניידער האָט געלייענט אברהם׳ס געדאַנקען. עפּעס איז אין דעם עלענטן איד פאַרגעקומען אַן ענדערונג...

—טוב! — האָט דער שניידער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל. עס וועט זיין פאַרטיק אויף שבת!...

אברהם איז אויך אַריין צום שוסטער.ביים שוסטער האָט ער אויך ניט באַלעמוטשעט. בפרט דער שוסטער איז ווייט פון באַ־רעדעוודיקע... דער גרויסער, גראָבער פאַרטוך איבער אים, אין מויל טשוועקלעך, דער האַמער אין האַנט — גאַר אַנדערע געציי̆ג און גאַר אַן אַנדער מענטש... די געציילטע ווערטער האָט ער גערעדט דייטשמעריש, און העברעאיש פאַרגרייזט. און אברהם האָט צו אים גערעדט „פּאַלאַווינאַ" אידיש, האַלב העברעאיש...

— איר האָט פאַר מיר, אדון, אַ פּאָר גוטע נעלים?

דער שוסטער האָט ניט געענטפערט אויפן מאָמענט. ער האָט געקלאַפּט די טשעוועקלעך שנעלער...

— וואָס איז אייער מאָס? — האָט ער פאַרדומפּן געפרעגט.

— איך ווייס דען די מאָס?... דורך די יאָרן — וועגן און צרות — האָב איך פאַרגעסן וויכטיקערע זאַכן...

— נו, וואַרפט אַראָפּ אייערע שקראַבעס און לאָמיר זען די רגלים. קיין גרויסן אויסוואַל איז אין אונזער לאַנד ניטאָ. כ׳וועל אייך געבן אַ פּאָר שיך — אויב זיי וועלן ניט זיין ענג — גרעסער מאַכט ניט אויס... כאַפּט זיי אַוועק און דערציילט קיינעם ניט...

— וואָס פאַראַ סאָרט לעדער? — האָט אברהם געטאַפּט די שיך...

— זאָל זיין פון פערד, אָקסן, הינט. היינטיקע צייטן פרעגט מען ניט... פרייט זיך זיי גייען אַרויף אויף אייערע פיס...

אברהם איז אַרויס פון שוסטער און עס האָט אים געוואַרעמט... עס האָט אויף אים געווייעט מיט יום־טוב... וויפל יאָרן ניט גע־קויפט אַ שוך, אַ קלייד, זאָקן... ער האָט געטראָגן אין די שווערע יאָרן זאַכן פון אַרעסטאַנטן, פון געשטאָרבענע, סאָלדאַטן, שפּיטאָל־

קליידער. ווער האָט זיך אַרומגעזוען אויף אַ מענטש!... אַ מו־ראַשקע האָט געהאַט מער אַנזען. אָ, אַליין צו קויפן אַ קלייד, אַ שוך איז אַ גרויסער יום־טוב, אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד... מען ווערט אַ טאַטע צו זיך אַליין... ניט לאַנג געווען אַ חיה אַ פאַר־ברודיקטע, אַ געיאָגטע... איצט אַליין אַ בעל־הבית! ס׳איז אידאַ אַ וועלט! אַ גאָט! און אַ לשון וואָס מען קען ריידן פריי...

.7

קיין זאַך קומט ניט אָן גרינג. איידער אברהם האָט זיך דער־פרעגט צום איד, וואָס פאַרוואַלטעט מיט די מגרשים (פלעצער). ער האָט געגנוג אויסגעמאָסטן אין דער חמימה חיפה׳ר באַרגיקע גאַסן... אַריין איז ער אינעם צימערל אויסגעשעפּט, אָבער געווען צופרידן וואָס אין אָפּיסל איז קיינער ניט געווען, חוץ דער פאַרוואַל־טער איז געזעסן אין בלויזן העמד צעשפּילעט ביים האַלז און ער האָט זיך געלאָבט מיט אַ פלעשעלע גזז.

— שב! — האָט ער זיך אָפּגערופן — אתה מדבר עברית?

— לא! קצת, קצת, אני עולה חדש...

לויטן שמייכל אויפן פּנים פון פאַרוואַלטער, האָט אברהם גע־לערנט, ער איז אַ מבין צוליב וואָס ער איז געקומען... און ער האָט זיך ניט געאיילט פרעגן... אַ ווײַלע אַרום האָט ער פרעג געטאָן:

— ווי רופט מען אײַך, אדון?

— אברהם!

— אָ, אברהם! איר זייט ניט קיין עולה חדש. איר וואוינט שוין אין ישראל עטלעכע טויזנט יאָר...

ער האָט אויפגעהויבן דאָס טרײַבל, שטיל און גיך גערעדט אין העברעאיש, דערנאָך געמישט פאַרשיידענע פּאַפּירן...

אברהם האָט געלערנט דער איד איז אַ האַרטער נוס... אברהם האָט אים נאָכגעקוקט, מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— ווי איז אייער נאָמען, אדון?...

— מיין נאָמען — האָט דער פאַרוואַלטער געצויגן מיט גע־

זאַנג — אויך פון תנ״ך — יונה! מיר האָט ניט קיין וואַלפיש אַרויס־געוואָרפן... איך בין דאָ, ברוך השם, אַ ותיק! און מיינט ניט אונז איז געגאַנגען מיט דער פוטער אַרויף... בין דאָ געווען אין זיסן און זויערן. פריער — אַ חלוץ, געהאַקט שטיינער, אויסגעלייגט שאָסייען, געטריקנט זומפן און זיך געטרייסלט אין קדחת. אין מלחמות מיט טערקן, אַראַבער. דאָס לענדעלע אונזער האָט צוגע־נומען אַ סך קרבנות... די עולים חדשים זיינען שוין געקומען ביי געגרייטע טישן... מיר ווייסן פון וואַנען איר קומט, וואָס איר זענט אויסגעשטאַנען... יאָ, מיר זענען גרייט אייך צו העלפן. אָבער לאָמיר קומען צו אַ טאָלק... איר זענט אוודאי געקומען וועגן אַ מגרש...

— כן! — האָט אברהם קורץ געענטפערט, ניט געוואָלט אויסגיסן ס׳האַרץ וואָס איז נאָך אָנגעזאָפּט מיט מלחמה־קאָשמאַרן...

— אדון אברהם! איר פאַרשטייט, מגרשים האָבן מיר איבערן גאַנצן לאַנד, אָבער עס ווענדט זיך וואו... צי אויף אויסצאָלן, צי אין מזומנים... אונזער לאַנד מוז האָבן די פונטן... פּראָיעקטן אויף פּראָיעקטן וואַקסן אָן... עס דאַרף אייך פרייען, מיר זענען קינדער פון איין פאָלק...

— איך זוך אַ מגרש לעבן קרית ים, דער נייער מושב וואָס בויט זיך שוין צוביסלעך. יאָ, זיך דערמאָנט: קרית גלים!...

— נו, אדון, מיר וועלן אַ קוק טאָן אויף דער לאַנד־קאַרטע און מיר וועלן זיך באַלד דערוויסן אַלע פּליטערלעך, ווי מען זאָגט... איך רייד נאָך גוט אידיש — וואָס זאָגט איר, אברהם!... מיר חלומט איר זענט פון מיינע געגנטן. אָבער וואָס איז דער חילוק — אַ איד וואָס וויל זיך בויען איז ביי אונז זייער חשוב. ס׳איז אַ סימן ער איז געקומען בלייבן מיט אונז... אַזאַ איד וועט צולייגן אַ האַנט צו דער אויפלעבונג פון אונזער לאַנד... יאָ, יאָ, ר׳ אברהם, איר זענט גערעכט, געפונען אויף דער לאַנד־קאַרטע... ס׳איז גוט איר האָט זיך צוגעאיילט. ס׳איז נאָך אידאַ ביי אַ צענדליק מגרשים. וויטער איז שוין אַלץ פאַרקויפט. מיט דער צייט וועט דאָרט אויס־וואַקסן אַ היפּשע שטעטל. כ׳וועל אייך טאַקע באַלד ווייזן דעם פּלאַן

ווי דאָס שטעטל וועט זיין אויסגעלייגט. מיר האָבן שוין אפילו נעמען פאַר די גאַסן... אונזער מלוכה איז טאַקע יונג, אָבער מיר היטן די סיסטעמען. און וויסן זאָלט איר, אויב איר וועט מסכים זיין פאַר דער סומע, דאַרפט איר זיך אונטערוואַרפן אונזער אָר־דענונג... די צינזן זענען שווערע... אויך טאָרט איר ניט פלאַנצן ביימער אָן דעם וויסן פון דער מדינה. מיר ווילן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּלאַנמעסיקייט, סיסטעם... די נייע שטעטלעך זאָלן אויס־וואַקסן שיין און סימעטריש. מיר וועלן אייך געבן אַ געדרוקטן פּאַפּיר, וואו איר וועט געפינען אַלע פאַראָרדענונגען. לייענט עס מיט קאָפּ...

ווען אברהם איז אַרויס מיטן אויפגעשריבענעם, געשטעמפּלטן אידישן פּאַפּיר, האָט זיך אים געדוכט, עס זענען אים אויסגעוואַקסן פליגל און ער טראָגט זיך אין דער לופטן...

8.

די געציילטע נייע איינוואוינער האָבן אָנגעקוקט מיט נייגיר ווען אברהם האָט זיך באַוויזן אין קרית גלים. צווישן די עטלעכע צעזייטע ווייסע הייזער איבערן ווייט־צעשאָטענעם, געשפּרייטן זאַמד, האָט אברהם געמערקט עס שטייען שטעקנס מיט אויפגעקלעפּטע צעטלען. דאָס ווייזט די מגרשים זענען שוין אָפּגעקויפטע... מיט דער צייט וועלן דאָ אויפשפּרינגען נייע שטובן... אויך זיינען געלעגן הורבעס שטיינער. עס זענען שוין געשטאַנען בודקעלעך מיט שלעס־לעך אויף די טירן. דאָס זענען אָנזאָגן אויף אַ נייעם ישוב...

אברהם איז מיטן געשטעמפּעלטן פּאַפּיר אין האַנט געגאַנגען צווישן די אויסגעשטעלטע שטעקנס און נומערן, און ווען ער איז אַרויף אויף זיין מגרש איז אים טייער און נאָענט געוואָרן יעדער זעמדל... אמת, ס'איז גאָטס זאַמדן... אָבער אַזוי פירט זיך די וועלט פון קדמונים... אפילו דער ערשטער איד אברהם האָט אָפּ־געקויפט פון בני־חת פאַר פיר הונדערט שקל אין זילבער די מערת המכפלה... דאָ, אויף די זאַמדן, וועט אויסוואַקסן אַ שטוב, אין

שטוב וועט זיין אַ טיש, וואו ער וועט בענטשן נאָכן עסן; אַ פלעשל ווייַן וועט פינקלען און אַ סערוועט וועט דעם טיש צודעקן, ווי אַלע נאַקעטקייטן ווערן פאַרדעקט... וואָרצלען ווערן פאַרדעקט מיט ערד; דער בוים איז איינגעוויקלט אין קאָרע; די חיה אין פעל; אדם און חוה אין פייגן־בלעטער. אפילו די נשמה איז געפעסטיקט אין חומר... און אַ בעט וועט שטיין איבערגעדעקט, אויפגעהויבן פון די קישנס. אינעם שלאָף ווערט מען איבערגעשאָפן, באַנייט... אַלע גלידער ווערן איינגעדעקט אין טיפער רו... אַן אַלמער מיט ספרים וועט שטיין. ביכער און ספרים ליכטיקן דעם קאָפּ, האַלטן יונג דאָס האַרץ, עפענען וועלטן... זיי האַלטן דיר אין פעסטע באַנדן מיט דיין פאָלק... ביכער, ספרים זיינען די בריקן אויף וועלכע דו שפּאַצירסט צו דיינע אור־עלטערן... עס ווערט פאַר דיר אַנטפּלעקט סודות, פאַרבאָרגענע שטעגן...

ער ווייסט ניט, זינט ער האָט געשטעלט זיינע טריט אין ישראל, איז ער אליין ווי געוואָרן אַ נביא... דאָס לאַנד איז גורם דערצו. ס'איז אַ לאַנד וואָס די אויגן זעען זייער ווייט, אַ גרויסע קלאָרענִיש. די לערקייט איז ווי צוגעגרייט פאַר גרויסע שאַפונגען... די נעכט אין לבנה־שיין, און גרויס שטילעניש פאַלט אַראָפּ. און די גרויסע געזאַנגען פון די נביאים זינגען צוריק אויף אין זיין האַרץ...

ער איז געזעסן אויף זיין מגרש און מיט די הענט איבערגעשאָטן די אָנגעוואָרעמטע זאַמדן. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק ביים ברעג הימל. מען ווייסט דאָ ניט ווען עס ווערט נאַכט. טאָג מיט נאַכט בייטן זיך, ווי אַ פאַרהאַנג וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן...

אַ זיס קול איז צו אים דערגאַנגען:

— שלום, אדון! איר דערקענט מיך

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען די יונג־פרוי וועלכע האָט זיך באַוויזן מיט וואָכן צוריק ביים ברעג ים... אברהם האָט געקוקט אויף איר פאַרוואונדערט, פאַרשעמט וואָס ער זיצט אויפן זאַמד. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעשטויבט. ער האָט געזען די יונגע פרוי אין פאַרנאַכטיקן זונען־שפּיל, אָנגעטאָן האַלב יום־טוב־דיק: שיך אויף די פיס און דינע זאָקן אָנגעצויגן; אַ ווייסע קלייד

און די נאַקעטע הענט ביז די אָרעמס געברוינט, מיט זומער־שפּרינ־קעלעך געשפּריצט; דער פּנים שמייכלענדיק, ווייך ווי וואָל אין טוי, ווי עס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך...

— איך האָב דאָ געקויפט דעם מגרש — האָט אברהם שטיל געזאָגט.

—מזל־טוב! מזל־טוב! — האָט זי שטיל געוואונטשן.

— תודה, תודה, גברת! כ׳וואָלט זיך געוואונטשן איר זאָלט אָנטיילנעמען אין מיין שמחה — איז אברהם געוואָרן דרייסט...

זי האָט געענטפערט מיט אַן אויפגעשפּילטן שמייכל:

— ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ פון אַ שמחה, אדון!...

— בעט איך אייך, גברת, היינט זען אַ בילד מיט מיר אין קרית מאָצקין...

— כ׳בין ניט אויפגעלייגט זען אַ בילד, אָבער דורכשפּאַצירן יאָ און איר האָנט האָט לייכט אַ ציטער געטאָן אין זיינער...

אויף די צוויי עלנטע מענטשן איז אַראָפּגעפאַלן די גרויסע באַשערטקייט... ניין, ס׳איז ניט געווען אַ קורצער שפּאַציר. זיי זענען געגאַנגען לענג־אויס ביים ים אין לבנה־ליכט, אין העל־נאַכטיקער שטילקייט. מאָדנע, אַלע גרויסע רייד וואָס אברהם האָט געטראַכט זענען אויסגערונען געוואָרן. ס׳איז געוואקסן זייער פריינטשאַפט, ווי זיי וואָלטן יאָרן זיך געקענט. די יונגע פרוי האָט מיט יעדן טראָט געקראָגן מער צוטרוי... איר גאַנג איז געוואָרן צעבונדן און לייכט. ס׳איז געגאַנגען לעבן איר אַ באַשיצער, אַ מאַן מיט אַ שטיל, איידל האַרץ... אברהם האָט אין דער יונגער פרוי געזען זיין ווייט־אַוועקגייענדיקע מוטער...

זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַזאַ לבנה! אַזאַ נאַכט! אַזאַ בלוילעכע ליכטיקייט! מען ווייסט גאָרניט וואָס איז דאָ ליכטיקער — דער הימל, דער ים, צי דער זאַמד. פון אַזעלכע נעכט ווערט געראַם אויפן האַרצן...

אברהם האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— דו רעדסט שיין, און זאָג מיר אויך „דו״!... מיר זענען דאָ אַראָפּגעפלויגן אין ישראל אויסגעריסענע, נאַקעטע. דאָס פוסטע

לאַנד און מיר נאַקעטע וועלן איינס דאָס אַנדערע באַקליידן... איך האָב דאָ אָנגעפאַנגען צוריק פון בראשית, זיך אפילו אַ נייעם נאָמען געגעבן: אברהם! ווי דער ערשטער איד... איך וועל זיין גליק־לעך דיר צו רופן שרה...

— רוף מיך שרה! זיי האָבן זיך אַרומגענומען און שטיל געשטאַנען איינגעוואַקסענע...

ס'איז שוין אַ שטילער בונד געווען צווישן זיי. אַזוי האָט געפאָדערט דאָס נייע לאַנד, אַז מענטש צו מענטש זאָל זיך צובינדן. די ווייסע נעכט האָבן ווי מיט קולות גערופן מאַן און פרוי זאָלן זיך באַקענען, דערנענטערן...

שרה האָט שטיל געזונגען פאַר גליק...

— האָסט זיך געלערנט זינגען, שרה?

— יאָ, אברהם! — איך זינג אין אַ כאָר. ישראל איז ניט קיין אָרעם לאַנד. אין די עטלעכע יאָר וואָס איך בין דאָ, דערקען איך ניט די שטעטלעך, דערפער. מען פאַרבט, מען בויט, מען רע־מאָנטירט. און חתונות, און טענץ. דאָ זינגען, דוכט מיר, די ביי־מער... כאָרן, שולן, און שפּאַצירן דורכן לאַנד. מען קריגט דאָ ליב יעדן שטיין...

— מיין פלאַן, אברהם, איידער דו שטעלסט זיך בויען אונזער היים, לאָמיר אַ שפּאַצר טאָן אין אונזער לאַנד...

אברהם האָט אַ כאַפּ געטאָן שרה'ס האַנט, זי געקושט. זי האָט געפילט זיינע טרערן...

— שרה מיינע, מיין גליק איז גרויס ווי די ערד און טיף ווי דער ים. האָסט אָנגעצונדן מיין האַרץ. איך האָב ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דיר. מיינע נעכט זענען געווען פאַרוואַגלט פון שלאָף. גוטער מזל מיינער, פון אַזויפיל פינצטערע שטעגן האָסטו מיר אַרויסגעפירט און מיר צוגעטיילט אַ ליכטיקע געשטאַלט. איך שווער דיר אונטער די ליכטיקע הימלען פון ישראל: כל זמן מיין האַרץ וועט קלאַפּן, מיינע אויגן וועלן זיין אָפן, וועט זיך מיין גליק אָנשפּאַרן אָן דיר...

— אברהם, דו רעדסט ווי די גרויסע פּאָעטן אין זייער העכסטן

עקסטאַז. דיין ליבשאַפט איז געקומען צו מיר פלוצים, ווי פון הימל... די ליבע פון אַ פרוי קען זיך צעפלאַמען ווי די זון, ווען דער מאַן ווייסט ווי צו שעצן זיין פרוי. אַ פרוי ווערט צוגעבונדן צו איר היים, משפחה. אָבער דער מאַן מיט די פליגל דאַרף כסדר אַרומפאָכען אין נאָענטן קרייז פון זיין היים... דיינע רייד, אברהם, האָבן צעעפנט מיין האַרץ. איך האָב געטראָגן שטומע, גרויסע געפילן פאַר אַ מענטש וואָס קען מיר נאָענט ווערן... דו ביסט געקומען, אברהם! און דו זאָלסט קענען לערנען אַ פרוי ווען זי שמייכלט, צי זי איז אומעטיק — זאָלסט זי פאַרגיטיקן מיט צערטלעכקייט. און איך וועל היטן מיינע פליכטן. די גרויסע מלחמה־צרות האָבן מיר טיף געלערנט... איצט, אברהם, לאָמיר זאָגן דער וועלט אַ גוטע נאַכט — שאַ־שטיל, כ׳וויל ניט אויפוועקן מיינע בעלי־בתים...

זיי האָבן לאַנג געקוקט איינע אויף די אַנדערע, ביז שרה איז אַריין און פאַרמאַכט די טיר...

9

ס׳איז געקומען אַ געבענטשטער טאָג צו אברהם.

ווען די גליאונג פון דער זון איז שוין געווען געלאָשן, האָבן זיך באַוויזן די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו מיט זבולנ׳ען בראש — אַלע מיט רידלען אויף די אַקסלען. זיי האָבן אויסגעטאָן די אַרבעטער־העמדער און מיט הוילע פּלייצעס, אָפּגעברענטע פון דער זון, האָבן זיי זיך צעשטעלט, אָפּגעטראָטן איינער פון צווייטן, איבער אברהם׳ס מגרש...

דעם ערשטן רידל זאַמד האָבן זיי מכבד געווען שרה׳ן. דעם רידל זאַמד האָט זי אַ שאָט געטאָן קעגן זון און אַלע האָבן אויפגעיובלט... דעם צווייטן רידל זאַמד האָט אַ שאָט געטאָן אברהם, און ווידער אַ שאַלונג... דערנאָך האָבן די חברים, צווישן אָנגעצויגענע שפּוגאָטן, גענומען וואַרפן רידלען זאַמד. פריער האָט דער זאַמד לייכט געשטויבט; טיפער איז דער זאַמד געוואָרן פייכטלעך, געל

און שווערער. די מענער זענען שוין געשטאַנען ביז די קנעכל אין פּירקאַנטיקן ראָוו. די אַרויסגעוואָרפענע רידלען זאַמד האָבן זיך צייטנווייז אָנגעשלאָגן אין דער לופטן, און אַ דומפּער ערד־געשריי האָט אָפּגעקלאַפּט...

עס האָבן געגלאַנצט מענערישע פּלייצעס, עס האָבן געבליצט רידלען. ס׳איז ניט געווען קאָנטיק די חברים האָבן זיך אָנגעאַרבעט אַ טאָג באַ די טראַקטאָרן... דער אחריות׳דיקער ווילן אַרויסצור־העלפן דעם ניי־געקומענעם איד אברהם האָט זיי געמאַכט אויסקוקן ווי איין משפחה פון צוואַנציק ברידער... זיי האָבן געוואָרפן פון דער טיף דעם שווערן זאַמד מיט אויסגעשרייען, געלעכטערס, שאַר־פע ווערטלעך... עס זענען געשטאַנען קינדער, אָנגעלאָפענע פון קרית־ים. די סאַברעס האָבן מקנא געווען די מענער... ווען מען לאָזט זיי אַריין אין די גראָבנס, וואָלטן זיי מיט זייערע הענטלעך אַרויסגעקניפּט דעם קלעפּיקן זאַמד... איצט האָט מען שוין בלויז געזען פון די טיפענישן די קעפּ פון די חברים...

ווען די חברה זייַנען אַרויסגעשטיגן האָט שוין דער פּאַרנאַכט גע־ליכטיקט און געטונקלט צוזאַמען. זיי האָבן געזען אויף אויסגע־לייגטע ברעטער זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט עוגות צעשניטענע, אַ פלעשל משקה און גלעזלעך...

זבולן האָט דער ערשטער גענומען זיין גלעזל אין האַנט און האָט געזאָגט:

חברים, אייערע הענט האָבן היינט געטאָן גרויסע מעשים... איר האָט געהאָלפן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ גראַטעוועטן איד. ניין, ס׳איז ניט איין אידישער מאַן, איין אידישע פרוי. איר האָט געהאָלפן לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ היים אין ניי־ישראל!...

— לחיים, אדון אברהם! לחיים גברת שרה! לחיים חברים!

און זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך. טראָפּנס בראָנפן האָבן אַראָפּגערונען אין זאַמד און אברהם׳ס מגרש האָט אויך גע־טרונקען לחיים...

אויך אברהם האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער בעת אין זיין האַנט האָט געציטערט דאָס גלעזל, אין דעם גלעזל שנאַפּס האָט געציטערט

דער ישראל־הימל... רבותי: מיט אייערע רידלען אין די הענט האָט איר געהייליקט די פּאַרלאָזענע ישראל־ערד... לחיים, אידן! לחיים, שכנים טובים! זיין קול איז געווען דורכגענומען מיט פרייד און טרערן...

10.

קרית ים איז געווען אויפגערודערט. מען האָט געבראַכט אויף אַ מיליטערישן טראָק צוויי הרוגים — צוואַנציק־יאָריקע אידישע בחורים. פיינטלעכע קוילן האָבן איבערגעזעגן זייערע יונגע לעבנס, היטנדיק די גרעניצן פון אידיש לאַנד... זיי זענען געלעגן אין אָפענעם טראָק אין זייערע סאָלדאַטסקע מונדירן, ווי שווער־שלאָפענדיקע. זייערע אויגן פאַרמאַכט. די מיילער פאַרזיגלט. די הענט און פיס אויסגעצויגענע. די פּנים׳ער אויסגעזויגענע, אויסגעביינט, אויסגערונענע פון מראה...

איין מאַמע האָט זיך געריסן צו איר זון, געוואָלט אים אויפוועקן פון זיין אייביקן שלאָף... אירע אויגן אָנגעצונדענע, וואַנזיניקע. זי האָט אויף זיך געריסן די בליוזקע. איר ריטשען — פון אַ פאַרוואונדעטער חיה. עס האָבן איר געהאַלטן פאַר די הענט שכנות: חנה! חנה! נעמט איך צוזאַמען, און זיי האָבן מיטגעשריען, מיטגעוויינט...

די צווייטע מאַמע איז געשטאַנען געבויגן, אַ ציטערדיקע, אַן אויפגעשצעמטע, אָן אַ קול, ווי אַ שמעלצנדיקע ליכט אין הייסע טרערן...

די איינוואוינער זענען געשטאַנען מיט געבויגטע קעפּ. די אומגליקן האָבן זיך שוין ניט איינמאָל איבערגע׳חזר׳ט. אויך די קינדער זענען געשטאַנען דערשראָקענע... אויך מיליטער־לייט, פּאָליציי זענען אָנגעוואַקסן. מען האָט דעם מיליטערישן טראָק איבערגעדעקט מיט בלוי־ווייסע פאָנען. די היטלען פון די הרוגים האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די פאָנען און די ביקסן מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט...

די סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם טראָק. זיי זענען גע־בליבן שטיין ווי הייליקע שומרים מיט די ביקסן אויף די אַקסלען... און איינער פון די עלטסטע האָט שטיל גערעדט:

— צוויי אידישע געטרייע זין זענען געפאַלן אין דינסט פאַר זייער לאַנד. ס'איז ניטאָ קיין פאַרגעבונג פאַר די מערדער וואָס האָבן געצילט אויף די פרידלעכע זין פון ישראל. ניטאָ קיין לינ־דערונג פאַרן צער פון די עלטערן און משפחה. איין טרייסט — זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר זייער יונג לאַנד...

ער האָט אַ צייכן געגעבן, און די סאָלדאַטן האָבן עטלעכע זאַלפן געגעבן פון זייערע ביקסן. די עכאָס האָבן ווי אַריבערגעשריען צו די גרעניצן... דערנאָך האָט איינער פון די בעלי־בתים אויסגע־וויינט דעם אל מלא רחמים און דאָס געזעמל האָט געוויינט מיט איין מעכטיק קול...

דער טראָק האָט זיך פאַמעלעך גערירט...

אויפן בית־עולם איז אברהם אַרומגעגאַנגען צווישן קברים מיט פריש־אויפגעשלאָגענע ברעטלעך, געלייענט די נעמען פון קדושים וואָס זענען געלעגן אין שטייניקער ערד. מיידלעך און בחורים — זיי האָבן זיך פאַר'קנס'ט אויף אייביק פאַר זייער אויסגעקעמפטן לאַנד... אַלע קברים זענען געווען פאַרטונקען אין בלומען... אויך מיין משפחה איז אומגעקומען — ווער ווייסט וואו?... ניט קיין מצבה, אַ ברעטל... אָבער די אידישע טעכטער און זין האָבן באַשיצט זייער לאַנד...

אברהם האָט זיך שפּעט אומגעקערט אין קרית־ים און זיין צער האָט זיך געשטילט ווען ער האָט דערזען די נייע אידישע הייזער מיט באַלויכטענע פענצטער...

.11

אברהם איז אָנגעוואָקסן געוואָרן מיט פּלענער און מעשים. דאָס לאַנד ישראל איז גורם... ער האָט זיך געכאַפּט אַלעמאָל צו עפּעס אַנדערש, וואו די ווינטן האָבן געבלאָזן... ער איז פאַרוואַנדלט גע־

וואָרן אין פיל העגט... אַלע ידיעות האָבן אויפגעציטערט אין זיין האַרץ ווי אויף אַ האַרף. אַלע געשעעניש פונעם לאַנד זענען ווי דורך אים דורכגעגאַנגען. דאָס לאַנד מיט די מענטשן זענען דאָ ווי צוזאַמענגעוואָקסן... איין קליינע מעלדונג — און ס'האָבן זיך אויפגעכאַפּט מענער, פרויען, בחורים און מיידלעך... זיי האָבן באַלאַגערט אויטאָבוסן, מיליטערישע טראָקס און צו־פוס.. זיי זענען אַוועק אויסלייגן אַ כביש אין נגב...

יונגע בחורים און מיידלעך שטייען אויף די טורעמס וועלכע זענען אויסגעשפּיצט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי שטייען אָנגעגורט מיט שפּאַקטיוון, געווער און טעלעפּאָןאַפּאַראַטן... צייטונגען, זשור־נאַלן זענען פול מיט העראָאישע בילדער און וועקונג... עס זענען אַוועק פון קרית ים דער סטאָליער, דעם דאָקטאָרס צוויי טעכטער, אַ פּאָר חברים פון קאָאָפּעראַטיוו...

אָבער זבולן איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— איר קענט אונז ניט פאַרלאָזן, אברהם! איר טוט אייער גרויסע פליכט פאַרן לאַנד — אַ שומר!

אויך מאַטערט אים וואָס ער קען ניט אויסשטרעקן ברייט זיין האַנט פאַר שרה'ן. זיי לעבן באַזונדער. ער שלאָפט אין ברעג פון שאַלאַש אויף אַן אויפגעקלאַפּט בעטל, און שרה אין אַ צימערל אַ שפּאַן די גרויס. זי האָט ניט וואו אָפּצוקאָכן אַ טעפּל געקעכץ. זי באַקלאָגט זיך אויפן הויז־באַזיצער זאַלמענאָוויטש. זיין גרויס הויז האָט ער איבערגעצאַמט אין פערציק צימערלעך, ווי אַ טור־מע... עס וואוינען דאָרט אומגליקלעכע מענטשן, געקומענע פון לאַגערן... זי באַקלאָגט זיך, זי גייט צו דער אַרבעט ווי אַ שכור'טע. עס פעלט איר רו און שלאָף. צו אַלע גוטע מעלות קריגט מען ניט אַ בעסערן ביסן...

אברהם ענטפערט שטיל:

— וואָס איך בין איצט מקנא, איז די מענטשן וואָס וואוינען שוין אונטער זייער אייגענעם דאַך. איך מוטשע זיך שווער צו קריגן מאַטעריאַלן. ניטאָ נאָך קיין וועג אַן אויסגעלייגטער. דער טיפער זאַמד האַמעוועט... מיר קומט אויס איבערטראָגן שטיינער,

געהילץ, זעקלעך צעמענט אויף מיינע פּלייצעס... ווּעסט לאַנג ניט אַרבעטן אין פאַבריק, מיר וועלן זיך איינוואַקסן, איינבויען...

די גוטע נייעס — מען לייגט אויס אַ וועג אין קרית־גלים — האָט אברהם זיך דערוואוּסט ביים שערער. ניין, ביים שערער האָט מען זיך גאָרניט געקענט דערווּיסן. אַליין אַ געבוירענער אין מצרים, האָט ער אידיש כמעט ניט פאַרשטאַנען; העברעאיש האָט ער גערעדט פאַרשלונגען אין געצײלטע ווערטער. ער איז געשטאַנען אין ווייסן פּידזשאַקל אָדער מיט אַ גאָל־מעסער, אָדער מיט אַ שערל אין האַנט. קעגן די שפּיגלען האָט ער פאַרבאָרגן אַ קוק גע־טאָן אויף זיינע קליענטן וועלכע זענען געזעסן אויף שטולן איבערן פאַרליכטיקטן צימער...

דאָ, ביים שערער, האָט אברהם זיך צוגעהערט צו די אידן... זיי האָבן גערעדט העפּטיק וועגן נייעם וועג וואָס מען לייגט שוין אויס. אויך וועט די באַן דורכגיין נאָענט. אַ איד פון קרית־ים האָט אויך געקראָגן אַ קאָנצעסיע אויף אַן אייז־פאַבריק...

ניט איינמאָל גייט אברהם איבער די זאַמדן באַהילפיק זיין אַן עלטערער פרוי, אַן עלטערן איד דעם שווערן חלק אייז צוצו־טראָגן. אמת, אַ סך איינוואוינער האָבן שוין אייגענע פרירערס אויף עלעקטריע. ס׳איז ווייט ניט ווי אַמאָל אין די ליטווישע שטעטלעך.

אברהמ׳ס באַקאַנטשאַפט מיט די איינוואוינער פון קרית־ים זענען געווען מערסטנס בעלי־מלאכות. די אידן זענען בטבע צו־געלאָזענע, פון זיין טייג געקנאָטן... אַ סימן: ער האָט זיך באַ־קאַנט מיט זאַלמענאָוויטשן, אַ קיילעכדיק אידל, פאַרגאָסן מיט שמייכעלעך — האָט אברהם גלייך געוואָרפן אַן אומחן... ער איז געגאַנגען מיט אַ שטעקן איבער די זאַמדן, און אַ הונט איז אים נאָכגעגאַנגען... ער האָט גראָד געוויזן אויפגעטראָגנקייט, דער ערשטער אפילו באַגריסט: ר׳ אברהם! בראָקנדיק מיט פּסוקים... ער האָט גערעדט באַגייסטערט וועגן די נייע עולים.

— איר דאַרפט וויסן, ר׳ אברהם, איך בין דאָ ניט קיין „נאָוואָ־בראַניעץ״. מיין הויז איז מיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל... אָבער

דאָס הויז טוט מיר אָן אַ סך נחת, וויסנדיק אַ סך נייע עולים האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

אברהם האָט אויפגעזאָטן:

— באַרעכנט איר ניט אַמאָל, אדון זאַלמענאָוויטש! די צימער־לעך אין אייער הויז זענען אַביסל צוגעכאַפּט... און מען צאָלט אייך צו טייער...

— ר׳ אברהם! — האָט זאַלמענאָוויטש געשמייכלט... מיינע קוואַרטיראַנטן זיינען ווייבער אָן מענער און מענער אָן ווייבער... זיי אַרבעטן און אַלץ ווערט אָפּגעהיט, עס פעלט זיי ניט אַ פאָדעם... אין אונזער לאַנד איז אַ זינד זיך אויסצושפּרייטן... יעדער שפּאַן ערד איז טייער און הייליק... די צימערלעך זענען געפּאַרבט, גע־לופטיקט. איר מעגט מיר גלויבן, ר׳ אברהם, פון מיין הויז האָט זיך קיינער ניט אַרויסגעצויגן...

— וואו זאָלן זיי זיך ציען? — האָט אברהם אים גוט אָנגע־קוקט...

— זאָלן זיי בויען אייגענע הייזער. מען האַלט זיי פאַרבונדן די הענט?... מיר וועלן עלטער ווערן, ווער איר ערשט זען דאָס אָן אייגן הויז טרייבט אַריין... מען צאָלט פאַר וואַסער, עלעקטריק שווערע צינזן... אַ הויז מוז מען פאַרזיכערן... מען ווייסט דען ווי מענטשן באַגייען זיך?... ווי איך זע, ר׳ אברהם, זייט איר אַ שטיקל סאָציאַליסט...

.12

אין דער נייער אַרבעט האָט אברהם זיך אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן „און ס׳איז אים געגאַנגען פון טיר און טויער". ער האָט איינגעקויפט ביי די פאַרמערס יונגעביימעלעך, מערסטנס פון ציט־רוס־מינים. די ביימלעך האָט ער געהאַלטן צוגעדעקט מיט ראָגאָ־זשעס אויף דער ערד, אין שאָטן. און מיט עטלעכע ביימלעך, איינ־געבונדן אין אַ טוך אויפן פּלייצע, איז ער אַרויס אין קרית־ים אי־בער די געסלעך און שטיל אויסגעזונגען: איך פלאַנץ עפּל־צינען! ציטרינען! אתרוגים! פייגן! מלגרוימען! טייטלען!...

געקראָגן אַ באַשטעלונג, האָט אברהם ניט געבאַלעמוטשעט. אויסגעטאָן דאָס רעקל און מיטן נייעם רידל דעם זאַמד אַרויסגע־יאָגט, אַרויסגעוואָרפן פון אינווייניק צו דער זון... ער האָט גע־גראָבן שמאָל און טיף... דאָס בוימל אַריינגעשטעלט גלייך און צוגעשטייפט די פייכטע זאַמדן אַרום די וואָרצלען. אויך פון אַ זעקעלע אַ פּאָר קענדלעך ווייסן כעמישן מיסט אַריינגעשאָטן. אויך אַ פּאָר הויפנס שוואַרצע ערד... די ערשטע פּאָר רידלען זאַמד האָט ער לייכט איינגעטראָטן מיט די פיס, דערנאָך האָט ער שוין גע־שאָטן די זאַמדן העפטיק... ער האָט געגאָסן וואַסער אַרום בוימ׳ל, און ווידער געשאָטן די זאַמדן... אויך אויסגעמאָסטן פון איין בוימל צום צווייטן עטלעכע פוס, אויסגערעכנט אין צעצווייגן, זיי זאָלן ניט אָנרירן איינס דעם צווייטן... ער האָט געלערנט די איידעלע אַרבעט סיי אין אַגראָנאָמישער שול, סיי איבער די וועגן, וואו ער האָט זיך אויסגעוואַלגערט מיט עטאַפּן, עשאַלאָנען...

ער האָט זיך געפירט מיט די איינוואוינער פון קרית־ים אויף דעם אופן: ניט גענומען באַצאָלט ביז וואַנען די בוימלעך האָבן זיך ניט צוגענומען... ביז וואַנען מען האָט געקענט מערקן אויף זייערע דינע שטאַמלעך זיי האָבן זיך אָנגעטשעפּעט מיט וואָרצלען טיף אין די זאַמדן... אפילו ער האָט שוין געקראָגן זיין אויסלייז־געלט, איז ער געקומען מבקר זיין די בוימלעך... דאָס איז געווען אַן עובדא! ווען ער האָט צוואַנציק הענט, וואָלט ער פאַרנומען גע־ווען טאָג און נאַכט...

די אַרבעט האָט אים אָנגעגורט מיט פרייד און ליבשאַפט. די בוימלעך זענען געשאָקלט געוואָרן פון גאָטס ווינטלעך. אַרום די נייע, אַרויסשפּראָצנדיקע בלעטלעך איז געקומען צו־גאַסט אַ משה־קיעלע, אַ גיפּינטלטע, אַ רויטינקע, מיט אַ סך צענומענע פּאַ־לעס; אויך אַ שמעטערלינג איז געשטאַנען פאַרטראַכט אויף אַ בלעטעלע; אַ שמייענדיקע בין האָט זיך געטראָגן מיט אַ ברומען; אויך פייגעלעך האָבן זיך באַוויזן... חוץ די יונגע בוימלעך וועלן באַצירן אידישע הייזער, וואָס זענען אַ טייל פון באַנייטן לאַנד, וועלן זיי געבן שאָטן, פּירות און געשמאַקע ריחות. קליינע קינדער וועלן

ניט זיין אויסגעשאָטן אויפן גליענדיקן זאַמד. זיי וועלן זיך שפּילן אויפן פאַרשאָטנטן זאַמד... דאָס פלאַנצן בוימער האָט אים אַריינגעפירט אין די הייזער פון די איינוואוינער. ער האָט געוואוסט זייערע נעמען און מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. און די קינדער האָבן אים גערינגלט און באַוואונדערט...

13.

אברהם איז באַהערשט געוואָרן מיט נייגיר און פרייד, ווען ער האָט באַמערקט די קורצע מעלדונג אין ציימונג: זייגע לאַנדסלייט קומען זיך צונויפאַמען...

ער האָט זיך אָנגעטאָן לייטיש, אפילו אַן אויבערהעמד מיט אַ שניפּס, און ער האָט זיך אויפגעזעצט אין אויטאָבוס. אמת, ניט דעם ערשטן מאָל ער פאָרט אין אויטאָבוס, אָבער אַזאַ געדיכטקייט, געפּאַקטקייט האָט ער ניט בייגעוואוינט. מען האָט ניט אַרויסגעזען דעם אָנטרייבער. ס'איז געשטאַנען אַ גערעדעריי פון פיל שפּראַכן, קאָשיקעס, טאָשן איבער די פּאַליצעס, ביי די פיס און אין די הענט... ער איז דאָך שוין אַ סך מאָל געפאָרן אין תל־אביב — אים האָט זיך געדוכט דער וועג איז אומבאַקאַנט און ניי... איבערן וועג, ביי די ראַנדן און זייטן, האָבן זיך באַוויזן בויענדיקע הייזער; גרופּעס אידן האָבן אויסגעלייגט רערן; תימנ'ער אידן האָבן געפלאַנצט בוימער בייביידע זייטן שאָסיי. זייערע רעקלעך זענען געלעגן צעוואָרפן, ווי שוואַרצע לאַטעס אויפן ווייסן זאַמד. די דאַרע אידן מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, געבויגענע איבער די רידלען, האָבן מיט מונטערע קולות באַגריסט די פּאַסאַזשירן אין אויטאָבוס מיט שלום! שלום!

ביי יעדער סטאַנציע האָבן די פּאַסאַזשירן זיך קוים אַרויסגעקליבן, און אַ פרישע מענגע פרויען, מענער, קינדער האָבן זיך געדרענגט אין דער אָפענער טיר...

— ס'איז ניט קיין גרינגער פאָרן אין ישראל! — האָבן די

פּאַסאַזשירן גערעדט... אַ שפּאַס, אַזויפיל נייע עולים אָנגעקומענע אין לאַנד... גלאַט אידן זיצן ניט אין די היימען...

אַ ותיק האָט זיך צעבייזערט:

— איר זענט איבערן האַלז אין גלות־ווייען... גייט, אדרבא, אין קיבוצים, דערפער און זעט ווי אידן אַקערן, אידישע פּאַסטו־כער...

— איר זינגט ווי אַ קאַנאַריק — האָט זיך א איד מיט אַ קאַשיק אין האַנט אַריינגעמישט, אַוודאי אַ פּקיד!...

— „דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן" — האָט אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען מיט פּעקלעך, זיך אַריינגעמישט...

אברהם האָט געטראַכט: דורך אַלע מיילער רעדט די רויקייט און נויט פון לאַנד...

אַראָפּגעשטיגן אין דער ווייסער שטאָט תל־אביב, איז אברהם געוואָרן אויסגעמאַטערט, דאָרשטיק. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף איינעם פון די שטולן וואָס זיינען געשטאַנען ביי ליידיקע טישלעך אין דרויסן. די דרויסנדיקע רעסטאָראַנען זענען אַ געשאַנק פאַר מידע און דאָרשטיקע... ביי אַ גלעזל טיי לייענט מען אַ צייטונג. מען קוקט אויף דער באַליבטער שטאָט. אידן זענען רירעוודיק אפילו אין די גרויסע היצן... אין די רעסטאָראַנדלעך רעדט מען זיך אָפּ צו טרעפן מיט אַ פריינדין, חבר, באַקאַנטן. מען שטערט אייך ניט זיצן. עס פעלט דען פּלעצער?... דער דרויסן איז גרויס, ברוך השם... אַ סך זיצן פאַרטראַכטע מיט סיגאַרעטלעך...

— די זון האָט שוין איר גליהונג פאַרלאָרן — זיך פאַרקליבן אין די יהודה־בערג. איבער תל־אביב, האָט אַ פאַרנאַכטעקער בלויער הימל געניִדערט.

— אברהם! האָט זיך אויפגעהויבן — געגאַנגען דורך „רש"י"־גאַס. דורך „רמב"ם"־גאַס. ער האָט דערזען די מענטשן געבי־טענע, מער ניט קיין איילענדיקע, אויסגעטאַנענע פון פּרנסה־יאָך... — פרויען געפּוצטע, לאַכענדיקע. בחורים און מיידלעך געאָרעמטע. די פענצטער אין די הייזער באַלויכטענע. די אויטאָ־מאָבילן מיט ברענענדיקע אויגן. די ווייסע יונגע שטאָט, איז

געוואָרן עלעמוגירט, און די מענטשן פאַרוועבטע מיט די נאַכטיקע פייערן, — האָבן אויסגעקוקט ווי זיי געפינען זיך אויף אַ גרויסן יום טוב!...

14

אברהם איז געשטאַנען הינטערן טיר, וואו זיינע לאַנדסלייט זיינען געווען פאַרזאַמלט. עס זיינען אויף אים אָנגעשוואומען גרויסע מאָמענטן... — לאַנדסלייט זיינען אין אַ נייע מדינה, ווי ברידער און שוועסטער... — איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן — און דערנערדיקע וועגן, קומט ער זיך ווייזן... — וועלן זיי אים דערקענען?

— ער איז דורכגעגאַנגען מיט אָנגעגליטע געפילן... זיין האַנט שטרעקט זיך ניט אַן עפן טאָן די טיר... ער הערט רייד פון אַ סך מענטשן... די קולות זיינען אים פרעמד... עס קומט אים אויס — ווי יוסף האָט זיך געלאָזן דערקענען צו זיינע ברידער... יע, לאַנדסלייט זיינען ברידער און שוועסטער! מען איז אין די אַלטע היימען געווען איינגעוואָקסן שכנים, מיט שכנים, ווי גרויסע משפחות...

— ביים טיר איז צוגעקומען אַ מאַן מיט אַ באָרד, און צו־געברוינט פנים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט — פאַרקוקט צו אברהם... — דו דערקענסט מיך?

יע! — אָבער פאַרגעסן דעם נאָמען...

— ווער ביזסטו? — איך! — זעליג דעם מלמד׳ס זון!

— ווען ביזסטו אָנגעקומען אין אונזער לאַנד?...

— אַזוי, — פון די נייע עולים! פון וואָס פאַראַ מקום אויף גאָטס ערד קומסטו? — איך קום פון אַ סך מקומות... — און אברהם האָט אָפּגעזיפצט.

— נו, מיר ווייסן, די פינצטערע וואָלקנס, האָבן אונז אָפּ־געשווינקט...

זיי זיינען אַריין אַקסל, צו אַקסל, אין באַלויכטענעם פאַרוישטן זאַל...

ס׳האָט גענומען מינוטן — און לאַנדסלייט, האָבן ווי בינען געהודיעט אַרום אברהמ׳ען. ער איז געוואָרן דער וואונדערלעכער לייטער, אויף וועלכן די לאַנדסלייט זיינען געשטיגן אין זייערע דערמאָנונגען...

— האָ — דו געדיינקסט די ציגעלני?... דעם אַלטן מאַרק?...

— אברהם האָט געזען פאַר זיך — אַ געזעמל עלטערע אידן וווייבער. אָבער נאָכן דערקאָנען זיך איז די עלטערקייט אָפּגעשוואַ־מען... די זעלבע ליבע פּנימער... זיי האָבן דערמאָנט די אַלטע היים... די יונגע יאָרן...

— די לאַנדסלייט האָבן זיך אויפגעהויבן פון די שטולן. זייער פריידעקע צערודערונג איז געווען גרויס... זיי האָבן געשריבן מיט בלייפעדערס אויף שטיקלעך פּאַפּיר וואו זיי געפינען זיך...

נאָר, מער ווי רירנד איז געווען נחמן עטעס!... אָט דער זקן, האָט זיך געקושט מיט אברהם און געוויינט אויף זיין האַלז ווי אַ קינד.

—געדיינקסט, פלעגסט קומען צו מיר אין שטוב?...

אַ שטוב — אַ „פּאַקוי״ — איצט ביי די קינדער אין ישראל!

— לאַסקאַוועך ברויט ברודערקע!...

איך גרייט זיך שוין אין קימפּעט... מיינע ביינער וועלן ליגן אין דער הייליקער ערד... קום אַריבער צו אונז, מיר זיינען דאָך געווען שכנים...

אויך אַ נידעריקע דיקע פרוי מיט גרויע האָר אין קאָפּ, האָט צוגענעענט — נו, נו, זאָג ווער בין איך?

— אברהם איז רויט געוואָרן... עס האָט אַ שלאָג געטאָן הויך זיין האַרץ... דאָס איז דאָך טייבל דעם חונ׳ס טאָכטער! אין וועמען ער איז געווען פאַרליבט.

ניט קאָנטיק איר פייערדיקער רויטער קאָפּ...

— ביי מיר, היטן זיך נאָך אויף די לידער אין אַלבאָם, וואָס

דו האָסט אָנגעשריבן! אויך דיינע פאָטאָגראַפיעס. קום אַריבער וועסטו זען סאַראַ שיינער אינגל ביסט געווען. — נו, יאָרעלעך, יאָרעלעך, אַוועקגעקייקלט ווי די רעשעלעך... איך האָב שוין דריי קינדער הי געבוירענע...

— אברהם איז געשטאַנען צעטומלט. אין אים זיינען אויפ־געגאַנגען דערינערונגען פון ווייטע קינדערשע יאָרן; — און ווי ווייט פאַרקלונגענע נגונים, — זיך אַריבערגעזונגען אין ווידער־קולות...

15.

אברהם, האָט געאומעטיקט — שרה איז אַוועקגעפאָרן. דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט זי מוז זיך אויסרוען. דאָס בייטן דעם ים־קלימאַט — אויף די בערג וועט איר שטאַרקן...

— אברהם! — האָט זי געזאָגט: דערוואַרט ניט קיין בריוו. איך וויל זיין אין שטילעניש און מיט זיך אַליין. אָבער דו ביסט טיף אין מיין האַרץ...

זי איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ טאַקסע, און אברהם איז געבליבן שטיין אויף די זאַמדן ווי פאַרלאָרן...

— ער האָט ניט געפונען קיין אָרט אויף זיין שמאָל געלעגער... דער שלאָף איז אַנטרונען. ער האָט איבערגעטראַכט זיין לעבן פון די ווייטע קינדער־יאָרן... ס׳האָבן זיך אומגעקערט אַ סך פיינלעכע איבערלעבונגען. ער האָט זיי געוואָלט פאַרמעקן, פאַרגעסן...

ער איז אַראָפּ פון געלעגער און אַרויס אין דרויסן. די שטילקייט, שלאָפעדיקייט האָט אים געשראָקן... פאַרגייענדיקע קולות פון שאַ־קאַלן האָבן געשפאַלטן די נאַכט אין אומהיימלעכקייטן...

ער וועט מוזן אויפזוכן אַ צימער באַ אַ משפחה. ער קען מער ניט איבערטראָגן איינזאַמקייט... זיין לעבנס קרוג איז פול מיט ליידן...

ער וועט מאָרגן פרעגן רבקה די אלמנה וועגן אַ צימער. רבקה האָט אים אַליין אָנגעמוט — זי וויל ניט קיין פרוי וואָס זאָל זיך

מישן אין קיך, און צעטראָגן פליאַטקעס. איר גאָט־זעליקער מאַן, האָט איר איבערגעלאָזן אַ הויז, — מיט זיינע הענט אויסגעבויט. — זי האָט דערציילט: — ער האָט זי געטראָגן אויף די הענט. זי האָט ניט געוואוסט פון זאָרג. חוץ אַן איבערגעגעבענער מאַן, אַ טאַטע צום קינד, האָט זיין נאָמען געקלונגען איבערן לאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין פיל נייע פונקטן, וואָס מען האָט געבויט. ער איז געגאַנגען אין אַלע געפאַרן. יע, ער האָט ליב געהאַט זיין לאַנד! זיין ווייב! זיין קינד! — אוי פעלט ער מיר מיין דוד! ער האָט צוגענומען אַ שטיק האַרץ. מיין לעבן איז פאַראומערט. מיינע טעג זיינען אָן שיין. ווען ניט דאָס קינד, די שיינע נייע היים; — וואָלט איך אַוועק איבערן לאַנד צו פוס, צו פוס, ביז מען וואָלט מיר געפונען ערגעץ אין פעלד פאַרגליווערט...

די רייד פון דער אומגליקלעכער פרוי, האָט אים טיף גע־רירט... ער איז גרייט געווען ניט נאָר ארויסהעלפן אין שווערן יאָך... — אפילו לינדערן איר איינזאַמקייט. ער וועט איר זאָגן: זי זאָל גיין פאַרברייגגען. ער וועט היטן די שטוב, דאָס קינד. צעשטרייאונג איז היילונג צו אַ צעבראָכענע נשמה... קיינער ווי ער קען ניט אַזוי מיטפילן אַ מענטשן, — וואָס איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון פריידיקן לעבנס־בריק...

16.

אברהם האָט געטראַכט ס׳איז לייטעשער קומען צו אַן איינזאַמע פרוי אינמיטן טאָג, — ווען אַלע טירן, פענצטער, זיינען אָפן. בייטאָג — די זון איז אין הימל, איז בעסער צו באַטראַכטן דעם צימער. אמת, דעם צימער וועט אים אויסקומען אָנהאַלטן געציילטע חדשים. זיין הויז לאדעוועט זיך. אויף אים האָבן זיך פאַרקוקט נאָך אידן, וואָס האָבן געקויפט מגרשים אין קרית־גלים. עס קלאַפּט, עס בראַזגעט אַרום, און עס הויבן זיך אַרויס פונדאַמענטן. אָבער זיין הויז — זיינען שוין די ווענט אַרויסגעהויבן. די

שטיינערנע בלאָקן זיינען איינגעפּעסטיקט, איינגעוואָקסן און גראָב אין צאָל. עס קען זיך ברייטלעך לייגן אַ מענטש שלאָפן... דיקע ווענט, זיינען אַ סגולה ווינטער צו קעלטן, און זומער קילן אַזעלכע ווענט...

— ס'איז נאָך אידאָ אַ סך צו טאָן: — פענצטער, טירן, און דילן אין די צימערן — פון גלאַטע געקעסטלטע שטיינער. און וואַסער אינסטאַלאַציע. עלעקטריק. אַ דאַך איבערציען. דעם דאַך דאַרף מען פּעכעווען. וואו איז מעבל? — אַן אויוון, קאָך־מכשירים. און די אַלע אינווייניקסטע דראָטן, רערן... — אין וואָס מען לייגט אַריין פלאַן, מי, האָט מען שפּעטער ניט קיין חרטה...

— ער האָט זיך ניט געריכט, — ווי גרינג ס'איז אים אָנגעקומען דעם צימער דינגען.

— איך צאָל אייך אָפּ אדון! — האָט רבקה שטיל געזאָגט:

— פאַר די בוימעלעך, וואָס איר האָט פאַרפלאַנצט. אדרבא, קוקט:

— זיי האָבן זיך צענומען, צעוואָקסן... אַ היים דאַרף מען פּוצן, וואַשן, — זעט מען בעסער גאָט'ס וועלט... ריינקייט פאַרטרייבן מוראַשקעס, ווערים. דער קלים (קלימאַט) איז אַ שווערער אין ישראל. ווער רעדט בלומען, בוימער אַרום אַ הויז, — זיי צירן דופּטן. בוימער שאָטענען און גיבן פּרוכט. דער געמיט ווערט געהיילט — מען קוקט אויף זיי...

— אברהם האָט איינגעצאָלט, — און רבקה האָט אים געגעבן אַ שליסל צום טיר...

— נו, איך ווינטש אייך גוטן מזל: — איר זאָלט איינגיכן זיין אין אייער אייגן היים... דאָס קינד מיינס איז אַ שטילס. אויך די שכנים מישן זיך ניט. ניט קיין וואונדער: — כמעט אַלע נייע אַריבערגעקומענע, זיי זיינען פאַרטאָן... אַ קליינעקייט זיך איינבויען אין אַ ניי לאַנד!... אויך מיר וועט זיין פריילעכער... און דאָס קינד מיינס זאָל לעבן — וועט אַרויפציען אַ נייע הויט.. מיר קענען גאָרניט שאַצן ווי טיף זיי שפּירן דאָס קליינוואַרג.

ווי זיי קענען זיך צובינדן... אַ נייער טאַטע איז געקומען אויף אַ פּאָר חדשים...

— גברת! — האָט אברהם איר איבערגעשלאָגן — עס קומט אייך גרויס דאַנקבאַרקייט, — היינטיקע צייטן אַ צימער! נאָך אַזאַ צימער, מיט פענצטער צום ים. איך וועל אייך אָפּצאָלן, — וועל אייך אויפשיטן אַ גאָרטן. איר האָט אַזאַ גרויסן פּלאַץ וואָס פּוסטעוועט. איר וועט ערשט דערפילן דעם טעם פון אַן אייגן אוגערקע, ציבעלקע, רעטעכל. („ווי זאָגט מען, איין האַנט וואַשט דאָס צווייטע").

אברהם איז אַרויס פון שטוב. — און אים האָט זיך געדוכט — ער האָט ניט געזען זינט ער איז אין ישראל אַזאַ העלן לויטערן הימל...

17.

ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט, ווען אברהם איז צוגעקומען צו זיין נייער דירה. אויפן מחפּסת האָט געברענט אַ לעמפּל. ער איז געבליבן שטיין לעבן טיר, — אַרויסגענומען דעם שליסל פון קעשענע, — און געטראַכט — אַ שליסל איז אַ גרויסער אייגענטום... אין די מלחמה־יאָרן, האָט ער זיך געוואָלגערט אין טיורמעס, — האָבן אַנדערע געהאַט די שליסלען... אפילו זיין צונג האָט ניט געהאַט קיין לשון... זי האָט אַוודאי אַנגעצונדן דאָס ליכט אויפן גאַניק פון זיינטוועגן. די געמיינשאַפטלעכע באַ־ציאונג פון מענטש, צו מענטש, ליכטיקט... מען האָט פּאָר וואָס צו לעבן אין אַ פריי לאַנד... אין ישראל קלינגען גרויסע גערעכטע רייד פון די נביאים... אַלע דאָ זיינען דורכגענומען מיט גרויסע האָפענונגען — אויף דעם פּאַס ערד, — געהייליקט פון די גע־טרייסטע זין און טעכטער...

אברהם, האָט איבערגעריסן זיין הויכן טראַכטן, — און ער האָט אָפּגעשלאָסן די טיר. ער איז אַריין אין קיך — אַנגעצונדן ליכט, און זיך געוואונדערט: — ער געדיינקט די צימערן... ער

האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער וואַסער. צי מען איז זאַט, צי הונגעריק, דאַרשט זיך אין ישראל...

— ער האָט דערזען אַ פאַרשריבן צעטעלע.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט פון דער האַנטשריפט.

— זייט אַזוי גוט אדון! איידער איר קלייבט זיך שלאָפן — פאַרלעשט דעם לעמפּל אויפן מחפּסת. — לילה טוב!

— ער איז אַריין צו זיך אין צימער און געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, און שטיל אַנטציקט. איבער די פענצטער האָבן זיך לייכט געהוידעט ווייסע דורכזיכטיקע פאָרהיינגלעך. די בעט אַ ברייטע, און ציכן ווי שניי. און אַ טישל אין ווינקל, מיט אַן אויסגעגלעט טישטוך. אויפן טישל, אין אַ גרינעם שלאַנקן קריגל עטלעכע בלומען. וואָס פאַראַ לאַנד קען זיך פאַרגלייכן אין אויסוואַל פון בלומען, וויפל ישראל האָט. זיי זיינען אַזוי שיין ווי דאָס לאַנד... די פּאָר בלומען אויף הויכע גרינע שטענגעלעך, קומען פון די בערג, זיי זיינען לייכטע, צאַרטע, דאָס פאַרב בלאַסלעך רויט, — און זיי טראָגן אויף זיך מילדע ווילדקייט. אויך צוויי האַנטוכער איבערגעלייגט אויף אַ שטול אַ שטרויענעם. אויף די ווענט עטלעכע בילדער צעהאַנגען. איין בילד: די אַלטע וואַנט פון בית־המקדש! די שווערע מאַסיווע שטיינער, — דערציילן פון אַ סך פאַרגאַנגענע דורות... אַ צווייט בילד: — דער ים כנרת אין לבנה נאַכט. אַלע בערג אַרום קוקן אַריין אין שטיל בלויען ברייטן וואַסער. אויך דער הימל, שטערן און לבנה זיינען אָפּגעשפּיגלט. פאַר אַזאַ בילד שטייט מען שטיל ווי אין טיפער תפילה: — גאָט באַשיץ דאָס קליין לאַנד פון דיין אַלט פאָלק, וואָס טראָגט דיין תורה דורך דורות...

18.

אברהם איז געדעקט געוואָרן מיט טיפן שלאָף. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט — איז נאָך געווען אַ פרימאָרגנדיקע יונגע

קילקייט. אַ גרויסע פליג, האָט געשוועבט מיט אַ ברומען. דאָס איז געווען אַ געזאַנג פון אַ לעבן געטראָגן אויף פליגעלעך. הינטערן טיר פון צימער, האָט זיך לייכט גערודערט. רבקה האָט איינגע־נומען דאָס קינד — שקט, שקט. — אַ דוד שלאָפט דאָ אין חדר... — אַ ווייל איז געווען שטיל. אָבער קינדער אין פרימאָרגן זיינען דעקוטשלעווע, — זיי ווילן שוין זיין אין דרויסן...

דאָס מיידעלע האָט זיך גע'עקש'נט — ניט געוואָלט אָנטאָן דאָס בלויע קליידל, נאָר דאָס רויטע. די מיידלעך ווערן ווי געבוירן מיט דער תשוקה — פוצן זיך... דאָס פינף־יאָריק מיידעלע, איז אַ קליין קאַפּריזנע באַשעפעניש... עס וויינט און לאַכט און וויל זיך ניט לאָזן קאָרמענען. עס וויל ניט עסן וואָס די מאַמע גיט עס. זי פאָדערט מאכלים וואָס די אָרעמע מאַמע קען עס ניט קריגן אַלעמאָל.

אברהם האָט זיך געוואַשן. ער איז אַרויס פול אָנגעטאָן. אין זיין פריער יוגנט, האָט ער שוין געהאַט רעספּעקט פאַר פרעמדע מענטשן...

— בוקר טוב! — האָט רבקה באַגריסט. ווי האָט זיך געשלאָפן אין דער נייער קוואַרטיר? — ווי אין האָניק, האָט אברהם שטיל געענטפערט. — דאָס מיידעלע האָט אויף אים געקוקט פאַרוויטלט. אויך די מוטער, האָט געקוקט לייכט פאַר־שעמט. און זי האָט צוגעשפּילעט אַ קנעפל ביים האַלז. אָבער דאָס מיידעלע, האָט געוואָלט אויסנעמען ביים דוד, האָט זי די קאָשע אַראָפּגעשלונגען פון לעפל, וואָס די מאַמע האָט איר דערלאַנגט. און אברהם האָט דאָס מיידעלע אַ גלעט געטאָן. — די מוטער האָט אויפגעהויבן צוויי גרינע לויטערע אויגן — מיטן געפיל: אויך איר האָט ער אַ גלעט געטאָן... זינט איר גאַט־זעליקער מאַן איז אומגעקומען פאַר זיין לאַנד, האָט אַ מאַנ'ס האַנט זי ניט אָנגערירט. און דער לעבן שווייגט ניט... איר יונג האַרץ, איז הייס — פול מיט געבונדענע באַגערן... זי שפּירט אינ'ם מענטשן וואָס האָט זיך באַוויזן אויף איר שוועל — פריינד־

שאַפּט... עס שלאָגט אויף זיין פּנים אַן אינווייניקסטע שיינקייט.
אַ מאַמע קען עס דערשפּירן... — דאָס קינד האָט זיך איינגעשטילט
— ער האָט זיך נאָר באַוויזן... קינדער זיינען זייער שפּירעוודיק...

— אויך אין אברהמ׳ען זיינען אויפגעגאַנגען וואַרעמע געפילן צו דער יונגער מוטער. עס קוואַלט אַרויס פון אירע אויגן אַ ליבשאַפט צום קינד, וואָס טראָגט זיך אַזש צו אים... — ווייל ער האַלט דאָס מיידעלע אויפן שויס... — ס׳איז דען אַ מיידעלע?... אַ פּופּע! מלא חן. און זי איז צו אים צוגעוואָקסן. זי איז גרייט אַלץ פאַלגען. אָבער אויך פאָדערן, פאָדערן... דאָס קליין באַשעפעניש וויס מען ווערט עס נאָכגעבן... עס ווייס די מאַמע און דאָס טאָכטערל...

אברהם און רבקה, האָבן געשמייכעלט און זיי האָבן געשוויגן...

19.

באַגינען איז שוין אברהם געווען אין קרית־גלים. און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּקוקן פון זיין בויענדיקער שטוב. דער הימל, די באַגינענדיקע זון, — דער גאַנצער דרויסן איז ווי געלעגן אויף די 4 אויפגעהויבענע ווענט... — און צוויי טויבן זיינען געשטאַנען אויף איין וואַנט געטוליעטע. זיי האָבן געפינטלט מיט די אויגן, און לייכט גערירט די פליגל. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט צו אברהמ׳ען, — ווי געפאָרשט צי זיי זיינען אָנגעלייגטע געסט...

— אברהם האָט געטראַכט — די פייגל ווייסן שוין אַז דאָ ווערט אַ נייער ישוב... זיי קוקן אויס די געגענטן... טויבן זיינען די היימישסטע פייגל, זיי האַלטן זיך כסדר נאָענט צו מענטשן. זייער שיינקייט, און זייער גוט אויפפירן, געווינען איבער דעם מענטש...

אברהם איז געשטאַנען און זיי געגלעט מיט די אויגן. די טויבן, האָט ער אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן... דאָס טויבן־פּאָרל שטייען פאַרליבטע, אויף די ווענט פון זיין שטוב... אַזוי ווערט

ער זיך געפינען מיט שרה'ן אין דער צוקונפטיקער היים... —
אָבער וועגן שרה'ן גייען אויף מחשבות, — ניט אַנדערש, ווי
אימיצער וועגדט אָפּ איר האַרץ פון אים... זי איז אַוועקגעפאָרן
און ווי אין וואַסער אַריין. ניט אַ בריוול, אַ גרוס. ער האָט זיך
קוים צוזאַמענגענומען אין נייעם לאַנד. געוואָרן פון טאָג צו טאָג
באַשטענדיקער. מיט יעדן שטיין וואָס מויערט זיך איין אין די
ווענט פון זיין שטוב, ווערט ער ווי אינגער, אויסגעגלייכטער...

אָבער שרה, האָט לעצטנס צעשטערט זיין רו, אים צעטומלט... — בפרט דאָס שניידערל, האָט עפּעס דערציילט די
טעג, וואָס ער ווייס ניט ווי אויסצוטייטשן... ער האָט זייטיק
אַ זאָג געטאָן — אדון אברהם — איר ווייסט ווען כ'האָב געזען
אויפן וועג צוריק פון נגב — שרה'ן!...

— אברהם איז געבליבן שטיין אַנגעגליט... — און דאָס
שניידערל האָט געזאָגט — כ'האָב זי געזען נאָענט פון קבוץ
אשדאד, מיט גאָר אַ שיינעם יונגן־מאַן. זי איז געווען פאַרטאָן
אין שמועס און מיר ניט געמערקט...

— אמת, אברהם האָט איר פאַרטיידיקט: — זי איז ניט
געזונט. דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט זי מוז זיין אויפן לאַנד.
איז פאַר וואָס ניט, אַ יונגע פרוי — דאַרף זיך צעשטרייען...
זי דאַרף פאַרגעסן פון איר אָרעם לעבן, וועט דאָס איר היילן...
אָבער נאָך די פאַר ווערטער, האָט ער ניט געסטייעט ביים
שניידערל... — אַ שניידערוק! האָט ער צו זיך אַריינגעברומט:
— אַ קליין אידל, מיט אַ לאַנגע צונג... שרה איז גענוג דערוואַקסן
צו געטרויען. וואָס איז ער אַ באַלעבאָס!... ער ווייס דעם ביטערן
טעם פון די מלחמה־יאָרן, ווען יעדער לומפּ איז געווען אַ באַלעבאָס
איבער אים... זי איז אַ פרייע. איר לעבן געהערט צו איר...

— אָבער פאַמעלעך, פאַמעלעך, האָבן זיינע געדאַנקען גענומען
אַן אַנדער ווענדונג... פון קדמונים פירט זיך, אַ פרוי דאַרף זיין
צוגעבונדן צו איר מאַן. מיט דער אָפּגעבונדנקייט וועלקט די
ליבשאַפט...

ח י י ם   פ ע ט

20.

אברהם האָט באַמערקט די קופּע (חצץ) געהאַקטע שטיינדלעך איז צעשאַרט. אַוודאי קינדער! זיי האָבן די טבע זיין פול וואו מען בויט זיך. זיי זאָלן נאָר ניט געשעדיקט ווערן. מער פעלט אים ניט חלילה... סאַ׳יז אַנדערע צייטן — מען קען זיך ניט אָפּצאָלן מיטן בית־המשפט...

ניין, ס׳איז ניט בלויז צעשאַרט די קופּע שטיינדלעך... אויך אין דער קאַסטן וואַפּנע זיינען אויסגעביסן שטיקער... — דער עולם פּאַזשיוועט זיך... אַ וואונדער — אויף שריט און טריט בויט מען... עס פעלן אויס מאַטעריאַלן... און צו וואָס לייקענען, עס פעלט אויס דער פונט. דעם אַרבעטערס לוין, איז אין אַלע לענדער באַשרענקט, — בפרט אין ישראל... די מדינה איז אָנגעוואַקסן מיט פּראָבלעמען...

— אויך די קופּע דזשוויר איז איינגעלאָפן... — וואָס פּאַראַ אידן זיינען עס, וואָס האָבן ניט גאָט אין האַרצן. יעדער שטיינדל, זעמדל, וואָס ער האָט דאָ אָנגעפּירט — זיינען טראָפּנס בלוט פון זיין האַרץ... — ער וואָלט ניט אָפּגעזאָגט ווען אימיצער קומט מיט אַן עמער, אַ קאָשעקל און בעט אַ ביסל ליים, וואַפּנע... אָבער אַליין נעמען... איז פּשוטער גראַבעזש... ווען ער דער־וויסט זיך, וואָלט ער זיי פאַרקלאָגט צום בית־דין. אויף הפקרות בויט זיך ניט קיין לאַנד...

ער איז אויך צוגעגאַנגען צום מחסן. אָבער דערזעענדיק דאָס שלעסל אויפן טיר, האָט ער זיך געשטראָפט, פאַר זיין וואַקסנ־דיקן חשד... — באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען, דאָס שלעסל איז טאַקע געהאַנגען — אָבער אַן אָפענער...

— אוי! מען האָט מיר חתונה געמאַכט. אידישע קינדערלעך, מען האָט מיר בדלות געשטעלט. און מיט ציטערדיקע הענט, האָט ער געעפנט די טיר פון מחסן. און ער האָט קלאָר געזען: — ס׳איז ניט קיין אַרבעט פון נצרכים, נאָר פּשוטע גנבים — זיי האָבן צעשלעפּט די זעקלעך צעמענט...

— גוואַלד! — האָט ער אויפגעהויבן זיין קול: — זיי האָבן מיר געקוילעט אָן אַ מעסער. איידער כ׳האָב צונויפגעשלאָגן די פונטן. און וואו קויפט מען אָפּ נייע מאַטעריאַלן? — ווען די רעגירונג גיט ניט אַזוי גיך קיין דערלויבענישן... — ווען די 4 ווענט שטייען ניט איינגעמויערט, וואָלטן זיי די בלאקס צעשלעפּט...

די שכנים וואָס האָבן זיך געבויט, האָבן זיך אַרומגעקליבן.

— ר׳ אברהם וואָס איז געשען?

— אוי אידן! — מען האָט מיר בדלות געשטעלט.

— שטילט זיך איין — האָט אים זיין נאָענטער שכן שלמה געמונטערט. מיר זיינען דאָך אידן בני־רחמנים... איך גיב אייך דער ערשטער אַ זעקל צעמענט. אויך נאָך שכנים וועלן ניט אָפּשטיין...

דאָס האָט געלערנט די צוקונפטיקע איינוואוינער פון קרית־גלים — מען מוז זיך באַוואָרענען...

די אידן האָבן אָוועקגעלייגט די רידלען, זעגן און האַמערס. זיי האָבן זיך אויפגעשלאָגן אין אַ געזעמל...

— מיין עצה: — האָט שלמה שטיל געזאָגט: — מען זאָל זיך פירן ווי אין די אַלטע היימען — גיין אויף וואַרטע...

— ניין!, ניין! — האָבן זיך דערהערט שטימען. מען איז פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט, פון די היצן...

— דוד דער בעקער האָט געראָטן: — אַרומצאַמען די מגרשים. דאַמאָלט וועלן מיר קענען שלאָפן רואיק...

— ס׳האָבן זיך געהערט געלעכטערס און שפּאָט־רייד: — ניטאָ קיין צאַם, קיין שלאָס פאַר גנבים...

— הערט אויס אידן! — איז אברהם אַריין אין געזעמל.

— די בעסטע זאַך איז דינגען אַ שומר! — און טאַקע אונזער שמואל דער תימנער. וויסן זאָלט איר אידישע גנבים, זיינען ניט קיין גזלנים... זיי וועלן זען אַ מענטש גייט אַרום ביינאַכט, וועט זייער פוס ניט סטייען... ניט פאַר מורא... אידישע גנבים טראָגן אין זיך בושה... זיי זיינען אַנגעלאָפּענע און די באַדערפע־

נישן זיינען שווערע. און ווייל עס וואַלגערט זיך אין דרויסן ממש גאָלד, — נעמען זיי... זיי לייען אָן בעל־הבית וויסן... איין שומר וועט איינהיטן דאָס שטעטל. דער שומר זאָל אַרומגיין אָן אַ ביקס, ניט קיין הונט. אַפילו ניט קיין שטעקן... זיי וועלן זיך שעמען ווייזן פאַר דעם איינציקן וואַכענדיקן מענטש...

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן כמעט אַלע איינגעשטימט.

— און אברהם האָט צוגעגעבן: — אידן פון קרית־גלים, ווייל מיר האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט, לאָמיר שוין אַרומריידן נאָך עטלעכע ענינים: — מען דאַרף אויך האָבן אַ בית־מדרש... נעמט אַראָפּ אַ ביישפּיל פון קרית־שמואל! קרית־מאָצקין! מיר האָבן גענוג צו לערנען פון אונזערע אַלטע היימען... און ווייל זאַלמענאָוויטש וויל פאַרקויפן זיין הויז האָבן מיר שוין אַ פאַרטיקן בנין פאַר אַ מקום קדוש...

— יע, יע, — האָבן זיך געהערט שטימען: — מען דאַרף נאָר צעוואַרפן די טיורמע קעמערלעך... ער האָט נאָך מזל ביי גאָט! — זיין טיורמע וועט ווערן אַ בית מדרש! — האָט שלמה הויך אַ זאָג געטאָן: — ווען דער איד האָט גאָט אין האַרצן, האָט ער דאָס הויז געדאַרפט אָוועקשענקען...

דאָס געזעמל האָט ניט געסטייעט. און איבער קרית־גלים האָבן זיך צעזונגען זעגן, רידלען, האַמערס...

21.

אברהם האָט אָפּגעשלאָסן די טיר, — אַריין דרייסט אין שטוב, — און איז געוואָרן איבערראַשט פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון זאַל־צימער...

און רבקה איז אַרויס קעגן אברהמ׳ען שבת׳דיק אָנגעטאָן. אפילו אַ קרענצל פאַטשערקעס, האָט ער באַמערקט אויף איר האַלז... און ער איז געווען צופרידן וואָס אויך ער, האָט זיך אָנגעטאָן שבת׳דיק. ער האָט אפילו באַוויזן גיין אין מרחץ.

מען וואַשט זיך גוט אַרום — דוכט זיך די וועש וואָס מען טראָגט נאָענט צום לייב, — זיינען אויך שבת׳דיק געוואָרן. ריינקייט פון קליידער, דערהויבן ווי נגינה, ווי תפילה... דוקא וואָס דער צווייטער מענטש זעט ניט, דאַרף זיין ריין, — ווי אַ מענטשנס האַרץ... די אייבערשטע קליידער — איז רעכט אַ לאַטקעלע, אַ ביסל פאַרעלטערט. צו די אויבערשטע בגדים, קומט צו ווינט, זון. עס ווערט געלופטערט פון דרויסן. אַזוי דער פּנים, די הענט, וואָס זיינען אויסגעשטעלט צום שטויב. מען קען זיי פרישן מיט וואַסערן, און זויבערן...

איג׳ם גוט שבת, וואָס רבקה האָט אַרויסגעזונגען, האָט אברהם געלערנט — ער איז אַן אָנגעלייגטער שכן... — און ער האָט געענטפערט: גוט יאָר! — אויך מיט אַ ניגון... ווייל די ליכט אין די לייכטער, האָבן אָנגעוויזט זיסע פאַרגאַנגענהייט, היימיש־קייט...

— דערלויבט מיר אייך רופן אברהם! בין צופרידן איר זייט געקומען פרי. איך ריכט זיך אויף געסט פון מיין משפחה, וועלן מיר פאַרברייגגען צוזאַמען. איר דאַרפט זיך ניט האַלטן אָפּגעזונ־דערט. מיר זיינען אַלע געסט אויף דער ווייסער וועלט...

אויף איר פּנים האָט זיך אָפּגעשאָטנט אומעט...

— עס קומט מיינע אַ קוזינקע. זי איז נעבאַך אויך אַן אלמנה. אין דער מלחמה מיט די אַראַבער, זיינען געפאַלן טויזנטער אידישע יונגע־לייט. מיר האָבן באַצאָלט שווערן אויסלייז... זי קומט טאַקע היינט מיט אַ יונגן־מאַן. ער איז אגב אויך פון די געראַ־טעוועטע... און איך האָב קענען־געלערנט פאַר דער קורצער צייט, — איר פאַרשטייט זיך אויף מענטשן... אייער מיינונג וועט זיין באַ מיר אָנגעלייגט...

אברהם איז געבליבן זיצן אין זאַל ביי די אָנגעצונדענע לאָמפּן. די ראַדיאָ האָט געשפּילט אָריענטאַלישע נגונים. ווי חזנים, האָבן אַראַבישע זינגער אויסגעציקלט וויינענדיקע מעלאַנכאָלישע געזאַנ־גען. דער אַראַבישער לעבנס־שטייגער נעמט דורך מיט אַ סך

בענדער — דאָס לאַנד ישראל! מען זעט זיי אויף אייזעלעך. אויף האַרבענדיקע קעמלען. מען זעט זייערע ווייבער טראָגן אויף די קעפּ קרוגן, בינטלעך טרוקענע צווייגן. מען זעט זיי באָרוועסע פאַרוויקלט די קעפּ מיט ווייסע טיכער. מען זעט די מאַנסביל רויכערנדיק נאַרגילעס. זייערע אומהיימלעכע פּנימער דערציילן פון צעשטערטן שלום...

רבקה האָט איבערגעשלאָגן זיין טראַכטן — אַוועקשטעלנדיק אַ גלאָז טיי, אויף אַ טעלער אָנגעשניטענע עוגה. אויך דיגע פענעצלעך ציטרין אויף אַ שעלכל...

— טרינקט ווען די טיי איז הייס. אויב די עוגה איז מיר געראָטן? — איז אַ דאַנק די געסט, וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען. אין דער אַלטער היים איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: — צוליב גוטע געסט — וואַרעמט אַ מלאך אָן די פּרעסט...

אין טיר האָט דין אַ קלונג געטאָן...

— זיי קלינגען ווי פּריינט, — האָט אברהם זיך אָפּגערופן צו רבקה׳ן...

אברהם האָט געהערט קושן, הייסע רייד: —

— רבקה, קוקסט אויס קיין עין־הרע ... — אויך דו דבורה, ניט צו פאַרזינדיקן. האָסט אַרויפגענומען לייב. און דיין קלייד! — עס געפעלט דיר, רבקה? ערשט היינטיקע וואָך געקויפט אין תל־אביב!...

— זיי זיינען אַריין אין זאַל. — אברהם, זייט באַקאַנט מיט מיין קוזינע דבורה! און דער יונגער־מאַן וועט זיך שוין אַליין פאָרשטעלן...

— איך בין אייערער אַ נאָענטער... — מיין נאָמען איז יעקב!...

אַ ווייל האָבן ביידע ווייבער גערעדט. און די מאַנסביל האָבן זיך זייטיק אָנגעקוקט...

דערנאָך ביי די גלעזער טיי, ביי די גלעזלעך וויין, האָט מען שוין גערעדט צוזאַמען...

— ווי לעבט זיך אין קבוץ שלום?!...

— יעקב האָט קורץ אַ לאַך געטאָן — מען קריגט זיך אַ מאָל אויך אין קבוץ שלום!...

— רבקה! — האָט דבורה איבערגעשלאָגן — וואָלסט ניט דערקאָנט דעם קבוץ! עס זיינען צוגעקומען קינדער. אויך נייע עולים. עס האָבן זיך אָנגעבויט נייע צימערן. אַ חתונה־געהאָטע פּאָרל — גיט מען היינטיקע צייטן אַ צימער מיט אַ ראַדיאָ, אַ שפּריץ. די קינדערלעך שלאָפן אין בית־הילדים, — ציכטיק, אין נייע בעטלעך. מיר האָבן אַ שול, אַ גן־ילדים און אַ קופּת־חולים. מיר פאַרמאָגן צען טויזנט הינער. איבער הונדערט קי.

יעקב האָט זיך אָפּגערופן — פונדעסטוועגן טיילט מען צו אַן אייעלע אַ טאָג. און מילך נאָר פאַר קראַנקע...

—מען קען ניט העלפן, — האָט דבורה געדולדיק געענטפערט. — מען דאַרף אויך באַזאָרגן די שטאָטישע איינוואוינער... אונזערע פירער ווייסן וואָס זיי טוען...

— רבקה! קום אַריבער צו אונז אין קבוץ, מיר וועלן זיך נאָר אַ ביסל איינאָרדענען. וועסט זיך ביי אונז אָנלעבן. מען וויזט איין מאָל אין וואָך אַ בילד. מיר האָבן אַ פיינע ביבליאָטעק. עס קומען צו אונז שרייבער, פירער... היינטיקע צייטן אַ קבוץ! איז אַ מיניאַטור שטאָט, מיט עלעקטריק, טעלעפאָן, און מקלחת (באָד).

אברהם האָט פאַרנומען די רייד פון דבורה׳ן ווי טריאומף אקארדן...

אברהם האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די אַלט־געזעסענע... זיי קענען דאָס לאַנד, ווען ס׳איז נאָך געווען פּאַלעסטינע אונטער דער טערקישער הערשאַפט. אונטערן מאַנדאַט פון ענגלאַנד... אפילו אין יעקב׳ס שאַרפע ווערטלעך, האָט ער געשפּירט ליבשאַפט, איבערגעבנקייט צום לאַנד...

אברהם האָט אים איבערגעשלאָגן — זאָגט זשע מיר ווי לעבט זיך אין די קבוצים?...

— אדון אברהם אין די קבוצים לעבט זיך גרינגער. די זאָרג אַנטרינט פאַרן שטיקל ברויט, פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ העמד אויפן לייב... אָבער מיר איז דער קבוץ לעבן ניט צום האַרץ... מען ווערט באַשטימט כּסדר אויף אַנדערע אַרבעטן. מען עסט צוזאַמען ווי מושטירטע סאָלדאַטן. מען איז ווי שטאָפּ־קעס אין פלעשלעך... ס׳איז אַ קליינע געמיינדע ווי אויף אַן אינזעלע. אין עס־צימער זיצט מען ניט אויף איין פּלאַץ. מען קומט פון די שטאַלן, לולים, פעלדער, און מען צוזעצט זיך איילענדיק. איז די קאַשע געדיכט — איז אַלעמענס גליק... איז די זופּ שיטער.. . מען קען ניט צוזאַמענקניפּן אַלערליי מענטשן אין איין בעזים. דער בעזים קערט ניט גוט... אין דער קליינער אָפּגעשלאָ־סענער קבוץ־געמיינדע, הערשט קנאה, שנאה, רכילות... די קבוצים זיינען מילשטיינער פאַר נייע אַריבערגעקומענע, — ווייל ס׳איז דאָ וואו דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן... וואו צו פאַרדינגען די הענט... אָבער דאָס דאַרף זיין בלויז אַ סטאַנציע... פון דאָרט דאַרף דער מענטש אַרויסגיין צו זיין קליין לאַנד, זיך אַליין אויסקלייבן זיין פּרנסה, זיין מקום מנוחה. ערשט איצט דאַרפן מיר גיין אין די וועגן פון די נביאים — פריי, גייסטיק, שטייגענדיק... מיינעביילן, שראַמען אויף מיין קערפּער זיינען נאָך ניט פאַרהיילט פון די מלחמה־יאָרן... דומפּע קלאַנגען פון קייטן פאַרפאָלגן מיך. שווערע טיורמע־טירן — סקריפּען נאָך אין מיינע אויערן... איך בין געקומען אין ישראל אָפּצואָטעמען פריי... פאַר דער פרייער פאָן דאַרפן מיר שטרעבן און קעמפן...

אברהם האָט געקוקט אויף יעקב׳ן פאַרוואונדערט. אַ שטאַרקע קראַפט האָט אויף אים געשלאָגן...

— אָבער לאָזט זיך דינען יעקב! — האָט אברהם געצויגן זיינע ווערטער... — די קבוצים זיינען אַ נייע ווענדונג אין ניי ישראל... זיי זיינען אינזעלעך, ווי איר רופט עס. זיי ווערן פאַרוואַלטעט אין פרייער דיסציפּלין... עס גייט ניט אין ניוועץ אַ בורעקל, אַ קאַר־טאָפל. דאָס יונגוואַרג, ווערן דערצויגן דורך געשולטע לערער.

און זיי שטערן ניט דורך די טעג זייערע עלטערן. די עלטערן האָבן פרייע הענט צו אַרבעטן פאַרן וואוילזיין פון זייער פאָלק, פאַר זיך. איך האָב ניט געזען די אידישע אַרבעטער ווערן געטריבן. זיי זיינען געגנוג באַוואוסטזיניק צו אַרבעטן — אָפּהיטן יעדן געוויקס... זיי שלאָגן ניט ווי אַראַבער די אייזלען. זיי זיינען ניט נאָר מילדער צו שטוב־חיות — אפילו צו געוויקסן... כ'האָב אַליין געזען ווי אַ איד האָט פאַרבונדן אַן איבערגעפאַרענעם בוראַק... ס'האָט זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן. אפילו שטיינער וואַרפן זיי ניט — זיי קלייבן אַרויס, און טראָגן אין די הענט... די ליבשאַפט צום לאַנד איז גרויס... אָבער מיינט ניט אדון יעקב! איך זע ניט קיין חסרונות... אַ סך פאַראַנדקעס געפעלן מיר ניט. פאַרגעסט ניט, ישראל לעבט דורך אַ נייעם בראשית... דער נייער דור וואָס וועט אויפוואַקסן אין ישראל וועט באַווייזן וואונדער... זייער ליבע צום לאַנד, איז אַן איינגעבוירענע, איינגעוואַקסענע...

— נו, געגנוג שוין מאַנסביל — האָבן ביידע ווייבער פּאָטאַ־קעוועט...

— — — ביים געדעקטן טיש איז געוואָרן שטיל, — שבת'דיקע רו האָט אַראָפּגענידערט אויף די 4 מענטשן...

22.

אברהם מיט רבקה'ן, האָבן צוגעפּירט שפּעט ביינאַכט די געסט צום אויטאָבוס. אמת, רבקה האָט זיי געבעטן זיי זאָלן בלייבן איבער שבת...

—מען איז דאָ אַזוי פאַרנומען, — האָט דבורה אויפגעלעבט געענטפערט — און דערליידיקן דאַרף מען פיל — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף יעקב'ן מיט גליק...

— וויפל איז דער זייגער יעקב?!... מיר זאָלן כאָטש ניט פאַרשפּעטיקן דעם לעצטן אויטאָבוס...

— איר וועט ניט פאַרשפעטיקן, — האָט אברהם זיך אָפּגערופן. — מיין זייגער איז אַקוראַטנע, אויף דער סעקונדע...

— דער זייגער איז מיר געבליבן פון מיין טאַטן אַ קלאַפּענדיקער, אַ גייענדיקער... אַן אָנדיינק וואָס לאָזט ניט פאַרגעסן זיין געשטאַלט... איך ווייס ניט, נאָך אַזויפיל עטאַפּן, טיורמעס — איז דער זייגער מיר געבליבן... ווייזט אויס די אַלט־מאָדישקייט פונ׳ם זייגער... ווי די איראָניע פון לעבן האָט צוגעשפּילט: — אַז דער עלנדער, צעטרייסלטער מענטש וואָס האָט זיך קוים דערהאַלטן, — זאָל בלייבן ביים אַלטן חפץ — דער זייגער!... דער זייגער פאַרבינדט מיר מיט דער אַלטער חרוב׳ער היים... איך קלעטער, קלאַמער זיך דורכן זייגער אויף מיינע גליקלעכע קינדער יאָרן...

רבקה האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרשטעלטער באַגייסטערונג. ער האָט דאָס דערפילט, ווען זי האָט אַרומגעכאַפּט פּלוצים דבורה׳ן...

זיי זיינען געגאַנגען איבער די זאַמדן, ניט געשטערט צו ווערן פון אויטאָמאָבילן... די זאַמדן האָבן פאַראינגערט, פאַרקינדערשט זייער שפּאַציר... דורך די זאַמדן, האָבן זיי אויך געקירצט דעם וועג צום אויטאָבוס...

ניין, עס זיינען ניט געגאַנגען צוויי פאַרלעך... עס זיינען אויך פאַראויס געגאַנגען 4 לאַנגע שאָטענס...

די מאַנסביל זיינען געגאַנגען פאַראויס. די פרויען געאָרעמטע זיינען געווען פאַרטאָן אין פרעגן, דערציילן... — און פון ווייל, צו ווייל, האָבן געלעכטערס אָפּגעקלונגען... — און פאַרקערט, די מאַנסביל זיינען געגאַנגען פאַרטראַכטע, שווייגענדיקע... די שבת׳דיקע רו, די שפּעטע שעה, די נאַכטיקע שטילקייט, האָט זיי דורכגענומען...

די נאַכט האָט די שליטה איבער מאַנסביל, זיי זאָלן ווערן אָנגעשפּיצט... די וויסטעניש דאָ, איז פאַרקנופּט מיט אַ קוסט,

מיט אַ קרומען בוים, מיט אַ בערגל... און פון קוסטעס, הינטער די בוימער, בערגלעך, צי לויערט ניט אַן אַראַבער?!...

די פרויען פאַרקערט: פלאַפּלען, לאַכן, פילן זיך זיכער מיט די מאַנסביל...

זיי זיינען צוגעקומען צו דער בודקע, די סטאַנציע וואו מען וואַרט פאַרן אויטאָבוס...

און עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט, האָט זיך דערהערט אַ וויטער רוישן. אַ רוישן, וואָס האָט צעריסן די שטילקייט. דאָס רוישעניש איז געוואָרן שטאַרקער, טראַגענדיקער. באַלד איז דער וועג ווייט פאַרלויכטן געוואָרן... — רבקה מיט דבורה׳ן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. זיי האָבן זיך געהאַלזט געקושט. און אברהם מיט יעקב׳ן האָבן זיך געדריקט די הענט. — אין די מינוטן איז דער אויטאָבוס אָנגעשוואומען, — און יעקב האָט געהאָלפן אַרויפשטייגן דבורה׳ן.

דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט. די פּנים׳ער פון יעקב און דבורה׳ן, האָט מען נאָך געזען דורך די באַלויכטענע פענצטער... און דער אויטאָבוס, האָט זיך אַוועקגעיאָגט אויף דעם ווייט נאַכטיקן שאָסיי...

אברהם און רבקה זיינען געבליבן שטיין ווי איבערגעשראָ־קענע... דער אויטאָבוס האָט אַוועקגעכאַפּט די געסט, אויך ווי די ליכטיקייט אַוועקגעפירט...

— אברהם! — האָט זיך רבקה אָפּגערופן: — איך בין שוין דאָ לאַנג אין לאַנד! אין עברית אירצט מען ניט. מיר שיינט אויך, אין יאָרן זיינען מיר ניט ווייט אָפּגעטראָטן. דאָס אירצן, איז ווי אַ גרעניץ... דו ווייסט אברהם! — האָט זי אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן האַנט, — מיר דוכט זיך, מיר זיינען איצט אויף אַ שמאָלע גלאטקע, און איך מוז זיך אָנהאַלטן... מיר פרויען זיינען אין די בייטאָגן אַרבעטענדיקע, געגורטע... אין די אָוונטן בייטן מיר זיך איבער. מיר שרעקן זיך פאַר די וועגן, פאַר שאָטנס, נאַכטיקע קולות. מיר פאָדערן שלאָף, רו, ווי קינדער... אָן דיר אברהם!

וואָלט איך ניט געוואָגט צופירן די געסט. אין די נעכט פאַרשליס איך די טירן, לאָז אַראָפּ די לאָדנס...

— און איך רבקה! — האָב אין די נעכט געפונען מיין רעטונג... ביינאַכט, האָט מען זיך אַרויסגעכאַפּט פון אַ לאַגער. מען האָט זיך איבערגע׳גנב׳עט אַ גרעניץ. ביינאַכט איז מען ווי אַ חיה געגאַנגען זוכן שפּייז...

— האָ אברהם! — דו האָסט אין די פּאָר טעג, געוואוינען מיין צוטרוי. עס איז מיר גראַם אויפן האַרצ׳ן — ווען איך ווייס ביי מיר אין הויז געפינט זיך אַ מענטש, וואָס איך קען שלאָפן רואיק און זיכער מיט מיין טאָכטערל... מיין טאָכטערל פרעגט זיך־נאָך: וואו איז דער גוטער דוד אַוועק?... מיטן געשאַנקל, האָסטו געוואונען איר ליבשאַפט... און זי האָט אַ דריק געטאָן זיין האַנט... און זי האָט געפילט אברהמ׳ס האַנט האָט לייכט אַ ציטער געטאָן...

— ווייסט, רבקה! — עלנדקייט, איינזאַמקייט, און אָרעמקייט, זיינען די שטאַפּלען, וואו די ליבע שטייגט...

— אברהם! דו רעדסט שיין... איך מוז זיך אָפּשטעלן אַ וויילע, מיין האַרץ קלאַפּט ווי אַ פּויק... אברהם! געפּרוּווטע מענטשן זיינען ווי אויסגעפּאַרענע וועגן, — ניט גרודיק, ניט שטייניק. זיי פאַרשטייען דעם צווייטנסליידן...

— מיין לעבן טראָגט אין זיך ביטערע — אָבער אויך זיסע דערינערונגען. געבליבן אַן אלמנה מיט אַ קליין קינד. איך דאַרף זיין דער טאַטע, די מאַמע... ווען מיין האַרץ איז פול נאָך מיט יוגנט־שטורעמס — און זי האָט זיך צוגענייגט צו אברהמ׳ען... אברהם האָט אויפגעפלאַמט און גענומען קושן איר פּנים...

זיי האָבן מער ניט גערעדט. זיי זיינען געגאַנגען איינגע־וואַקסענע, אַרומגענומענע, ווי איין האַרץ האָט איןביידן געשלאָגן...

זיי זיינען אַריין אין שטוב. רבקה האָט אָנגעצונדן איין לאָמפּ, אַ צווייטן. און זי איז אַריין מיט שטילע טריט אין צימער, וואו

איר טאָכטערל איז געשלאָפן. זי האָט זיך איבערגעבויגן צוגע־רירט איר פּנים צום קינדס פּנים...

— קום אַהער אברהם! — זע סאַראַ שטיק זיסקייט...

— מלאכ׳ל — האָט אברהם פּאָטאָקעוועט...

ער האָט געזען דער מוטערס פּנים, האָט אויפגעשיינט... אין די מינוטן איז זי געוואָרן די הערשערן... דאָס קינד, האָט איר אָנגעגורט מיט גבורה... נייַן, ניט נאָר דאָס קינד — די פרוי האָט אויפגעוואַכט מיט איר קאָקעטישקייט...

זי האָט אויסגעבעט אברהמ׳ס בעט. און מיט ביידע הענט איבערגעגלעט די קישנס... זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער אויפן פּלעמל פון דער מאַשינקע, און אַריין אין באָד־צימער. הינטער דער פאַרקייטעלטער טיר, האָט זי געמאַכט אַ טומל, — מיט די צעעפנטע קראַנען און פּלוסקעניש... זי האָט געוואוסט: דאָס וועט ניט געבן קיין רו אברהמ׳ען...

און אַרויסגעקומען איז זי געוויקלט אין פּיניאַר. שמעקענדיקע זייף, און פּאַרפום, האָט דינעם אַראָמאַט געשפּרייט. — אירע אויגן זיינען געוואָרן גרעסער, אָפענער. און פייערלעך אין די שוואַרצאַפּלען... זי האָט זיך געזעצט נאָענט צו אברהמ׳ען, און ביידע גלעזער טיי, האָבן זיי אָפּגעשפּיגלט...

— וואָס זאָגסטו אברהם, אויף יעקב׳ן? זיי שטעלן חופּה איני־גיכן. מיין קוזינע איז אויך ניט געבוירן — אין אַ הייבעלע... אויסדערציילן פון איר וועט ניט סטייען די נאַכט...

— יעקב געפעלט מיר, — האָט אברהם אויפגעהויבן די אויגן צו רבקה׳ן — אַ מענטש מיט אַ געשטעלטן שכל. אויך דיין קוזינקע, איז ווייט פון נאַראָנים...

— זי איז שוין צו קלוג מיין קוזינקע... דער לעבן האָט איר גוט אויסגעלערנט... אמת אברהם! אָנגענעמע שעה׳ן, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין שטוב...

— הערסט אברהם, זאָל אַ פרוי ניט געשטראָפט ווערן זיין אָן אַ מאַן. די וועגט וויינען... איך ווייס מען וועט מיר באַריידן:

— אַ פרוי אַליין אין הויז, האָט אַריינגענומען אַ שכן... אָבער מענטשן ווילן ניט אַריינגיין אין צווייטנס לאַגע. איך האָב מורא איבערנעכטיקן אַ נאַכט. עס טרעפט אָונטן, אַ שכנה קלאַפּט ניט אָן... דאָ איז דער לעבן אַנדערש ווי אין די אַלטע היימען. אַנגעלאָפענע פון דער וועלט, איז מען דאָ פרעמד, אָפּגעזונדערט...

די גלעזער טיי זיינען שוין געווען לאַנג אויסגעטרונקען...

אברהם איז אַריין אין זיין צימער. אָבער ער האָט זיך אויסגעטאָן ניט שטיל ווי אַלעמאָל... אויך ער האָט אויסגעשפּילט זיין אומרואיקייט און צערודערונג. ער האָט געקלאַפּט מיט די שיך. געהוסט רויכערנדיק דעם סיגאַרעטל. זיין בעט האָט גע־זונגען, — פון זיין איבערוואַרפן...

אָבער אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר האָט אים צעטומלט... זי איז אַריינגעקומען — רבקה!...

— מען קען אָנצינדן אַ ווייל דעם לאָמפּ אברהם!?...

— יע, — האָט זיין קול זיך געוויגט...

זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און זיך געזעצט אויפן ברעג־בעט. — איך קען ניט אָפּטשעפּען דאָס קרענצל פּאַטשערקעס, — זיי שטעכן און איך קען ניט אַנטשלאָפן ווערן...

באַלד זיינען זיינע הענט געווען אַרום ווייכן וואַרעמען האַלז... איר פּנים איז געווען ראָז און אויפגעוועקט... ער האָט זי אַ צי געטאָן — און זיי האָבן זיך לאַנג, לאַנג געקושט...

דערנאָך האָט רבקה אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, און זיך פול איינגעטוליעט צו אברהמ׳ען...

23.

דער אומגעריכטער בריוו פון שרה׳ן, האָט אים צעטומלט... ער האָט אפילו מורא געהאַט עפענען דעם בריוו. ער האָט דעם בריוו געוואויגן אין האַנט... ער האָט געהאַט אַ געפיל: זי קומט ניט אַזוי גיך... ס׳איז צו זיין גליק, ווייל ער האָט זיך פאַרפלאָנ־

טערט... אָבער ס׳איז ניט די שולד פון אים מיט רבקה׳ן. אויף צוויי מענטשן פאַלן אַרויף מאָמענטן ווי בליצן... אַ העכערע קראַפט, האָט אַ שלאָג געטאָן... ווען ער באַגעגנט ניט שרה׳ן פריער, וואָלט רבקה געוואָרן זיין אויסדערוויילטע...

זי איז אַ געפּרואווטע יונגע מאַמע; — אין דער זעלבער צייט אָנגערוישט מיט שעמעוודיקייט און נאַאיוויטעט. מען זעט איר ניט אין די בייטאָגן אַ מינוט ליידיק. זי לויפט דורך די צימערן ווי אַ ווינט און פאַרטשעפּעט ניט מיט אַ וואָרט... אָבער עס קומט די נאַכט, און דאָס אָנגעשפּילטע מיידעלע שלאָפט שוין... — דערזעט אברהם אַן אַנדערע רבקה... פון דער פאַראַרבעטער פרוי ווערט אַ פּרינצעסין אַן אויסגעפּוצטע, אַן אויפגעלעבטע, אַ קאַלירענדיקע שטיק־פייער... אין מינוטן איז ער שוין ניט אין זיין רשות... זי שוועבט ווי אַ זינגענדיק פויגל... די גאַנצע שטוב ווערט אָנגעטרונקען מיט מוזיק פון דער ראַדיאָ, און איר הייס־געלעכטער...

האָ! — ער איז דער שולדיקער...

דער מאַן איז פון דעם סאָרט טייג — ער מוז באַצאָלן פאַר זיינע פריידן. אַ טרונק, זאָל ניט געטרונקען ווערן אומזיסט... מיט וואָס זאָל ער פאַרגיטיקן רבקה׳ן?... ווען זי וואָלט געהאַט טענות — וואָלט אים גרינגער געוואָרן... רייד, רייד, וואָלט גרינגער געמאַכט זיין געמיט... ער איז אַריין אין אַ פאַרכאַפּטע שפּיל, — ווער ווייס צו וואָס עס קען דערפירן... זי דערמאָנט ניט שרה׳ן אויף די ליפּן... אין די מאַנעווערס זיינען פרויען זייער געשיקט, אויב זיי פאַרנעמען זיך מיט אַ פּלאַן... ביין, רבקה איז איבערגעוועלטיקט פון איינזאַמקייט און בייגקשאַפט. זי איז פאַרליבט אין אים. ווייל זי שלינגט זיינע רייד. ווייל זי איז אַן אָנגעצונדענע פון שטורעמדיקע געפילן... אין די אָוונטן וויל זי ערגיץ ניט גיין. זי וואַרט געדולדיק אַז ער, אברהם, זאָל איר לאַדן... דעמאָלט זינגט זי אויף. זי צעעפנט דעם אַלמער און פרעגט וואָסער קלייד אָנצוטאָן... און זי טוליעט זיך איין און

זאָגט: מיר איז גוט מיט דיר אברהם!... און זיינע הענט זיינען באַלד אַרום רבקה׳ן. — אין גרויסן שפּיל באַהערשט זי אים...

24.

שרה׳ס בריוו

ליבער אברהם! כ׳האָב שווער געזינדיקט קעגן דיר. איך האָב דיר פאַרלאָזן, ווען דו אַליין ביסט נאָך אויפן ווינט... איך ווייס קלאָר דיין לאַגע... אין דיר דרעמלען נאָך אַלע איבערשרעקן און ווייטאָגן פון די מלחמה־יאָרן. און גראָד איצט ווען מיין הילף איז דיר אַזוי נויטיק, האָב איך זיך אויפגעהויבן ווי אַ פויגל... — לאָמיר דיר דערציילן אברהם אָפנהאַרציק: —

איך בין אין דיר פאַרליבט ביז משוגעת. די נייע פלוצעמדיקע ליבע, האָט מיר צעטרייסלט ביז די גרונטן... — איך האָב פאַרלאָזן מיין אַרבעט, מיין צימער און מיין אויסדערוויילטן... איך האָב געטראַכט אַ וואָך, צוויי, כ׳וועל זיך אומקערן אַ גע־שטאַרקטע, כ׳וועל מישן די וואַפּנע, טראָגן די בלאַקן, שטיין מיטן רידל. און מיט מיינע הענט, אַריינבויען מיין פרייד און צוקונפט אין די 4 ווינקלען... אָבער געזונט פאַרלירט מען גיכער, ווי מען קען עס געפינען... איך בין געגאַנגען פון איין דאָקטאָר, צום צווייטן. מען האָט מיר געהייסן זיך באָדן אין חמי־טבריה! — אמת, די ווייטאָקן זיינען מיר געלינדערט געוואָרן. אָבער די הייסע בעדער האָבן מיר אָפּגעשוואַכט. איך האָב אין טבריה אַריינגענומען גרויסע שיינקייטן. די שטאָט איז אַ טיף געניִדערטע, אַן אָנגעגליטע, מיט פיל אָנגעפּאָרענע געסט. און דער כנרת: אַ בלויער שפּיגל, איינגעפּאַסט אין בערג. ביינאַכט ווען די לבנה שיינט אויפן כנרת — איז דאָס אַ שטיק כשוף... — פון טבריה האָבן מיר די דאָקטוירים געהייסן פאָרן קיין צפת! איך נויטיק זיך אין באַרג־לופט. צפת! איז ווי אַן אויסגעזונגענע באַלאַדע...

אַ שטאָט! וואָס קלעטערט ווי אַ לעבעדיקע... און די געסלעך: לאַבערינטן, טרעפּ אַרויף און אַראָפּ...

אויך אין צפת! האָבן מיר די דאָקטוירים ניט געלאָזן זיין לאַנג. זיי האָבן מיר געשיקט פון איין דאָרף אין צווייטן. פון איין קבוץ, אין אַנדערן... און איך מיט די וואַליזקעס בין כסדר געווען אונטערוועגנס... בפרט — מיין געזונט איז געווען אין די הויפּנס... איך האָב דיר ניט געוואָלט באַאומרואיקן — און דו זאָלסט ניט ווערן אַנטמוטיקט...

— אברהם! איך האָב אַ סך געלערנט אין מיין וואַנדערן. צו־געקוקט ווי אידן פירן זיך... זייערע רייד זיינען אויף מיר געפאַלן: סיי אין ווייטיק, סיי אין פרייד...

די סאַברעס ווערן ניט דערצויגן אין טיפן אידישן גייסט. מען פלאַנצט ניט אין זיי די ליבשאַפט צו די גלות־אידן... די הי־געבוירענע, קוקן אויף אונז — ווי מיר וואָלטן געשטאַמט פון די צען פאַרטריבענע שבטים...

— אברהם! סאיז מיר שווער איבערצוגעבן אין אַ בריוו מיין בענקעניש נאָך דיר. דאָס נייע לאַנד! און דו זיינען מיינע גרעסטע געשעעענישן... איצט גאָט צו דאַנקען די צייט האָט מיר געזונט געמאַכט... וועסט מיר ניט דערקענען. איך בין פאַרברענט פון זון און אָנגעווינטיקט. איך האָב אַריינגענומען די כשופדיקע שיינקייטן פון לאַנד... און איך וועל קומען צוריק — וועסטו קענען אָפּשאַצן וואָס מיינט אַ געזונטע ווייב...

און צום סוף בעט איך דיר אברהם! טראָג ניט אויף מיר קיין רוגז. — איך פלי היינט אָפּ, פון לוד מיט מיין טאַנטע. זי נעמט מיר מיט אין איטאַליע. עס וועט מיר זיכער ניט טאָן קיין שלעכטס. דאָס איז געוואָרן פּלוצים באַשטימט. ניט געקענט דיר צו וויסן געבן. נו, איטאַליע איז מיין לעצטע סטאַנציע!... פון דאָרט, צוריק צו דיר. איך האָף דאָס הויז, וועט זיין פול אויסגעבויט. און דיר האָף איך צו טרעפן געזונט מיט דיין ריין

האַרץ, פול מיט ליבע פאַר מיר. — לייג צו די הענט צום בריוו, און דו וועסט הערן ווי מיין האַרץ קלאַפּט פאַר דיר...

דיין שרה...

25.

אברהם איז געשטאַנען דערהויבן אין פרייד, — איצט קען מען עס שוין רופן קרית־גלים!...

דאָס נייע שטעטל פּולסירט ווי אַ גרויסער זייגער.

אַ סך הייזער זיינען שוין באַוואוינט. און פון די קוימענס ציען זיך רויכלעך...

איבערן גאַנצן שטעטל קאָכט די בויאונג, — אַזוי ווי מען וואָלט געגאַנגען אין געוועט... — אין בויאונג ליגט טיפער אַזאַרט — ווי אין קאָרטן... אויך וויל מען ניט זיין הינטערשטעליק... מען זעט שוין ניט אַזויפיל קאַסטנס וואַפּנע און שטיינער. די שטיינער און וואַפּנע, האָבן די ווענט איינגעשלונגען... איצט שטעלט מען אַריין טירן און פענצטער. דאָס געהילץ: — די לאַנגע ברעטער, ברייטע און שמאָלע ליכטיקן, און שמעקן. זיי דערציילן פון וועלדער...

און עס האָבן זיך באַוויזן אַנדערע בעלי־מלאכות: סטאָליאַרעס, טשעסלערס. — זיי ריידן גאָר אַן אַנדער שפּראַך: — וועגן וואַסער־וואַגן, הובלס, סטרוזשקעס. זיי זאָגן: בוימער זיינען אונזערע פריינט... זעגסט אַ ברעט, וואַרעמט דיר די הענט. דער הילצער־נער טיש, די בעט, זיינען גוטע מחותנים אין אַ הויז...

ס'האָבן זיך באַוויזן פאַרבער מיט געפלעקטע גאַרניטערס. זיי פאַרבן חדרים, פענצטער, טירן. זיי טראָגן לייטערלעך אויף די אַקסלען. זיי זיינען ניט אַזוי באַרעדעוודיק... צו שטעלן ריכטיק דעם פאַרב, דאַרף מען אַריינטאָן מחשבה... אין שטעלן דעם פאַרב וויסן זיי שוין צי דער קאָליר וועט שפּילן...

עס האָבן זיך באַוויזן ווילד־אַנגעטאָנענע אידן; — זיי לייגן

אויס פייערן און קאָכן אין קעסלען דעם פעך. און מיט שטריק ציען זיי אַרויף די זודיקע עמערס פעך אויף די דעכער... — די אידן ריידן אַ פּראָסטן לשון: — פון אַזאַ געדיכטע סמאָלע, וועט זיי שוין ניט רינען אין די קאַלנערס. — דער פעך קלעפּט ווי אַ נאַסער העמד צום לייב... איך וואָלט געוואונטשן אָנקלעפּן מיט פעך די סאַברעלע, וואָס פלאַטערט דאָרט ווי אַ פּאַווע...

אברהם שטייט פאַרשכורט פון די רייד, און ריחות... דאָס געהילך, פרישע פאַרבן, און הייסער פעך, גיסן זיך צוזאַמען...

ער גייט אין זיין הויז, און קוקט דורך די אויסגעשניטענע פענצטער און טירן, — עס קאָכט און שאַלט עס ברענט די אַרבעט אַרום. — — — און ער איז געשטאַנען באַוועלטיקט אין גרויסע האָפענונגען און פריידן...

26.

די גרויסע באַנייאונג און בויאונג האָט געמאַכט דאָס לאַנד אין ווידער־געבורט. דאָס לאַנד יונגט! וואו מען גייט, מען פאַרט, טראָגט זיך געזאַנג פון געצייגן... אפילו טוריסטן ווערן מיט־געריסן מיט דער בוי־שאַלונג... זיי ווערן אָנגעטאָן מיט פרייד און יום טוב...

נאָך העלער איז די פרייד פון די קינדערלעך, וואָס זשומען ווי בינען אויף רעשטאָוואַנעס און ברעטער. אָט די קליינע מענטשע־לעך זיינען פאַרכאַפּט אין גרויסן שפּיל...

אברהמ׳ס טראַכטן איז איבערגעשלאָגן געוואָרן.

— שלום אדון אברהם! — איז זבולן אויסגעוואָקסן — וואָס זייט איר אַזוי פאַרטראַכט?

— אדון זבולן! פון אַ וויטן חלום שטיי איך איצט ביי מיינע 4 ווענט... — איר זייט געווען דער ערשטער וואָס האָט אויפגע־וועקט מיינע צעטראָטענע אַמביציעס... איך ווייס גאָרניט מיט וואָס אייך אָפּדינען...

— אברהם! איך בין געקומען אײַך זען קיין עין־הרע אין וואַקסן, און איך האָב שוין מיין שכר.. איך בין געקומען אַראָפּ־ריידן פון האַרצן...

— בטבע, בין איך אַ שווייגער... אַ סך סיבות זיינען גורם. די וויסטעניש אַרום האָט שטאַרק געווירקט... און איידער מען האָט זיך צו עפּעס דערשלאָגן...

— נו, מיינע יונגע כחות, מיינע אידיאַלן צום ווידערגעבורט פון אונזער לאַנד, איז מיר בייגעשטאַנען אַ סך שטרויכלונגען... נו, מיין משפחה לעבן, האָב איך ניט דערציילט. איך האָב שוין דאָ אין לאַנד געבוירענע אַ זון און אַ טאָכטער.ביידע חתונה געהאַטע. אָבער איך אַליין, בין אַ צעבראָכענע שיף... מיין ווייב איז מיר געשטאָרבן אין דער גרויסער יובל־צייט: — ווען מיר זיינען געוואָרן אַ מדינה... און גלייך האָט זיך אָנגעפאַנגען די גרויסע איינוואַנדערונג.. אידן פון אַלע לענדער, האָבן זיך גענומען באַווייזן אויף אונזער אויסגעקעמפטער ערד... און פרויען אין אַ פּיאָנערן לאַנד, — קומען ווייניקער ווי מענער. נו, דאָס איז די לאַגע... בפרט פון אַ יונגן־מאַנטשיק בין איך שוין ווייט אַוועק.. אינם לאַנד אָן אַ פרוי, איז מען אַ פאַרלאָרענער... ניטאָ קיין רעכטער רעסטאָראַן. אַ ווייב, קען פון אַ רעטעכל, אַ ציבעלע מאַכן אַ פּאַטראַווע...

— האָט ניט קיין פאַריבל, אַ שוויגענדיקער צערעדט זיך... ווייסט איר וואָס אברהם! — האָט זבולן געצויגן זיין קול: — לאָמיר צושפּאַצירן לעבן ים, צום שאַלאַש, וואו איר האָט די ערשטע נאַכט איבערגענעכטיקט אין ישראל!...

— דער שאַלאַש זבולן! וועט ביי מיר לעבן אין זכרון...

— נו, טאַקע אינם שאַלאַש וועלן מיר פּראַווען אַ שטיקל יום טוב, — האָט זבולן זיין קול העכער אויפגעהויבן.

— וואָס פאַראַ יום טוב אינמיטן וואָך? — האָט אברהם געפאָרשט...

— צוליב דעם נייען בנין אייערן... צוליב אונזער פריינד־

שאַפט... מען וויל צוזאַמען אויסטרינקען אַ גוט פלעשל וויין, געפינט מען אַ תירוץ... — האָט זבולון געלאַכט אויפן קול. — גראַדע היינט איז אַ גוטע געלעגנהייט. די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו זיינען אויף וואַקאַציע... אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. די רעגירונג פאָדערט מען זאָל אַריינגעמען צוויי נייע חברים אין קאָאָפּעראַטיוו...

— ניט קיין עוולה — האָט אברהם שטיל געזאָגט: — עס זיינען אָנגעקומען פיל אידן, און די רעגירונג איז באַזאָרגט זיי איינאָרדענען...

— אברהם! איך איז ניט גענוג קלאָר די לאַגע... ווען מיר האָבן געגרינדעט דעם קאָאָפּעראַטיוו, זיינען מיר געווען דריי חברים. איצט זיינען מיר שוין גאָט צו דאַנקען איבער צוואַנציק חברים. דערצו זיינען די שטייערן שווערע... עס סטייעט שוין באַלד ניט די וואַסער אויף דער קאַשע...

דאָס פלעשל ווין איז שוין געשטאַנען אָפּגעקאָרקעוועט. זיי האָבן געטרונקען פּאַמעלעך זיך געוואונטשן...

— נו, וואָס זאָגט איר אויף דער משקה?... — האָט זיך זבולון פאַסמאַקעוועט...

אברהמ׳ס אויגן האָבן געשטראַלט — זבולון! וואו האָט איר פאַצאַפּעט אַזאַ וואויל פלעשל?...

זיי האָבן געקלאַפּט מיט די גלעזלעך און געטרונקען...

— איצט זבולון לאָמיר אייך דערציילן פון מיין לעבן... ניין, איך האָב חרטה, — ווייל ס׳איז אַ געשיכטע פאַר לאַנגע טעג... און איך וויל אַרויסרייסן פון מיין זכרון די שווערע מלחמה־יאָרן... אָבער גאָט האָט מיך געהאָלפן, איך בין אַ פרייער מענטש אין אונזער מדינה... ערשט איצט האָב איך געדאַרפט גיין איבער די וועגן און זינגען. זאָלן די אַלטע איינוואוינער הערן מיין שאַלונגס־פרייד... אָבער מיין פריינט! אַ מענטש איז געשטראָפט צי גע־בענטשט מיט אַ נשמה... און נשמה קען מען ניט זעטיקן... איך בין דאָ אויך געשלאָגן... שרה איז אָוועקגעפאָרן. אַ ווינט האָט

צעבלאָזן דאָס קאַרטן שטיבל... זי איז אַוועקגעפאָרן ווייל איר געזונט איז געשעדיקט.

זבולן האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אברהמ'ען — האָט ניט קיין פאַריבל אברהם! שרה איז אפשר ניט געזונט. מיט אַ מענטשן קען זיך אַלץ מאַכן. אָבער שרה האָט אימיצן, וואָס איז אין איר פאַרליבט... עס קען גרייליך זיין — שרה איז פאַרליבט אין אַייך. אָבער אַ פרוי, אַז אַ צווייטער האָט זי ליב — וועט זי דעם חשבון ניט לאָזן גלאַט פאַרלאָרן גיין...

— נו, ס'איז דאָ צו ביסלעך ווין אין די גלעזלעך לאָמיר עס אויסטרינקען.

— לחיים! לחיים! אברהם! — איך קלייב זיך פאַרלאָזן דעם קאָאָפּעראַטיוו. געגוג געווען אַ באַאמטער... די חברים קוקן קרום, פילן זיך געקריוודעט... איך אויף זייער פלאַץ, וואָלט ניט געפילט בעסער... איך וויל אָנפאַנגען מיין לעבן פירן פריוואַט... שאַ! עס האָט זיך ביי מיר אויפגעזוכט נאָך אַ פלעשעלע...

דער אַרויסגעצויגענער קאָרעק האָט אַ שאָס געטאָן. פונם פלעשל האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ דין רויכל...

— נו, לאָמיר טרינקען פאַרן וואוילזיין פון אונזער מדינה!...
— האָט אברהם זיך געפעדערט ביי דער ערשטער גלעזל...

— פאַר אונזער פאָלק איבער דער וועלט — האָט זבולן נאָך שטאַרקער געוואונטשן...

— לאָמיר זיך מער ניט אירצן, אין העברעאיש קלינגט עס ניט... איך האָב זיך שוין צוגעבונדן צו דער אַלטער שפּראַך...

— זבולן, העברעאיש איז אַלט אין די ספרים... אָבער ניט אויף די גאַסן... העברעאיש איז אַ סך אינגער ווי אידיש אין די מיילער פון די סאַברעס.

— אברהם! דער באַנייטער עברית, איז ביי די סאַברעס צו־קערקעס אין מויל...

— נו, לאָמיר זיך ווינטשן מיר זאָלן אויפגעריכט ווערן, דו אין

דיין היים מיט שרה׳ן. אויך איך... איך גיי אַרום אויף דער ערד אַן אַ שאָטן... אויסגעליידיקט...

— נו, מיר האָבן שוין באַלד פּאַרטיק געמאַכט דאָס צווייטע פלעשל... און זיך אַלץ ניט דעררעדט וואָס ליגט מיר אויפן האַרץ...

— אדרבא, זבולן! — רעדט! רעדט! איך וועל זיך אַ ביסל צושפּאַרן עס שווערט דער קאָפּ...

— אַ חרפּה, אברהם, עס פּאַסט ניט פאַר אַ מאַנסביל...

— נו, איך בין געקומען צום שווערן וואָרט: זינט דו געפינסט זיך ביי רבקה׳ן, גייט זי מיר ניט אַרויס פון זינען. איך האָב פיל מאָל אַכטונג געגעבן פון ווייטן — איר געזען הייגענדיק וועש. זי געזען שפּאַצירנדיק מיט איר טעכטערל, און ניט געהאַט די העזה ריידן צו איר. מיר דוכט, זי וואָלט געווען מיין צוגעפּאַסטע פרוי. איך וואָלט זי געשעצט און באַשיצט. זיי דו דער פאַרמיטלער... ווייל דו געפינסט זיך מיט איר אונטער איין דאַך... טאָמער זאָגט זי דיר אָפּ, פאַרליר זיך ניט... מיט פרויען איז מען ניט זיכער... זיי ווייגען זיך אויס, און דערנאָך באַווייליקן זיי... איך האָב אַ שטאַרק פאַרגעפיל אַז זי וועט איינשטימען. אַ פרוי אַליין, שלאָגט זיך פאַרן שטיקל ברויט...

— אברהם! וואָס קוקסטו אויף מיר פאַרוואונדערט און דער־שראָקן?...

— גאַרניט זבולן! דער ווייַן איז שולדיק... מיין פריינט, איך קען ניט זיין קיין שדכן!... בפרט ווען איך וואוין דאָרט...

אברהם האָט שווער אָפּגעאָטעמט, זיך געווישט דעם שטערן.

— וואָס איילסטו אברהם!? — איך בעט דיר זאָל קיינער ניט ויסן...

27.

אברהם האָט שווער אַרויסגעהויבן די פיס פון זאַמד. און דער קאָפּ איז אים געגאַנגען כּאַדראָם. ער וואָלט איצט צוגעפאַלן צום בעט. חוץ וואָס ער איז באַטרונקען, וויכערן געדאַנקען... זבולן

איז אים פרעמד געוואָרן מיטאַמאָל... ניט נאָר פרעמד — גרויס צאָרן פלאַקערט אין זיין האַרץ. ווי קומט ער צו רבקה׳ן, אַ איד אין די יאָרן...

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין בויענדיק הויז, און געבליבן שטיין אויפגערודערט...

די נאַכט האָט איינגעדעקט דאָס נייע שטעטל אין מוראדיקער שטילקייט. די האַלב־אויסגעבויטע הייזער אָן טירן, אָן פענצטער, אָן דעכער, האָבן גע׳גנב׳עט שטיקער לבנה... חוץ ווייט אָפגעטראָטן זיינען געווען באַלויכטן עטלעכע היימען...

אברהם האָט זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון זיין האַלב־אויפגעבויטע היים — און עס האָט זיך אים געוואָלט וויינען אויפן קול... רבקה האָט דערוועקט זיין ליבע צו שרה׳ן... און שרה האָט מיט שטאַרקע בינט געצויגן אויף צוריק: — אברהם מיר האָבן געשוואוירן געטריישאַפט אויף דער הייליקער ערד פון ישראל, — אונטער גאָטס הימל. די לבנה האָט אונז געזען און די שטערן. און דיין האַרץ האָט ווילד געקלאַפט. אין דיין מויל האָבן פלאַמיקע רייד אויף מיר געדעגנט... איך וועל קומען אַ געשטאַרקטע. אונזער היים וועט ווערן אַ וואַרעמער נעסט. רבקה איז אַ צופאַל... אַ בליץ, וואָס ווייזט פאַר אַ וויילע די הויכע הימלען... אָבער דערנאָך ווערט דאָפלט פינצטער...

פאַרענטפער זיך... פאַר דורכן לאַנד, זע אירע שטעט און דערפער, קבוצים און פעלדער, אירע בערג און טאָלן. און דו וועסט דיין אומה אַכפּערן. דו וועסט ליב קריגן די ערד פון ישראל. דו וועסט ליב האָבן איין ווייב, דיין פאָלק, דיין לאַנד און איין גאָט. שלאָג זיך אַרויס דיינע בחורישע נאַרעשקייטן פון קאָפּ. ביסט אין די צייטיקע יאָרן. בינד זיך איין, לייג אַוועק אַ פונדאַמענט אויף די עלטערע יאָרן, וואָס וועלן קומען... די עלטער איז אומפאַרמיידלעך, אויב מען לעבט... האָסט זיך געענוג אָנגעזען שלעכטס און זינד. לאָז דער עלנדער פריי, אויב דו קענסט ניט חתונה האָבן מיט איר... רייד צו איר אָפן און פון טיפן האַרצן... זי איז ניט אַ מיידעלע, נאָר

וואָס אָפּגעבונדן פון דער מאַמעס פאַרטוך... זי וועט דיר ענטפערן מיר זיינען ביידע ניט שולדיק... און זאָל עס בלייבן ווי אַ גוטער חלום...

אברהם האָט זיך אויפגעהויבן אָפּגעטרייסלט דעם זאַמד פון זיינע בגדים, אויך ווי אָפּגעטרייסלט די שווערע מחשבות...

די נאַכט שטילקייט, לינדקייט, האָט אים אויסגעניכטערט... ער איז געגאַנגען צו רבקה׳ס היים פול מיט די רייד וואָס ער האָט געטראַכט...

אויפן וועג, האָט אברהם אָנגעטראָפן דעם שניידערל פאַרנדיק אויף אַן אופנים.

— בוקר טוב! — האָט דאָס שניידערל דער ערשטער באַגריסט:

— אין פריען באַגינען און איר זייט שוין אויף די פיס? קיין עין־הרע! קיין עין־הרע! די ווייב וועט זיך שוין מיט אייך ניט נאַרן...

— די זעלבע קשיא קען איך אייך פרעגן — פאַני שניידער?...

— באַ מיר, אברהם, איז אַ רגילות אין באַגינען זיך דורכפאָרן מיטן אופנים. ניט פאַר אייך געדאַכט, דאָס נאַדעלע, די ניי־מאַשין מאַכן קאַליע די פיס. אין די פרימאָרגנס, אָטעם איך אַריין ממש דעם דרויסן... שפּעטער ווער איך פאַרלאָגערט מיט מאָדנע קונדן... זעלטן ווער עס נייט אין ישראל אַ נייעם בגד... ס׳איז אפשר ניט פון קאַרגשאַפט. צו סחורה קען מען זיך ניט דערבוואווען... האַלט מען אין איבערניצעווען... אַ גליק, מען שיקט פּעקלעך פון אַמע־ריקע... עס מוז זיין אַ געבענטשט לאַנד!... וואָס זאָגט איר עפּעס אברהם?

— וואָס זאָל איך זאָגן!? איר האָט געזען די אינזשינערן, כעמיקער, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין חוץ ים? ווי זיי גייען אָנגעטאָן, — זייערע ווייבער און קינדער... זיי האָבן מיטגע־בומען פון אַמעריקע אויטאָמאָבילן, פרידערס, עלעקטרישע אַפּאַ־ראַטן, שפּאַקטיוון. זיי זיינען געקומען העלפן בויען דאָס לאַנד.

— זאָגט מיר אברהם, וואָס האָט פּאַסירט, מען זעט אייך ניט אויף אַן אויג?... לאָמיר צוזאַמען עפּעס איבערבייסן ביי

מיר אין דער היים. איך האָב נויטיקס עפּעס איבערגעבן. אויך מיין פרוי פרעגט זיך נאָך: — וואו האָט זיך אַהינגעטאָן דער ניי־געקומענער איד אברהם?... ניט אַנדערש, מיטאַמאָל רייך געוואָרן...

— מיט פרנסה, פאַני שניידער באַקלאָג איך זיך ניט. צו וואָס איך נעם זיך גליקט מיר אָפּ גאָט צו דאַנקען. אָבער דער מענטש איז געשטראָפט, עס פעלט ניט קיין זאָרגן...

— וואָס חלילה ניט געזונט? — האָט דער שניידערל גע־פאָרשט...

לאה, דעם שניידערס ווייב, האָט אויפגעזונגען: האָ, אַ גאַסט! ווען אין ישראל וואָלט געווען אַן אויוון, וואָלט מען אים געדאַרפט אַרויסוואַרפן. דאָ, מישטייענס געזאָגט, זיינען די אויוונס גאַפּט־מאַשינקעס. אַן אַנדער לאַנד מיט אַנדערע פּאַראַנדקעס. — וואָס מאַכט עפּעס רבקה! אייער נייע בעל הבית׳טע? איר האָט קיין עין־הרע מזל — זי האָט איך אַריינגענומען פאַר אַ קוואַרטיראַנט. מען קען דאָרט עסן פון דער פּאַדלאָגע. אויסצופאָרן די מדינה, צו געפינען אַזאַ טשיסטוכע. אָבער אַ שטיקל בעז־לודניצע איז זי. זיצט פאַרשלאָסן, ווייזט ניט דעם נאָז אין ערגעץ. שוין אַ סך מאָל פאַרבעטן צו אונז — אַ נעכטיקער טאָג... אַ יונגע פרוי, זי וועט אַרויסגיין צווישן מענטשן, וועט זי פאַרגעסן אַ ווייל איר גאָט־זעליקן מאַן, וואָס איז נעבאַך פרי אַוועקגעריסן געוואָרן. נו, זי איז ניט די איינציקע. די מלחמה מיט די אַראַבער האָבן פאַראומגליקט פיל מאַמעס, טאַטעס. דאָ אַנטקעגן, מיין שכנה — איז איר איינציקער זון געפאַלן. אַ בוים! אַ סאָסנע! און די אומגליקלעכע מאַמע איז אַרומגעגאַנגען משוגע. אַ שטומע, אַן אָפּגעלאָזענע. איצט סטרויעט זי זיך אַלע פרייטיק ווי אַ כלה. אַלע פרייטיק טראָגט זי בלומען אויף איר זונס אייביקע שטוב...

— לאה! — האָט דער שניידערל איבערגעריסן אירע רייד — גרייט עפּעס צום טיש. איך דאַרף עפּעס מיט אברהמ׳ען איבעררייידן...

אין לאַנד פון די אבות

אברהם האָט נייגעריק אָנגעקוקט דעם שניידערל — אַ זשוואָווע אידל... ס׳איז ניט קיין שניידער צוגעבונדן צום מאַשין און נאָדל... זיין קאָפּ איז פול מיט פּלענער... און ער ווייס וואָס עס קאָכט זיך ביי יענעם אין טאָפּ... ער איז די לעבעדיקע צייטונג פונם שטעטל... ווי דאָס לאַנד שטרעקט זיך זיינען אידן פול אויף באַנען, אויף טאַקסעס, ליסאַפּעטלאַך, אויטאָבוסן און צופוס. ווי קוועק־זילבער וואָלט אין זיי פולסירט... זיי דערקונדיקן זיך וואו מען קריגט אַן איי, אַן עוף, גרינס און פאַרשידענע מאַטעריאַלן. אין שטוב ברייננגט מען ניט. מען דאַרף זוכן, נישטערן... און דער שניידערל איז אַ מוסטער... מען דאַרף אים נאָר אַריינרוימען... און ער גיט שנעל אַ פּיר די אויגן... ווער רעדט ער גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן — איז מען שוין זיכער ס׳איז אַ באַשטעלונג...

— וואָס זאָגט איר אברהם! אויף דער גלעזעלע קאַווע? אַ יאָ, עס שמעקט אַ מחיה?... דאָס האָב איך געקראָגן ביי די אַמע־ריקאַנצעס אין חוף־ים... אַוודאי האָט דאָס פאַרדינט מיין נאָ־דעלע... אָבער דער וואונדער — מיין אידענע ווייס עס ווי צו פאַרבריען... אָבער לאָמיר ניט באַלעמוטשען, איידער די שטוב ווערט פול מיט מיינע אָרעמע קונדן. אייער היים אברהם, איז דאָך שוין באַלד פאַרטיק. זאָל זיין מיט מזל. נו, אַ הויז דאַרף האָבן מעבל — איז אויף ווען פאַרלאָזט איר זיך?...

— ביי היינטיקע טישלער, דאַרף מען באַשטעלן מיט אַ יאָר פריער. זיי זיינען דאָ יחסנים... דאָס געהילץ ליפערט מען פון אויסלאַנד... בין איך דאָך אַ איד וואָס שלאָפט ניט אין די זאַכן... אידן זיינען דאָ אָנגעקומען פון רומעני, בולגאַרי, אי־טאַליע. אמת, צערויבטע, צעטריבענע אידן. אָבער זיי האָבן געהאַט שכל מיטצוברייננגען אין ישראל פאַרצעלייען, מעבל, וואָס פאַרנעמט דאָס אויג. און גראַד די אידן קומט אויס וואוינען אין ביידלעך נעבאַך. ביז וואַנען זיי וועלן זיך אויסבויען היימען וועלן זיך נאָך בייטן אַ סך מיניסטאָרן אין אונזער מדינה...

אברהם האָט אַ קוק געטאָן שאַרף אויפן שניידערל, און שטיל געזאָגט: — מען דאַרף ניט ריידן אויף דער מדינה! ווען דאָס לאַנד וועט זיין אין אַ בעסערע לאַגע, וועלן אויך די מיניסטאָרן זיין בעסערע...

— איר זעט אברהם! איך האָב שוין אַ קונד אַזוי פרי; אונזער דאָקטאָר פון קרית־ים.

— קומט אַריין פּאַני דאָקטאָר! טרינקט מיט אונז אַ טעפּעלע פרישע קאַווע. איר קענט זיך אַוודאי?

— יע, יע, — האָט אברהם זיך אויפגעהויבן.

— איר געדיינקט דאָקטאָר, כ׳האָב געהאַט אַ גערשט אויפן אויג?... איר האָט דעמאָלט צו מיר געזאָגט: זאָל שוין בעסער וואַקסן גערשטן אויף די פעלדער...

— האָ! יע, — אייער נאָמען איז אברהם! איר זייט געווען דער שומר אין קאָאָפּעראַטיוו ביים ים... שעמט זיך ניט, מיר דאָקטוירים קומענדיק דאָ אין לאַנד, זיינען געווען פאַר אַ לאַנגער צייט שוואַרצע טאָג־אַרבעטער...

— דעריבער זיינען דאָ די וועגן און הייזער אַזוי געראָטן...

— האָט דער שניידערל זיינס געזאָגט...

— דאָקטוירימס הענט! — האָט לאה קאַרג צוגעשלייפט אַ וואָרט... — וואָס מאַכט עפּעס די דאָקטאָרשע? פאַרנומען אַוודאי מיט די צוויי מוידן... איר האָט זיי געזען אברהם!? איך בין ניט זיכער צי טאַטע, מאַמע, פאַרבייט זיי ניט...

— איר דאָקטאָר טוט מיר אָן נחת, וואָס איר טרינקט ביי מיר אַ גלעזל קאַווע. איר וועט אפשר פאַרבייסן מיט אַ שטיקל עוגה? איך קום צו דער דאָקטאָרשע, — ווייס זי ניט וואָס צו טאָן מיט מיר...

— וואָס זאָגט איר עפּעס אברהם אויף די אַמעריקאַנער אידן וואָס זיינען דאָ אָנגעקומען? — זייט מוחל — האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו לאה׳ן.

— פּאַני דאָקטאָר! — האָט אברהם שטיל געזאָגט: — די

אַמעריקאַנער אידן האָבן דערמעגלעכט איך זאָל בויען מיין הויז. וואָלט איר הערן ווי זיי ריידן וועגן ישראל! מיט פלאַמיקע רייד. זיי אַרבעטן איבערגעגעבן אָן פּאָליטיק... זייערע רייד: — דאָס לאַנד פעלט וואַסער. מען דאַרף ציען רערן. גראָבן קאַנאַלן. דאָס לאַנד דאַרף מען מאַשיניזירן, עלעקטריזירן... זיך אָפּצולערנען, וואָסראַ טעכניקער זיי זיינען... זיי האָבן באַציאונג צו מאַשינען, ווי צו קינדער... זייט מיר מוחל פאַר מיינע ווידערשפּעניקע רייד... איך בין געווען אין עטלעכע קבוצים און געזען אויף די פעלדער אויסגעשפּאַנטע זשאַווערנדיקע טראַקטאָרס, קאָמביי־נערס... יעדע פּיצל געצייג, טאָר ניט גיין אין ניוועץ...

— אַ שאָד! אַ שאָד! — האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן — וואָס איך האָב ניט קיין צייט זיך צוהערן אברהם! איך האָב היינט פיל געלערנט פון אייך. ווייזט אויס מיר אַלטע תושבים זיינען אַטראָפירט צו אַ סך געשעענישן...

— נו, אברהם, פאַרגעסט ניט בלאַנדזיעט אַריין צו מיר... מיינע שכנים דאַרף איך ניט בעטן...

—זייט מוחל אברהם! — האָט דער שניידער זיך אויפגעהויבן

— כ׳וועל אַרויספּראַוווען דעם דאָקטאָר וועלן מיר זיך אומקערן צו אונזערע געשעפטן...

און לאה בלייבנדיק מיט אברהמ׳ען, האָט פּשוט געמאָלן מיט רייד:

— איר ווייסט אברהם! דאָס ערגסטע חלק כאַפּט דאָ אַריין די פרוי. דאָ האַלטן ריין אַ היים — שפּייט מען מיט דער גאַל. אַלערליי פליגעלעך, מאָטילן, קאָמאַרן און מוראַשקעס ווידמענען זיך דאָ. אַ הייסער קלימאַט! און דאָס קאָכן אויף נאַפט־מאַשינקעס, עס רויכערט, עס לעשט, און מען דאַרף צושערן די קנויטן. וואָלט אַלץ געווען צו דערליידן ווען מען האָט רעכט צו קאָכן... איידער מען קריגט דאָס ביסל שפּייז...

— היינט די סאַברעס אונזערע, זאָלן געזונט זיין, שיינע ווי רויזן, אָבער ווילד און צעלאָזן. איר זעט דורכן פענצטער מיין

זונעלע? איך האָב פון אים צו זינגען... דאָס קריכט אויף די גלייכע ווענט... אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק איז דאָס קראַנק. דער דאָקטאָר גייט פון מיין שטוב ניט אַרויס. איך האָב דערמאָנט דעם דאָקטאָר! לאָמיר אייך זאָגן: דאָס איז אַ זעלטענער איידעלער מענטש. דער איינציקער חסרון — ער שטעלט ניט געבוג אויף זיך... די ערשטע צייט איז ער ניט געווען אַזוי. נאָר מיט אים האָט פּאַסירט אַ פּאַרפּאַל: אינמיטן נאַכט איז געקומען דער מאַ־ריקאַנער איינוואוינער, דער מיסט־פירער און ער האָט געקלאַפּ אין דאָקטאָרס טיר — זיין קינד איז פּאַרביי!... נו, ער איז דער איינציקער דאָקטאָר אין שטעטל אַן אָנגעגאַנגענער, אַן אָנגעאַרבע־טער. און גראָד האָט אין יענעם זומערדיקן לאַנגן טאָג געבושעוועט אַ חמסין. ווייזט אויס, דער דאָקטאָר איז שווער געשלאָפן. הכלל, ס'האָט היפּש געדויערט — דער דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן, — און ער האָט שוין דאָס קינד ניט דערווישט קיין לעבעדיקן. בקיצור, דער מאַריקאַנער איד איז ווילד געוואָרן און ער האָט אונזער דאָקטאָר אַזוי צעקיילט — ער איז נעבאַך געלעגן צוויי וואָכן אין שפּיטאָל... האָ, מען ליידט זיך אָן געבוג פון די נייע עולים... ס'איז געווען צייטן, ווען דאָ זיינען געקומען געקליבענע אידעאַ־ליסטן מען האָט דאָ קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן אַ הויז. איצט האַלט מען הינער אין שטייגן... דערצו אַ הונט אויף אַ קייט... — איך פרעג אייך אברהם! — ווי קומען אידן האַלטן הינט? .. זייט מוחל, זיך פאַררעדט. אייגענטלעך וויל איך עפּעס אַנדערש איבערגעבן: ס'האָט זיך געראַטעוועט מיינע אַ שוועסטער פון פוילן, וויל איך איר זאָלט זיך מיט איר באַקענען. איך וואונדער זיך אַ פרוי האָט דורכגעטראָגן אַזויפיל צרות — קען מען אין איר פנים ניט קוקן פון ליכטיקייט... איי די יוגנט! די יוגנט! היינט רעדט דורך איר די גרויסע וועלט... נו, אברהם, מיין מאַן גייט שוין...

אברהם האָט טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט אַראָפּ־געלאָזן אַ שווער געוויכט...

— נו, אברהם! — איז דער שניידערל אויסגעוואַקסן — איך

האָב שוין אַרויסגעפּראַוועט דעם דאָקטאָר. לאָמיר זיך איצט נעמען צו אונזער געשעפט. איר דאַרפט באַשטימען ווען איר קענט מיט מיר צופאָרן אין טבריה. דאָרט געפינען זיך אַ סך נייע עולים. און לייגט עס ניט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק... אידן זיינען ניט קיין שלאָפענדיקע פייגל... ס׳איז ברוך השם אידאַ אַ סך בעלנים... איר וועט דאָרט איינקויפן מעבל, געפעסן און ביי די פּערסישע אידן טעפּיכער. די אַלע חפצים, וועט איר אַראָפּפירן צו מיר, ביז וואַנען אייער היים וועט זיך פול אויסבויען. אברהם! זאָל זיין אַ סוד... וואָס דאַרפט איר מער, אונזער דאָקטאָר איז אַן אַלטער תושב... פונדעסטוועגן האָב איך אים געהאָלפן איינקויפן פיל חפצים... די מעבל און טעפּיכער דערקענט מען גרינג פון די ווייטע פרעמדע לענדער... די אַלע אַלטע־נייע מוסטערן, האָבן זיך איבערגעטראָגן צו אונז צוריק...

אברהם האָט קורץ באַמערקט: — דער חומש האָט זיך געעפנט, און די בלעטער מישן זיך אויף צוריק... נו, פאַני שניידער מיר האָבן זיך דורכגערעדט ווי אידן... — שלום גברת לאה! שלום אדון פנחס! — שלום! שלום!

— און זייט ניט קיין פרעמדער — האָט אים לאה אַרויס־באַגלייט פון טיר...

28.

אברהמ׳ס כאַראַקטער איז מאָדעלירט געוואָרן נאָך אין די קינדערשע יאָרן... ס׳האָט מיט אים געלערנט זיין עלטער זיידע. ער האָט אים געלערנט און געשפּאַסט. אים געקנייפּט ווייך די באַקן. און אים באַצאָלט קופּערנע צענערס.

איין וואָך האָט אים פאַרהערט איין זיידע. אַ צווייטע וואָך — דער אַנדער זיידע. ניין, דאָס זיינען ניט געווען זיידעס, — נאָר אַלטע אינגלעך — שטיפערס, מיט געזאַנגלעך און געלעכטערס. זיי האָבן געשמעקט טאַבאַק פון טאַבאַקערקעס, און זיי האָבן גענאָסן מיט פריידיקע טרערן אין די אויגן...

אמת, דער טאַטע איז שוין געווען שטרענגער. ער איז געזעסן איבער דער גמרא און אַרויסגעפירט פון דאָרט רעיונות.... און ער האָט געקוקט ערנסט אויף זיין זון...

אויך די אידישע געמיינדע אינם שטעטל האָבן געלעבט שטיל. זיי האָבן געוואוינט אין נידעריקע הייזלעך מיט קליינע פענצטערלעך. די פייערלעך ביינאַכט בלישצענדיקע. די מעבל אין די הייזער: אַ קאָמאָד, אַ קופערט, אַן אַלמער, אַ שלאָף־באַנק. און ספרים! ספרים! געלופטערטע, געמישטע, אַריינגעקוקטע אין זיי...

זיין כאַראַקטער האָט זיך אויסגעפאָרמירט צווישן למדנים און שטילע אָרעמע מענטשן...

אָבער אינדערזעלבער צייט איז ער געווען אַ ליטוואַק! פאַר־עקשנט. ער איז געווען פון דער נאַטור שעמעוודיק. און ער האָט זיך שטאַרק געהיט ניט פאַרשעמען אַ צווייטן... ער איז געווען אַ טרוימער, פול מיט פּלענער. און ער האָט פאַרמאָגט דיסציפּ־לין... ער האָט געטראַכט אַז דער אָנפאַנג פון גרויסן לעבן ליגט טיף אין זיך. אַזוי ווי מען פירט זיך — אַזוי שאַטנט זיך דער אַרום... דער ווידער־קול איז די אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגן קול...

ווער רעדט אין ישראל! ווען די פאַרלאָרענע היימישקייט האָט זיך צוריק אומגעקערט. און ער קען אויפנעמען די פריידן. און ער קען אָפּצאָלן מיט אַרבעט און מעשים טובים...

אָבער אינם שטילן איד, האָבן געשטורעמט גרויסע ליידנ־שאַפטן. די ווילדע וועגן, הויכע בערג, שטראָמיקע טייכן, האָבן אויסגעגליט זיין האַרץ. ווייל ער איז געזעסן הינטער פאַריגלטע טורמע־טירן יאָרן, און קיין פרוי ניט געהאַלטן פאַר דער האַנט. האָט איצט די פרייהייט אין ישראל אויפגעבראָכן די טירן פון זיין האַרץ... ער איז פאַרליבט אין צוויי פרויען. זיין בענקעניש, זיינע חרטה־געפילן זיינען מוראדיק, און ער איז צערודערט...

די איינוואוינער האָבן אומרואיק געקוקט און אים געפרעגט:

— אברהם! וואָס איז געשען, איר זייט לעצטנס אַראָפּ פון

פנים ?... און אברהם האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעיאָגטער שרעק... — — —

29.

אין דער בויאונג פון קרית־גלים, האָט מען געקענט זען אַ סך טריאומף. דער צעמענטענער וועג, האָט דורכגעשניטן דעם זאַמד, ווי אַ פאַרגליווערטער טייך. איבער דעם נייעם וועג, האָבן שוין געדעדערט טראָקס און טאַקסעס.

אין די שבתים, האָט מען געקענט זען די צוקונפטיקע איינ־וואוינער פון קרית גלים! זיי זיינען געקומען יום־טובדיק אָנגעטאָן. מיט פאַרשיינטע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף זייערע היימען, וואָס זיינען געוואַקסן, ווי זייערע פונדאַמענטן וואָלטן געהאַט וואָרצלען...

אברהם האָט פול געזען די פרייד אויף די איינוואוינער וואָס וועלן זיך אַריינקלייבן אין די נייע הייזער... האָ! דאָ וועלן קרייען הענער. קינדערשע קולות וועלן דאָ אָפּקלינגען. עס זעען זיך גערטענדלעך און גרינס איבער די בייטן. וואַסערן שפריצן קעגן זון. און דער הייסער זאַמד לעשט זיך... אַ שטיק מדבר ווערט פאַרלענדט. ווערט פאַרוואַנדלט ווי אַ צויבער מעשה, — מיט יונגע בוימלעך גראָז און בלומען...

דאָס זיינען פריידיקע אָנזאָגן פון דער יונגער מדינה, וואָס מאַכט פון דער וויסטעניש פרוכטבאַרע טאָלן...

ניט נאָר דער שאָסיי־וועג איז פאַרטיק צו קרית־גלים! נאָר די שול הויבט זיך אַרויס, אַ ווייסע ברייטע געביידע, מיט פיל פענצטער און טירן. און די בלוי־ווייסע פאָן פלאַטערט איבער דער שול. און עס רודערט זיך אין די שטעטלעך אַרום. — היינט ביי־נאַכט איז חנוכת־הבית פון דער שול. די אַמעריקאַנער עלעקטראָ־טעכניקער פון חוף־ים, האָבן פאַרצויגן קרענץ מיט געפאַרבטע לעמפּעלעך. עס זיינען אויך אָנגעפאַרן געהויבענע געסט פון לאַנד.

— אין ישראל אַ נייע שול — איז דאָס אַ יום טוב פאַרן גאַנצן לאַנד!...

אברהם איז שוין געווען אַרום דער שול אין פריען פרימאָרגן. ער האָט אָנגעפירט די אָנגעליענע שטולן. ער האָט די שטולן צעשטעלט אין רייען אין גרויסן זאַל...

פרויען האָבן די שול דעקאָרירט מיט ברייטע לענטעס און בלומען. און קינדער פול אַרום דער שול האָבן געעפנט טירן, און זיי האָבן זיך פאַרנאַנדערגעלאָפן אין די ליידיקע צימערן. ס'האָבן זיך געטראָגן הילכיקע ווידער־קולות פון זייערע יונגע שטימען.

זיי זיינען געשייט קלוג דאָס קליינוואַרג. זיי האָבן אָפּגעהיט די ווייסע בלוזקעלעך, הויזעלעך, קליידלעך. אָבער קינדער גייען אַרויס פון געדולד — זיך צו האַלטן רואיק... זיי האָבן גענומען אַרומלויפן אַרום שול, זיך דרייען אין רעדער. זייערע שפּילערייען זיינען געווען ווילד. ס'האָט ניט געהאָלפן גוטע רייד, בייזערן... וואו אַ ביסל זאַמד, שטויב, האָבן זיי עס געטראָגן אויף זייערע גע־וואַשענע, געפּרעסטע מלבושימלעך...

אין אָוונט האָט די שמחה זיך צעפלאַקערט. גרויסע און קליינע לאַמפּן, האָבן באַלויכטן די שול. און מאָטילן, פלאַטערלעך, האָבן אויף זייערע גרינגע פליגעלעך געשוועבט, געטאַנצט אין ליכט־קאַדרילן — ווי פון גאָט געשיקט צו באַגריסן דעם יום טוב... ווען מען האָט אויפגעשפּילט די אידישע הימנע, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, און אַלע האָבן מיטגעזונגען. ווען דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט, האָט דער עולם גענומען אַרויסטראָגן די שטולן אין דרויסן.

אין אויסגעליידיקטן זאַל האָט מען שוין געטאַנצט. פריער אַלט־היימישע טענץ... דערנאָך די נייע ישראל טענץ. עס האָבן געטאַנצט מענער, פרויען, און זיי האָבן מיטגעזונגען מיטן אָרקעס־טער.

פּלוצים איז אברהם געבליבן שטיין בלאַס און דערשראָקן — ער האָט דערזען רבקה'ן טאַנצנדיק מיט זבולנ'ען... אברהם האָט

זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. אַן אינוויינינקסטע היץ האָט אויף אים געשלאָגן... ער איז אַוועק געוואַקלט אויף זייטיקע וועגעלעך.

דאָס ליכטיקייט פון שול איז שוין געווען ווייט געטונקלט, האָט די פינצטערניש אים אַרומגענומען. ס'איז אויך געווען וואָלקנדיק. ס'איז שוין געווען שפּעט אין זומער. די וואָלקנס, און די ווינטן וואָס טרייבן זיי, איז דער פולער אָנזאָג: דער ווינטער קלייבט זיך אַריין אין ישראל...

אברהם איז געגאַנגען אָנגעצונדן אין צאָרן, אין שווערע פאַר־דרוסן אויף רבקה'ן. זי האָט אים פאַרביטן אויף זבולנ'ען!

ניין, רבקה איז ניט שולדיק. זבולן איז דער יעניקער, וואָס האָט דערשנאַפּט מיט זיין לאַנגער נאָז — איך בין ניט גלייכגילטיק צו רבקה'ן. יע, ביי די פלעשלעך וויין, האָט ער געלערנט, — איך בין פאַרליבט אין רבקה'ן!...

יע, איך בין פאַרליבט! זי האָט מיך פול געפאַנגען. ניין, ס'איז זיין אייגענע שולד. אַן עלנדע פרוי. אַן אלמנה אָן שוץ — ער האָט ניט געטאָרט אָנקלאַפּן אין איר טיר. ער האָט זיך אַריינגעצויגן דאָ ווייל זי איז אים געפעלן געוואָרן... ווייל טונקעלע אָנונגען האָבן אים געטריבן... צו אַזאַ פרוי מיט אַ געבראָכן געמיט, האָט ער גערדאַרפט ריידן: זיי ווייסן מיין האַרץ איז פאַרנומען מיט שרה'ן! אָבער איך קען ניט ביישטיין דעם נסיון — כאָטש שרה איז מיין געשוואוירן ווייב, האָסט מיר איבערגעוואונען מיט דיין רייץ און שיינקייט. שרה איז אַ ניי־געקומענע אין לאַנד, און מיר זיינען ביידע צעבראָכענע שיפן... אין דיר רבקה, זינגט דאָס לאַנד ישראל! דו האָסט געהאַלטן אַ ביקס צו דיין האַרץ אין דער מלחמה מיט די אַראַבער...

רבקה! האָסט צעוויגט מיין האַרץ אין הויכע כוואַליעס...

ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, זבולן איז געווען דער ערשטער איד אין ישראל, וואָס האָט אים אויסגעשטרעקט אַ ברודערלעכע האַנט... ניין, ער האָט ניט פאַרגעסן. נאָר די גרויסע טאָט איז צעשוואוּמען געוואָרן קעגן דער געפאַר — ער נעמט צו ביי אים

רבקה׳ן... יע, ער נעמט זי צו כדת משה וישראל... זבולן איז ניט דער מענטש צו פירן ליבעס... ער האָט פאַרטרויט זיין האַרץ ער איז גרייט שטעלן חופה. און רבקה האָט זיך גיך אַרומגעזען זייער אַרומליובען זיך קען פירן צו אַן אָפגרונט... און פראַקטיש־קייט לעשט די ליבע אָנפאַלן פון אַ פרוי... זי וועט זיך פאַרבינדן מיט זבולנ׳ען. און דעם גרויסן סוד — וועט זי טראָגן טיף אין האַרצן ווי דעם שענסטן חלום...

— שאַ, זיי גייען... ער הערט רבקה׳ן שטיל ריידנדיק. ווי אַ ווינט, האָט זיך אברהם אַריינגעכאַפּט אין שטוב. — האָ! ס׳האָט זיך געצויגן די צייט ווי פון פעך... זיי זיינען זיך געזעסן אויפן גאַנעק ווי טייבעלעך... ער האָט געפילט ווי אַראָפּצוגיין פון זיין געלעגער און שטילערהייט זיך צוגנב׳נען און זיי שטיקן, שטיקן. אַ מוראדיקע גבורה האָט ער דערפילט. נאָר ווען ער האָט דערהערט דעם זיסן וואָרט: לילה טוב! איז ער געבליבן ליגן אויפן בעט, ווי אויסגערונען פון זיינע מלבושים; צעפאַלן און מיט שווערע טונקעלע געפילן קעגן זיך...

32.

רבקה און אברהם האָבן זיך באַגעגנט און זיי האָבן זיך אָנגעקוקט שווייגענדיקע. און רבקה איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מילד אַ זאָג געטאָן: — אברהם! וואו ביסטו פאַרפרעמדט געוואָרן מיט אַמאָל? פאַר טעג ניט געסטייעט. אַ מענטש גייט אַוועק פון שטוב, זאָגט ניט קיין זיי געזונט, ווי צו אַ ציגיינערין... וואָס האָב איך ניט איבערגעטראַכט... אַ פרויס באַציאונג צו נאָענטע מענטשן — איז ווי צו קינדער... זיי ווילן זיי זען אין די אָוונטן איינגע־זאַמלט אין הויז. צום גליק, האָב באַגעגנט דעם שניידערל, האָט ער דערציילט: — דו קלייבסט זיך קויפן מעבל פאַר דיין הויז. איך האָב זיך פאַרדינט פון דיין אייגן מויל הערן די גוטע נייעס...

— רבקה! — האָט אברהם אָנגעכאַפּט איר האַנט, און זיין אָטעם

האָט שטאַרק געשלאָגן — באַשולדיק ניט איידער כ׳וועל דער־קלערן...

— ניין, ניין, אברהם! — האָט זי אַרויסגעצויגן די האַנט — דאַרפסט מיר גאָרניט דערקלערן. די האָרץ פון אַ פרוי, איז ווי אַ פענצטער — עס שפּיגלט זיך אַלע גענגלעך פון דעם וואָס זי האָט פאַרטרויט איר האַרץ... איך האָב זיך ביטער אַנטוישט. דיינע געפליגלטע רייד, פירן מיך אַראָפּ פון גלייכן וועג. איך קען ניט מיין יונג לעבן מפקיר זיין אויף פּוסטן... איך בין אַ מאַמע פון אַ קליין קינד. עס קענען מיר הי אַלע איינוואוינער. איך טראָג אויף מיין נאָמען קיין פלעק... מיין גאָט זעליקער מאַן האָט זיך אָפּגעשיידט פון מיר. איך בין געבליבן עלנט — האָב איך געפירט סטאַט. אַ פרעמדער מאַן איז ניט אַריבער מיין שוועל. מיט אַ מאָל האָסטו זיך באַוויזן, און מיט כשוף־פינגער אָנגעקלאַפּט אין מיין פאַרוואונדעטע האַרץ. איך האָב ווי אַ פויגל איינגאַנצן אויפגעפלאַטערט. איך בין אויפגעציטערט געוואָרן ביז די גרונטן מיט הייסע באַגערן צו דיר. איך בין באַגליקט געוואָרן — ווען כ׳האָב דערשפּירט אויך דו ביסט אויפגערוישט... עס האָבן גע־זונגען דיינע רייד. דיינע הייסע הענט האָבן מיך געריינגלט. דו ביסט כסדר געוועזן אַרום מיר. עס האָבן אויף מיר געוואָרעמט דיינע אויגן. דיין אויפמערקזאַמקייט האָט געקוואַלט. איך האָב אין דיר געזען דעם נאָענסטן פון די נאָענסטע...

— רבקה! רבקה! — לאָז מיר קושן דיינע הענט. דיר האָב איך אויסגעחלומט אויף די פאַרשנייטע פעלדער פון סיביר. דו האָסט מיינע פּיינען פאַרוואַנדלט אין שכרותדיקע פרייד. דו האָסט אָנגעצונדן מיין האַרץ מיט קוראַזשן און אָפּפערוויליקייט. איך בין אין דיר פאַרליבט ביז משוגעת...

רבקה האָט געווישט די אויגן: — ניין, אברהם! דיינע רייד זיינען שוין איבעריקע. האָסט ניט באַוויזן די אויפריכטיקייט פון דיין ליבשאַפט. אַרום אַ פרוי דאַרף מען זיך קענען אַרומוועבן מיט זיידענע פעדים... דיין ליבע צו מיר איז אַן איינגעשמועסטע,

— ווי פעדערלעך אין ווינט... עס פירט ניט צו קיין תכלית. דו האָסט אַ ווייב שרה! זי איז שיין און יונג. לאָז זי ניט איין! וועסט שפּעטער אָפּשאַצן וואָס מיינט אין בויענדן לאַנד אַ פרוי!... איך ווייס עס טרעפט מען ווענדט אָפּ די האַרץ פון אַ פרוי מיט וועלכע מען האָט זיך פאַרבונדן — ווען דו וואָלסט פאַר מיר אַלץ דערקלערט אויפריכטיק... אָבער דיין מויל איז געווען פאַרשלאָסן. און אפשר איז מיין ביטער מזל שולדיק? אָדער טאַקע איך אַליין. יע, איך בין געווען די יעניקע, וואָס האָב זיך געצויגן צו דיר, ווי אַ שמעטערלינג צום פייער... יע, איך האָב געוואָלט זאָלסט זיין מיין מאַן, אַ טאַטע צו מיין קינד. מיין האַרץ האָט געשטור־רעמט. איך האָב ניט געוואוסט ווי זיך צאַמען. איצט אברהם! גלויב איך מער ניט אין ליבע. איך קלייב זיך חתונה האָבן פאַר זבולנ׳ען. ער איז עלטער מיושבדיקער. ער רעדט אָפן: ער וויל אַ בעל־הביתטע. איך זע, אַז דער מענטש וועט מיר ניט פאַר־נאַכלעסיקן. פאַרשטיי מיר אברהם! מיר קענען זיך ניט פירן ווי פאַרליבטע... די איינוואוינער באַריידן... איך פאַר מאָרגן צו מיין קוזינקע. אויך זי נעבאַך האָט ניט קיין מזל. דער שידוך מיט יעקב׳ן איז צו נישט... ער גייט אַרום שלינק און שלאַנק. רעדט אויף ישראל. אַן איבערגעבערענטער אינטעלעגענט. אַ פאַנ־טאַזיאָר! איך האָף אברהם! — וועסט ניט טראָגן אויף מיר אַ שווער האַרץ...

רבקה און אברהם האָבן געשוויגן — און זייערע אויגן זיינען געווען אָנגעקוואָלענע פון טרערן...

צווייטער טייל

קרית גלים איז געוואָרן אַ מוסטער פון אַ שטעטל — מיט ווייסע אויפגעהויבענע הייזער, מיט פענצטער צום ים, און צו מערב גליל. אַרום די הייזער, גערטנדלעך און ביימער. און מיט גלייכע גאַסן אויסגעשפּרייט. און אַ ברייטער מרכז (צענטער, מיטל־פּונקט). אויך אברהמ׳ס הויז איז געווען פול אויסגעבויט, אויסגעפאַרבט, מיט הויכע ברייטע צימערן. און שרה האָט די צימערן כסדר צוגעקליבן. אין זאַל האָט זי איבער די פענצטער אַריבערגעהאַנגען לאַנגע דין־געוועבטע געטעפּעטע פאָרהאַנגען. אויפן ברוינעם טיש איבערגעדעקט אַן אויסגעשטריקטן סערוועט מיט אוזאָרן. אויפן מיטן טיש איז געשטאַנען אַ שלאַנק קריגל אַן אויסגעברענטער, — געבראַכט פון איטאַליע. אינם קריגל האָבן פריש אַרויסגעבליט אַלע טאָג אַנדערע בלומען. און ישראל־טעלער פון קופּער אויסגעשלאָגענע זיינען געהאַנגען איינציקע אויף די ווענט. אויך אַן אַלטע מנורה פון איין שטיק געגאָסן, איז געשטאַנען געשטערעקט מיט פאַרצווייגטע רערן...

אברהם האָט איינגעקויפט ביכער און ספרים. און שרה האָט זיי אָפּט איבערגעשטעלט — געריייניקט פון שטויב. זי איז אַרומ־געגאַנגען איבער די צימערן, ווי אַ שטילע טויב. ס׳איז קאָנטיק אויף איר יונג אויסגערוט פאַרברוינט פנים — אַלע שטורעמס האָבן שוין פאַרמיטן... עס האָבן זיך אַלע וואָלקנס צעזייט. גליק־זעליקייט, באַרואיקונג, האָט אין דער נייער היים זיך אַראָפּגע־לאָזן... זי האָט איר גאַנצע ליבשאַפט אויפמערקזאַמקייט אין די פיר ווינקלען עס אויסגעשפּרייט...

זי האָט געזען אברהם אַרבעט אַרום אין די בייטאָגן ווי אַ בין, און ער שלעפּט ווי אַ קאַץ — פון אַלדאָס גוטס אין הויז אַריין. — אין די אָוונטן, איז ער ווי אַן אָנגעטאָנטע פידל — ער זינגט אַרויס פון אָפענעם ספר. ווען זי טוט זיך אַרום, רופט ער זי אויף אַ שפּאַציר. אויף די לאַנגע שפּאַצירן באַקענען זיי זיך

ערשט... איןברייטן שטילן גאָטס דרויסן — נעענטערט זיי כסדר... און אברהם האַלט איר פאַרן האַנט. ער פירט זי, ווי זי וואָלט געווען אַ שטענדיקע כלה, ניט זיין ווייב!

צייטנווייס ווערט זי אומעטיק פון זיין גרויס צערטלעכקייט. עס גנבענען זיך אַריין פאַרדאַכטן... עפּעס טראָגט אברהם אַ פאַר־סודעט האַרץ... זי האָט סימנים: ער לערנט ניט טיף אין די ספרים. ער שטייט איבערגעבויגן, פאַרטראַכט, און אַ שאָטנדיקער אומעט איבער זיין פּנים. און טאָמער פרעגט זי עפּעס, ווייס ער ניט וואָס צו ענטפערן גלייך... ער איז ווי גייסטיק שטאַרק צע־בראָכן. זי איז גרייט אים אויסהערן פאַרגעבן און פאַרגעסן. מיט יונגע מענטשן טרעפט אַ סך! אַ סך! אויפן שטורעמדיקן וועג... אויך זי האָט געבלאָנדזיעט, געבלאָנדזיעט, ביז עס האָט זיך באַוויזן אברהם!... איצט איז זי געזונט און ניכטער. זי איז אויסגעוויקלט אין ליכטיקייט און פרייהייט... — האָ! זי איז אַ מבין אויף אברהמ׳ען!... אים מאַטערט זיין געוויסן... דער שלאָף זיינער איז צעשטערט. עטלעכע מאָל גייט ער אַראָפּ, צינדט אָן פייער — דרייט זיך אַרום...

— וואָס שלאָפסטו ניט אברהם?!

— איך ווייס ניט שרה! אַ נייע שטוב, וואָס מיין לעבן ליגט דערין — חלומט זיך מיר גנבים זיינען אַריין. ביז איך איבערצייג זיך ניט נעמט ניט קיין שלאָף. אָבער דו שרה נעם ניט אין אַכט, אַ מאַנסביל דאַרף קיין סך ניט שלאָפן. אויך שלאָף איך ניט פון גרויס פרייד. ווי דער גרויסער גאָט האָט מיך באַגליקט... איך האָב שטאַרק ליב דאָס לאַנד! ווען מען האָט ליב דאָס לאַנד, האָט מען אויך פחד — זאָל דאָס לאַנד זיין אין שלום... איך האָב דיר שטאַרק ליב. דעריבער טראָג איך כסדר בענקשאַפטן אין מיין האַרץ, אַזוי ווי עס וואָלט מיר געפעלט די זיכערקייט אין דיר... איידער דו האָסט זיך באַוויזן צוריק, בין איך געווען פאַר־איינזאַמט פאַרלאָזן. דעריבער האָב איך אַזוי געשטורעמט, געיאָגט מיטן אויפבויען די היים... איך האָב געאַרבעט טאָג און נאַכט.

און איצט מיין טיפער וואונטש איז מקוים געוואָרן: — אַן אייגענע היים אונטער דיינע טיכטיקע הענט, — ווייס איך ניט צי איך בין דיר ווערט שרה!...

— זאָג אברהם! וואָס מאַטערט דיר?

— פרעג מיך איצט ניט שרה! קיין זאַך מעקט זיך ניט אָפּ, וואָס אַ מענטש לעבט איבער... צייטנווייס דוכט זיך מיר אַז מען טרייבט מיך צוריק פון איין טיורמע אין דער צווייטער. זיי מוחל שרה פאַר מיינע שווערע שטימונגען. פאַר אַ ווייב מעג מען זיך אַראָפּריידן פון האַרץ...

33.

שרה אין איר גרויס פאַרנומענקייט אין הויז, האָט פאַרשטעל־טערהייט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אברהמ׳ען... זי האָט נאָכגעפאָרשט זיין יעדע באַוועגונג און גרימאַסע... יע, דער מענטש איז טיף צערודערט. עס פאַלט אים פון די הענט... עס פאַלט אויפן שטיינערנעם דיל אַ טעלער, צעשפּריצט דאָס פאַרצעלייי אין אַלע ווינקלען. — און שרה מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל: באַרואיקט אברהמ׳ען — ס׳איז צום גוטן מזל!... זי שאַרט אויף די פּיצלעך פאַרצעליי — און זי זאָגט: אברהם! דיינע הענט זיינען דיר פאַרמאַטערט. ניכיי וואָלסטו גערוט. גענוג האָבעווען! עס פעלט אונז ניט חלילה דער פונט... כ׳וועל זיך נאָר אַביסל אַרומטאָן אין שטוב, וועל איך זיך איבערטאָן, און מיר וועלן צוגיין זען אין מאַצקין אַ בילד. דער „דבר״, האָט געהאַט גאָר אַ גוטע אָפּהאַנדלונג.

יע, שרה מיר וועלן גיין זען דאָס בילד.

— אפשר אברהם, וואָלט געווען אַ פּלאַן מיר זאָלן רופן אונזער נייע שכנה מרים? זי איז נעבאַך אַליין.

— יע, שרה נשמה, רוף זי, פאַרוואָס ניט? — וואָסער אַנצוג זאָל איך אָנטאָן שרה׳לע?

— דעם בלויען, אברהם! אייל זיך טאָקע צו...?

האָ! דער נאָכגעבן איר אָן קיין שום ווידערשטאַנד האָט איר טיף דערשראָקן. ס׳איז אויסגערונען מיט אַ מאָל זיין מאַנסבילשע פאַרהאַרטעוועטקייט און עקשנות. ער לאָזט זיך פירן ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד... אידישע קינדערלעך! וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך... ער אומעטיקט טיף... ניין, כ׳וועל קיינעם ניט דערציילן. ער וועט זיך אויך ניט דערוויסן אַז איך פאַרשטיי... דער מענטש איז זייער אַן אויפריכטיקער, אַ צאַרטער. איך בין די שולדיקע! און אפשר נאָך אימיצער?... זיינע פאַרלאַטעטע וויטאָגדיקע איבערלעבונגען האָבן זיך דורכגעבראָכן. זיי ווילן אים פאַרלענדן צוזאַמען מיט מיר. אָן אברהמ׳ען! איז מיין לעבן גאָרנישט ווערט.

איין טרייסט: דער מענטש האַלט מיט זיך מלחמה. ער וויל מיט אַלע כחות געזונט ווערן. ווייל ס׳איז אים געקומען איצט צום לעבן. איך וועל ניט אַרויסברייענגען אַ ביטער וואָרט. און די צייט היילט אויך... קיינער פון די איינוואוינער, וועלן ניט האָבן דעם מינדסטן חשד, וואָס עס טוט זיך אין אברהמ׳ס נשמה... זיינע רייד זיינען גלייכע. ער איז געוואַשן, געשאָרן און אויפגעראַמט. זאָל ער פאָרן איבערן לאַנד, די בערג און טאָלן וועלן אים צעשטרייען. אויך איך האָב דורכגעאַנגען אַ נערוון צעטרייס לונג... די מלחמה־יאָרן...

— אברהם! אברהם! האָסט זיך איבערגעטאָן? לאָמיר זען ווי דו זעסט אויס!... זי האָט אים אַרומגענומען — איך פאַרליב זיך באַלד אין דיר אויפסניי.

— אָבער די בינדער טו איבער. טו אָן יענע, וואָס כ׳האָב געבראַכט פון חיפה.

ער האָט איר אַ גלעט געטאָן, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פנים, וואָס האָט שרה׳ן שטאַרק דערפרייט... און זי האָט מיטן קאַם איבערגעגאַנגען איבער זיינע האָר פון קאָפּ.

— אברהם! ווילסט זיין אַ גוטער, און רופן די שכנה אונזערע?...

— נייַן, שרה׳לע! — עס פּאַסט גיכער פאַר דיר...

שרה האָט אים פאַרקוקט אין די אויגן... דאָס וואָס ער האָט זיך אַן אַמפּער געטאָן, האָט בולט געוויזן אַז ער גייט אויפן וועג פון גלייכגעוויכט...

— נו, גוט כ׳וועל דיר נאָכגעבן. פאַרמאַך דערוויַיל די פענצטער. לעש אויס די ליכט. חוץ אין קיך לאָז ברענען דאָס לעמפּל.

דער גאַנג איבער די זאַמדן צו קרית מאָצקין, איז געווען אַ דערפרישונג פאַר אברהמ׳ען!...

די וויַיבער האָבן העפטיק גערעדט,געלאַכט. און אברהם, האָט פון וויַיל, צו וויַיל, אַריַינגעוואָרפן אַ וואָרט וואָס האָט זייער אויסגענומען ביי די וויַיבער.

— קוקט, קוקט ווי ישראל לעבט בייטאָג, ביינאַכט. מען גייט, מען פאָרט. און גוזאַנגען טראָגן זיך. וואָס פאַרא יונגע פרייד עס שאַלט דאָ!...

שרה האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן האַנט, און זיך איינגעטוליעט...

און מרים האָט זיך אָפּגערופן: איך האָב געמיינט נאָר אַז די אַלט־גוזעסענע וויסן ווי צו שאַצן, ווי אונזער לאַנד האָט אויפגעבליט!... איך בין דאָ געקומען, איז נאָך תל־אביב געווען אַ דערפל. איצט ווי פון אַ גערדיכטן וואַלד קען איך זיך ניט אַרויספּלאָנטערן...

דאָס טעאַטער־הויז איז געווען געפּאַקט. און אויפן לייוונט האָט זיך פאַרנאַנדערגעוויקלט ברייטע לאַנדשאַפטן פון קאָלאָראַדאָ־שטאַט, — פאַנטאַסטישע שנייאיקע קייטן בערג. און העלדישע רייטער אויף שיינע פערד. און בוידן מיט פּראָוויאַנט. מען האָט געוויזן אַ ברייט בילד פון פּיאָנערן לעבן אין דער יונגער אַמעריקע.

— עס איז צוגעפּאַסט צו אונזער לאַנד — האָט שרה שטיל אַ שעפּטשע געטאָן...

און מרים האָט זיך אָפּגערופן: — איך קלייב זיך אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע! כ׳האָב דאָרט מומעס, פּעטערס.

— איך — האָט זיך אברהם אָפּגערופן — וועל אין ערגיץ מער ניט פאָרן. ישראל איז מיין לאַנד! מיין היים! מיין וועלט!...

ביים אַרויסגיין פון טעאַטער, האָט אברהם געטראָפן באַקאַנטע. מען איז נאָך לאַנג געשטאַנען אין קופּקעלעך לעבן טעאַטער. מען האָט לאַנג גערעדט וועגן גרויסאַרטיקן בילד...

און שרה האָט געזען אברהם איז אויפגעלעבט און איר האַרץ איז געווען אין פרייד...

34.

שרה האָט מאַרקירט, ניט צו לאָזן אברהמ׳ען זיין מיט זיך אַליין... זי האָט מורא געהאַט ווען ער פלעגט זיך פאַרקוקן אין אַ ווינקל און בלייבן שטיין, אָדער זיצן פאַרטראַכט... זי פלעגט זיך דאַמאָלט באַווייזן אַ שמייכלענדיקע — און זי פלעגט אַרויפ־ציען די פאָרהאַנגען...

— אברהם כ׳האָב ניט ליב אַז ס׳איז טונקל...

— ביסט גערעכט שרה! ווען מיר האָבן אין ישראל אַזאַ געבענטשטע זון.

— דו ווייסט, אברהם! העלף מיר איבערשטעלן די בעט אויף דער צווייטער זייט. וואו עס שטייט איצט די בעט, וועלן מיר איבערשטעלן דעם קרעדענץ. און דעם קיך־טיש וועלן מיר געבן אַן „אַסטאַווקע״, ער איז צו הויך, און ער פאַרנעמט צופיל פּלאַץ. אונזער קיך איז ניט צו גערעם.

אברהם האָט אַ שמייכל געטאָן, און שטיל געזאָגט: — כ׳ווייס ניט שרה, צי ביסטו אינגאַנצן גערעכט?... דאָס טישל אין קיך איז פון די אַנטיקן... אמת, ער האָט צו הויכע פיס. אָבער קליינע קינדער זיינען ניטאָ אין הויז. ווייזט אויס מיר מאַנסביל זיינען אַנדערע מענטשן... איך ווער צוגעוואוינט צו אַ פּלאַץ... —

לאָמיר דיר דערציילן קרית־ים! האָט מיר אַזוי צוגעבונדן... איך האָב טעג נאָכאַנאַנד געבענקט נאָך די פּאַרשייטע קינדער. די הייזער און מענטשן זיינען מיר דאָרט געווען ליב. איצט איז מיר ליב געוואָרן קרית־גלים! אָבער ס'האָט גענומען שיינע וואָכן... אויך אין אונזער שטוב איז מיר טייער יעדע שטיק מעבל, יעדער חפץ. און אַז מען נעמט זיי איבערשטעלן — דערפיל איך זיך אין דער פרעמד... ביז עס נעמט אַ שטיקל צייט און איך געוואוין זיך צו... אָבער איך שטים איין, די פרוי וויס בעסער ווי איינ־צושטעלן די מעבל. און אַלץ וואָס אין אַ הויז געפינט זיך...

שרה האָט אַ ווייל געשוויגן — זי האָט געטראַכט מיט זיך — עס האָט זיך איר איינגעגעבן אברהם זאָל זיינע אינטערעסן מער אויסשפּרייטן אויף זייער היים... האָ אַ היים! איז אַ האַלבער לעבן פון אַ מענטשן. דאָ עסט מען, און מען רוט. דאָ וואַקסן אויס קינדער. יע, זאָל קומען דאָס ערשטע קינד! וועט ער ערשט דערזען ווי ער האָט זיך פאַרוואָרצלט מיט די קומענדיקע דורות. אַ מאַן אַז ער האָט אַ גוטע היים, ווערט פון אים אַרויסגעטריבן די חיה. די אייביקע וואַנדער־לוסט. אַלע ווילדע פאַרלאַנגען טאַמעווען זיך — ער ווערט אַ בעל הבית!...

— ווייסט, אברהם! — איך האָב דיר שיינס צו דערציילן: — מרים האָט מיר פאַרטרויט: — אין קרית־גלים קומט אָן אַ דאָק־טאָר: און ער איז איר גוט באַקאַנט. זי האָט מיט אים געאַרבעט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין וואַרשע, אין אַ שפּיטאָל. דער דאָקטאָר איז אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין די וועלדער. ער איז געווען דער דאָקטאָר פון גרויסע גרופּן פאַרטיזאַנער. קורץ, אין די וועלדער זיינען געווען גרויסע איבערפאַלן פון די דייטשן, און פאַרשיידענע באַנדעס. איך דאַרף דאָך דיר ניט דערציילן... ביז איינמאָל איז געווען אַן איבערפאַל און עס זיינען אומגעקומען פיל פאַרטיזאַנער — צווישן זיי דעם דאָקטאָרס ווייב און טאָכטער. איצט אויף דער עלטער שווימט ער צו, צו ישראל!... מרים, האָט אַ סך געכלאַפּאָטשעט... און זי

האָט אויסגעווירקט די רעגירונג שטעלט אים אָן אין קרית גלים! ער איז באַרימט! — האָט מרים מיט באַגייסטערונג צו מיר גע־רעדט: — אייך פאַרטרוי איך שרה! איך בין יאָרן אין אים געווען פאַרליבט. און קיינמאָל אָפן ניט דערציילט מיינע געפילן... ווייל כ׳האָב געהאַט רעספעקט פאַר זיין שיינע געבילדעטע פרוי. ווייל כ׳האָב ניט געוואָלט זיך אַזוי טיף איינשמועסן צי דער באַרימטער דאָקטאָר מינקאָווסקי וואָלט אויסגעביטן זיין פרוי... יע, שרה, צייט אַ פאַר וואָכן קומט ער אין לאַנד! חוץ כ׳וועל אים אַרויס־העלפן מיט געלט, האָב איך פיל דאָקטאָרשע אינסטרומענטן, וואָס איז איצט אַזוי שווער צו קריגן.

— אינטערעסאַנט! — האָט אברהם איבערגעשלאָגן שרה׳ן. ס׳איז אַ גרויס געשעעניש ביי אונז אין קרית גלים! אויך מרים וועט אויפגעריכט ווערן. דאָס איז די באַשערטקייט... וואָס ער איז געבליבן לעבן. און ער קען נאָך לייסטן זיין וויסן פאַר ישראל! און ער מוז האָבן אַ מיטהעלפערן. אַ פרוי וואָס זאָל אים אָפּהיטן. ער זאָל האָבן אַ היים. יע, שרה ס׳איז די גרויסע באַשערטקייט פון לעבן... דאָ אין ישראל קען מען עס מערקן שטאַרק. דאָ איז מען געקומען פון גרויסע ערד־ציטערנישן. פון גרויסע אויפטרייס־לונגען. דעריבער ווערן דאָ געשלאָסן גרינג שידוכים. דער לעבן פאָדערט זיך איינצובויען, איינצופלאַנצן...

35.

צו אברהמ׳ען איז געקומען די גרויסע אויסלייטערונג. זיינע טונקעלע רעיונות האָבן זיך אָפּגערייניקט. זיין האַרץ, וואָס האָט געוויטיקט פון חרטה, האָט זיך געשטאַרקט. די טעג וואָס פאַר־גייען מעקן אָפּ די שאַרפע שפּירונגען... שרה איז זיין געזעצלעך ווייב. פון דער ניט באַשטימטער שרה׳ן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גינציקע פרוי, איינגעבונדן אין פליכטן... יע, די צייט פאַר־

היילט... אפילו די שווערע קלעפּ און פּיינונגען פון די מלחמה־יאָרן מעקן זיך אָפּ...

די באַנייטע גוטע שטימונגען האָבן אים אויפגעהויבן מיט די אַנגעפלויגענע פויגעלעך לעבן זיין שטוב. די פייגעלעך האָבן אַרומ־געשפּרונגען, אַרומגעפלאַטערט. און מיט אָפענע שנאָבעלעך שאַרף פאַרשריען דעם דרויסן — ווי געבעטן עסן...

און אברהם איז אַריין אין שטוב — אויפגעקליבן די פאַר־דאַרטע שטיקער חלה, זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ שיסל וואַסער. באַלד זיינען פון די ווייסע דאַרע שטיקלעך ברויט געוואָרן געשוואָ־לענע צעווייקטע שטיקער. ער האָט אַרויסגעטראָגן די שטיקער חלה — זיינען די פויגעלעך צעפלויגן אויף די דעכער און צאַמען. זיי האָבן געפינטלט מיט די אויגעלעך, און געשאַרפט די שנאָבעלעך. — סאַראָ קלוגע באַשעפענישן איר זייט... אברהם האָט ניט צע־וואָרפן די שטיקער חלה אויפן זאַמד. ניין, ער האָט זאָרגפעלטיק די שטיקער חלה צעלייגט אויף די ברעטער, ווי אויף חתונה־טישן... ער האָט אָפּגעטראָטן אויפן מחפסת, — האָבן די פויגעלעך צעפּאַכט די פליגעלעך. זיי האָבן גענידערט פון דעכער, צאַמען, באַלקאָנען. זיי האָבן גענידערט אויף די ברעטער...

און אברהם האָט געזען ווי די קליינע באַשעפענישן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער סעודה — קעפּעלעך, קעפּעלעך, האָבן זיך גע־הויבן. באַלד זיינען די ברעטער געוואָרן ריין, חוץ נאָסע ברייטע פליאָמעס זיינען געבליבן...

אברהם האָט געקוקט אויף די זאַטע קליינע באַשעפענישן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף צאַמען, בוימלעך; זיי האָבן געדרעמלט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן... אַנדערע האָבן געפּוצט די פעדער־לעך. אַנדערע — ליבע־שפּילן געפירט. און אברהם איז געשטאַנען אין פאַרוואונדערונג: — ווי צוריק אַ יונגער אינגל געוואָרן...

אָבער מיטאַמאָל האָט אים אַ ציטער דורכגענומען. ער האָט דערזען צווי בחורימלעך האָבן געטראָגן ביקסן. און איינער פון זיי האָט געטראָגן אַ מעווע אַ ווייסע ווי שניי. ער האָט איר געהאַלטן

פעסט פאַר די פיס. איר קעפּל מיטן אָפענעם שנאָבל, האָט פאַר ווייטיק און דורשט, געזופּט די לופט... אברהם האָט מיט אַ שלאָגנדיק האַרץ זיי איבערגעשניטן דעם וועג. זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט. ער האָט מיט זיי איינגעטענהט: — און געקוקט אויפן ים־פויגל! פון איין פליגל, האָט אַראָפּגעקאַפּעט טראָפּנס בלוט.

— וואָס האָט איר געטאָן צום פויגל? — האָט ער זיי געפרעגט.

— מיר לערנען זיך שיסן — האָט דער עלטערער געענטפערט. און זיין פּנים האָט זיך פאַררויטיקט...

— וואו האָט איר גענומען ביקסן און קוילן? איר קענט דאָך חלילה הרגענען אַ מענטשן...

— ניין! — האָט דער עלטערער מיט אַ וויינענדיקן קול גע־ענטפערט: — מיר האָבן געשאָסן מיט שראָט.

— איר ווילט זיין גוטע אידישע קינדער?... גיט מיר דעם פויגל. און איר טראָגט אַוועק די ביקסן אַ היים. און דערציילט אייערע עלטערן: — אברהם האָט געזאָגט: קינדער וואָס וועלן טראָגן ביקסן, וועט מען ניט אַריינלאָזן לערנען אין שול. און די עלטערן וועט מען באַשטראָפן...

אברהם איז אין די מינוטן שוין געווען אין קופּת חולים.

— וואָס איז געשען? — האָט מרים ליבליך אין איר ווייסן קלייד אויסגעוואָקסן... — וואו האָט איר גענומען דעם שיינעם פויגל?

— אויף שנעל מרים! אויף שנעל! גיט אייער גיכע הילף דעם פויגל!...

באַלד איז מרים אַרויסגעקומען מיט פלעשעלך, מיט אַ בינט מערלי.

— איר זייט אַ מבין? ס'איז ניט קיין היימעשער פויגל! ער בייסט!... האַלט אים שטאַרק פאַר די פיס, און פאַרן האַלז. ווייזט אייער מאַנסבילשע טאַפּפערישקייט... האָט זי אַ קוק געטאָן פאַרשייט. האָ! די ווילדע סאַברעס, זיי האָבן אים פאַרוואונדעט

דעם לינקן פליגל. זי האָט געוואַשן, געריייניקט די וואונד. דער וואַרעמער פעדערדיקער קערפּער, האָט קליינע ציטערלעך געגעבן... זי האָט פאַרזיכטיק פאַרנייט דעם באַנדאַזש אַרום פליגל.

— איך גלויב אברהם! דער פליגל וועט זיך פאַרהיילן.

— איצט מרים! גיט אים עפּעס קייען.

— איר ווייסט אברהם! אַ מענטש מיט אַזאַ מיטפילנדיקע האַרץ, האָבן מיר געדאַרפט אין קופּת־חולים!... וואָס דאָ טוט זיך אָפּ דורך די טעג...

ניין, דער שטאָלצער פויגל, האָט ניט גענומען קיין שפּייז. זיינע ווילדע אויגן, האָבן געבענקט נאָכן הימל און ים... אָבער מרים און אברהם האָבן מיט געוואַלד אים אַריינגעגאָסן שליוקן וואַסער אין זיין אָפענעם שנאָבל...

אברהם האָט אַרויסגעטראָגן דעם פויגל — אים אַראָפּגעלאָזן אויפן זאַמד. דער פויגל האָט געפּרואווט פליען און ניט געקענט. האָט ער זיך אונטערגעגעבן זיין אומבאַהאָלפנקייט — און מיט גרויסע שפּרייזן געגאַנגען צום ים... און אברהם און מרים זיינען נאָכגעגאַנגען...

36.

אברהם האָט דערהערט דאָס דינע קלינגען פון גלעקלעך. ער איז אַרויס פון שטוב, און געזען אַז עס דערנענטערט זיך אַ קליינער קאַראַוואַן פון קעמלען — און אויף אַן אייזעלע איז געזעסן אַן אַראַבער, פאַרוויקלט זיין קאָפּ מיט אַ ווייסן טוך. נאָכן אייזעלע, האָבן געשפּרייזט דריי קעמלען איינע הינטער די אַנדערע. — אברהם האָט אָנגעוויזן מיטן האַנט און דער אַראַבער מיט זיינע אומהיימלעכע אויגן האָט דערזען... באַלד האָט זיך דער קליינער קאַראַוואַן דערנענטערט צו זיין הויז...

זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט אויף העברעאיש, אויף אידיש... און דער אַראַבער איז אַראָפּגעקראָכן פונם אייזעלע מיטן גראָבן

שטעקן אין האַנט. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די קעמלען — און די בלודנע געהאָרכזאַמע האָרבאַטע חיות, האָבן געקניט, און זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן זאַמד. דער אַראַבער האָט אָפּגע־בונדן די זעקלעך שוואַרצע ערד, — ער האָט דאָס געשפּרייט אויפן פּלאַץ, לעבן אברהמ׳ס הויז. ער האָט אַ פּאָר זעקלעך מיסט אַראָפּגענומען — געשאָטן דין איבער דער שוואַרצער ערד. און דער אַראַבער און אברהם האָבן מיט די הענט געמישט דעם זאַמד, די מיסט און שוואַרצע ערד...

די אַרבעט האָט פאַרשלונגען שעה׳ן... און די געדולדיקע מדבר־חיות זיינען געלעגן אויפן זאַמד, אויפגעהויבן זייערע קעפּ און לאַנגע העלזער. זיי האָבן געקוקט מיט אומעטיקע אויגן... דער אייזעלע איז געשטאַנען צוגעבונדן און געגריזשעט אַ ברעט פון צאַם...

אברהם האָט אַרויסגעטראָגן אַן עמער וואַסער, און דער אַראַבער האָט זיך געוואַשן. און שרה האָט אַרויסגעטראָגן אויף אַ טאַץ הייסע טיי, ווייס ברויט און קעז. מיט אונטערגעלייגטע פיס זיצנדיק, האָט דער אַראַבער געגעסן. און די אומגעלומפּערטע חיות זיינען געקניטע געלעגן איבערן זאַמד — האָבן געקוקט אויף זייער שטריינגן בעל הבית!...

דער אַראַבער האָט זיך אויפגעשטעלט — אַ וויז געטאָן די קעמלען זיין גראָבן שטעקן — און אַ געשריי געטאָן... די קעמלען האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי הויכע טורעמס... דער אַראַבער האָט זיך געזעגנט מיט ווילדן שמייכל אויף זיין פּנים... און דער קאַראַוואַן האָט זיך גערירט...

אברהם האָט אַרויסגעטראָגן די גומענע קישקע, צוגעטשעפּעט צום קראַן. אויף אַלע שפּריצערס פריי געלאָזן. די שפּריצערס האָבן זיך געדרייט — עס האָט זיך געשפּרייט אַ דינער רעגן איבער דעם פּלאַץ...

שרה האָט זיך באַוויזן אַלע ווײַלע דורכן טיר. זי האָט אַרויס־געטראָגן טרעטערלעך צום פּוליען — און זייטיק געקוקט אויף

אברהמ׳ען — און איר האַרץ איז געוואַקסן... — ניט צו דער־קאָנען דעם מענטשן, אַזאַ ענדערונג צום גוטן... — אַרבעט! אַרבעט! ווייזט געזונטקייט, גאַנצקייט. מיט אַ מאָל אויס זאַמד. דאָס ביסל שוואַרצע ערד, האָט איינגענומען די וויסטעניש... איצט וועט דער ווינט ניט האָבן קיין שליטה, ווען עס וועלן זיך פאַר־נאַנדערוואַקסן בוימלעך מיט פאַמעדאָרן. ווער רעדט כ׳וועל האָבן אייגענע בלומען! בלומען און קינדער דערפרייען... ווער רעדט אַ פרישע אוגערקע, אַ מערעלע — ניט דאַרפן לויפן אין מרכז. כ׳האָב דען איבעריקע צייט! אַזאַ שטוב זיך אַרומצוטאָן. זי איז איצט אין דער לאַגע — וואָס זי זאָל ניט בעטן אברהמ׳ען וועט ער טאָן... זי איז געווען ביים דאָקטאָר — ער האָט געזאָגט: זי איז טראָגענדיק.

איר פּנים האָט זיך אָנגעצונדן, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיק פריידיק... — יע, אברהם איז געזונט און מונטער. זיין קראַנקייט איז אַוועק אין די מדבריות...

— אברהם! — אברהם! וואָס ביסטו אַזוי פאַרהאַבעוועט? האָסט ניט קיין צייט אַ קוק טאָן אויף דיין ווייב? גיב אַ קוק, כ׳האָב זיך צוגעשאָרן די האָר. דיר געפעלט אברהם!?

אברהם איז צוגעקומען פאַרקוקט שרה׳ן אין די אויגן — יע, שרה! עס גייט דיר צום פּנים.

— און מיין נייע שטוב־קליידל? אוי די מאַנסבילן! מען דאַרף זיי אַלץ אָנווייזן...

— טראָג געזונט שרה! סאַראַ שיינע קוויטן זיינען געמאָלן אויף דיין קלייד. ווען עס וועלן אויסוואַקסן די בלומען ביי אונז אין גאָרטן — און דו שרה, וועסט שטיין צווישן די בייטן, וועסטו אויסקוקן ווי אַ גרויסע בלום...

— איך געפעל דיר נאָך אַלץ, אברהם!?

— ווי מאָדנע איר זייט פרויען־מין — נאָר קאָמפּלימענטן...

— גיב מיר דיין האַנט אברהם און קוק מיר אין די אויגן, האָסט מיר נאָך אַלץ ליב?...

— ווי מיין לעבן, שרה! ווי דאָס לאַנד ישראל!...

זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און געשוויגן — און צוריק אויפגעהויבן די אויגן פולע מיט טרערן.

— וואָס איז געשען שרה!?

— ס'איז מיר באַשערט ווערן אַ מאַמע, דו אַ טאַטע — און זי איז צוגעפאַלן צו זיין האַרץ...

אברהם האָט אויסגעקושט איר פּנים, זי געהאַלטן צוגעטוליעט און געגלעט איר קאָפּ...

— פון היינט אָן שרה! זאָלסט זיך אַזויפיל ניט בויגן איבער דער פּאָדלאָגע. אַלע שווערע אַרבעטן וועל איך טאָן. זאָלסט גיין פרי שלאָפן און אָוונטן, אין די בייטאָגן רוען. ווין ניט שרה! לאָמיר אויפהויבן די הענט צו דעם וואָס לעבט אייביק...

37.

אברהם האָט געאַרבעט אַרום גאָרטן. ער האָט געוואוסט, זאָל ער זיך ניט צוויילן, וועט די שטאַרקע ישראל זון אויסטריקענען דאָס מיסט, די שוואַרצע ערד. ער האָט זיך געבויגן, געבויגן, און מיטן רידל אַרומגעגראָבן שמאָלע ראַזאָרעס. און ער האָט אָנגעשאָטן פלאַכע בייטן. אַזוי פאָדערט דאָ דער קלימאַט!... די ערד זאָל זיך ניט אויסטריקענען — ווערן די בייטן קוים, קוים, אויפ־געהויבן. אין דער ישראל־ערד מען וואַרפט אַריין זוימען — נעמט ניט קיין פּאָר וואָכן, ווערן פאַרגרינט די בייטן. ווייל די זון וואַרעמט אַדורך די ערד איילן די טיף.

ווען די פינף בייטן זיינען שוין געלעגן אויפגעהויבן אויסגע־גלייכטע, אויסגעגלעטע — האָבן זיי אויסגעקוקט ווי פון אַ גרויסן פורעם זיינען זיי אַרויסגעשאָטן געוואָרן...

שרה האָט אים שוין עטלעכע מאָל גערופן: — אברהם! גיי אַריין אין שטוב, זאָל אַריבער די חמימה. — אָבער אברהם האָט

ניט געפילט די היץ... די שטוב זיינע וועט איצט קריגן אַן אַנדער אויסזען ווען אַרום וועט גרינען און בליען...

די מידקייט האָט ער ערשט דערפילט ווען ער איז אַריין אין הויז. אין די פּאָר חדרים זיינען געווען אַראָפּגעלאָזן די פּאַרהאַנגען. די ריינקייט און קילקייט האָט אים אַרומגענומען... ער האָט פול אַ קוק געטאָן אויף שרה׳ן — זי איז געווען געלויטערט, געדרויטלט, און טיפע פרייד האָבן אַנגעשטראַלט אירע אויגן...

ער האָט געוואָלט צו איר ריידן ווי גליקלעך און פול זיין לעבן איז געוואָרן, אָבער שרה האָט ניט געסטייעט. זי איז אַרויס פון טיר און צוריק אַריין. זי האָט זיך געפּאָרעט ביים אַלמער, וואו די וועש זיינען געלעגן געפּרעסטע, אויסגעסאָרטירטע. זי איז איצט געווען פאַרנומען מיט זיך. אַן אינערלעך טיפער גליק, האָט איר פול באַהערשט... זי איז כסדר געווען פאַרטראַכט וועגן איר צוקונפטיקן קינד... אויך אברהם איז אַ גרויס קינד!....

מען דאַרף אויף אים אַכטונג געבן. די מאַנסבילן דאַרף מען צוטרייבן עסן, שלאָפן אין צייט. מען דאַרף זיי זאָגן ווען אומצובייטן אַ העמד. זיי זיינען ווילדע באַשעפענישן. גאָט האָט זיי געגעבן גבורה. אָבער געדולד און שטוב־פלעגער דאַרף מען זיך לערנען ביי דער פרוי. גאָט האָט זיי געגעבן עקשנות, אויסצושלאָגן פּרנסה. אָבער די פרוי דאַרף כסדר די עקשנות וויכן... מען מוז זיי צוימען אין זייערע ווילדע פאַנטאַזיעס...

38.

לעבן אברהמ׳ס הויז האָט זיך באַוויזן אויפן אַופנים דאָס שניידערל.

— שלום אדון אברהם! — ני, איר האָט זיך שוין אַריינגעקליבן אין אייער אייגן היים, ווייזט איר זיך ניט אויף אַן אויג...

— מיין ווייב שטראָפט מיך: וואָס נעמסטו זיך ניט אַראָפּ אַ ביישפּיל פון אברהמ׳ען! אַ נייער אין לאַנד! און ער האָט שוין

זיינע אייגענע 4 ווינקלעך. און דו שניידערסט!... יע, **אברהם** אונזער דאָקטאָר פאַרבעט אייך היינט אָוונט אויפן נשף.

— אדון פּנחס! קריכט אַראָפּ פון אייער אופנים און קומט אַריין אין מיין היים. און איך וויל טאָקע היינט אייך געבן אַן איינצאָלונג פאַר די מעבל. זייט מוחל, כ׳האָב ניט באַוויזן ביז איצט סילוק׳ן מיין חוב. איר דאַרפט פאַרשטיין, יעדער איבעריקער פונט לייגט מען אַריין אין די 4 ווענט... דערצו האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַ גאָרטן, אַ מחסן. אַ שטוב דאַרף האָבן אַ צאַם, אַ ניט שטייט עס ווי אויף הפקר... איך בין לעצטנס אַזוי פאַרטאָן אַרום זיך — איך ווייס גאָר ניט וואָס עס טוט זיך אין דער מדינה...

שרה האָט צוגעטראָגן אויף אַ טאַץ אַ פלעשל ווייַן אַנגעשני־טענע עוגה...

— גברת זעצט זיך מיט אונז און לאָמיר טרינקען צוזאַמען וואָס איר זייט געוואָרן תושבים אין ישראל...

— אדון פּנחס! איך טאָר ניט טרינקען — און זי האָט זיך פאַררויטלט. — אָבער ווינטשן קען מען זיך: לאָמיר זיין געזונט...

— דערציילט פּאַני שניידער וואָס הערט זיך אין קרית־ים!? — האָט אברהם אים געטאָרקעט. — לעצטנס בין איך ווי איבערגעשאָרן מיט קרית־ים!...

— אייער ווייַן נעמט, אברהם! — און דאָס שניידערל האָט זיך צעלאַכט אויפן קול...

— איר פרעגט וואָס הערט זיך אין קרית ים!? עס קאָכט דאָרט ווי אין אַ קעסל. און אַזוי איבער גאַנץ ישראל. איך קען מיין לענדל!... איך האָב דאָס לענדל געמאָסטן צופוס...

— יע, נייעס: — זבולון איז אַרויס פון קאָאָפּעראַטיוו. די חברים האָבן זיך פאַרלייגט... אויך די מדינה האָט ניט געלייגט קיין סימפּאַטיע, זינט דער שטרייק האָט אויסגעבראָכן. זיינען מיר דאָך אידן! מען וועט דאָך ניט לאָזן אַ איד אָן פרנסה. בפרט ער האָט זיך איינגעשאַפן אַ יונג ווייבל רבקה די אלמנה. ביי דער יעניקער, וואו איר האָט געהאַט אייער קוואַרטיר. נו, מיר האָבן

געקליבן חתימות און מען האָט די גזירה אָפּגעשריען. אָבער זבולן איז שוואַרץ ווי אַ גלאָוניע. צי דאָס ווייבעלע דערגייט אים די יאָרן. צי די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו... ביי אַזאַ כבד־פּה איז שווער צו דערגיין... און אַז מען גייט בויען אין קרית־גלים אַ רייע הייזער פאַר די אויסגעדינטע חיילים, ווייסט איר? דאָס בויט די געזעלשאַפט „סולל בונה״. איר וועט אונז איבער־יאָגן. קרית־גלים ווערט אַ גרויסע שטאָט! לחיים! — לחיים!...

ס׳האָט זיך באַוויזן שרה מיט אַ גרויסע טעלער צעחולק׳טע תּפּוחי זהב, היינגלעך ווינטרויבן.

— אברהם! — האָט זי שטיל געזאָגט: — זיי אַזוי גוט טראָג אַרויס דאָס וואַנעלע וועש אין דרויסן. אונזער גאַסט וועט קיין פאַריבל ניט האָבן. — וואַרט אברהם כ׳וועל דיר העלפן. — שרה! ריר זיך ניט צו...

— איר הערט פּנחס! מען קען אויף ווייבער זיך ניט פאַרלאָזן, זיי רירן חפצים, הייבן משאות איבער זייערע כוחות. און צו וועמען גייט עס אויס...

אברהם האָט אַ נעם געטאָן פאַר ביידע רינגען דאָס וואַנעלע.

— אין טיר האָט זיך באַוויזן מרים!

— שלום אברהם! שרה אייערע איז אין דער היים? — און זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן נייגעריק... — שרה האָט אַ גוטן מאַן — האָט זי שטיל אַ מורמל געטאָן...

ווען אברהם איז אַריין צוריק אין שטוב, האָט ער געזען שרה מיט מרים׳ען זיצנדיק איינע קעגן די צווייטע. די צוויי ווייבער האָבן גערעדט שטיל זיך געסודעט...

און אברהם איז געזעסן מיטן שניידערל אין קיך, זיי האָבן גערעדט הויך און אָפן.

— יע, זייט מוחל פּנחס! איר זייט נייגעריק צו וויסן ווער איז די פרוי וואָס רעדט מיט מיין שרה׳ן?... דאָס איז אונזער קראַנקן־שוועסטער אין קופּת־חולים. מיר וועלן באַלד אויך האָבן אַן אייגענעם דאָקטאָר!

— האָ! וועגן דאָקטאָר, אברהם, האָב איך געהערט. עס גייט טאַקע אָן אַ מחלוקת. מיר האָבן דאָ אין לאַנד דאָקטוירים, וואָס זיי קומט צו פאַרנעמען די שטעלע. ניט ער האָט דאָ אין לאַנד געפּאָקט, געמאָזלט. מען ווייס גאָרניט מיט וועמענס כוח ער קומט דאָ אַריין אויף אַלעם פאַרטיקן...

— באַרואיקט זיך פּנחס! זייט וויסן דער דאָקטאָר איז ניט קיין יונגער מאַן. אַ באַרימטער אַרצט, וואָס האָט געאַרבעט אין גרויסע שפּיטאָלן אין פּוילן. אַ טיף געליטענער. ער קומט איצט פון די וועלדער. געווען אַ פּאַרטיזאַן. די רוצחים האָבן פאַרטיליקט זיין ווייב און טאָכטער. ער פירט איצט אין ישראל זיין קענטעניש און די ביינער... עס קומט פיל אָנערקענונג אָט די זעלטענע פרוי מרים! — וואָס זיצט איצט ביי מיין שרה'ן. זי האָט מיט אים געאַרבעט צוזאַמען. זי האָט זיך דאָס אַזוי שווער באַמיט אים איבערנעמען אין ישראל. זי האָט געראַטעוועט אַ אידישע נשמה. פאַר אונזער ניי־שטעטל איז עס ווי געוואונטשן. נייע צייטן פּנחס!... מען קען גיכער אויסקומען אָן אַ רב, ווי אָן אַ דאָקטאָר!... איך קען ניט באַגרייפן אונזערע אידן זאָלן אַזוי פאַנאַטיש שטרייטן און רעדן אַנטקעגן — ווען די מדינה האָט באַשטימט דעם דאָקטאָר מינקאָווסקי! — אַזוי הייסט ער; און אַ גוטער דאָקטאָר, וועט אויך זיין אַ גליק פאַר קרית־ים, און אַרומיקע שטעטלעך.

— אברהם, איך באַוואונדער דעם כח פון אַ פרוי, זי האָט דעם פּלאַן ווייזט אויס גוט באַפעסטיקט און פאַרזיכערט... פאַרגין איך אייך אַ גוטן דאָקטאָר. כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת אברהם! מיר איז דורך אייך קלאָר געוואָרן — אַז נאָר דער דאָקטאָר געהערט צו אייך. דאָס גאַנצע שטעטל קרית־גלים באַשטייט פון דעם סאָרט נייע עולים פון צעשמעטערטע רעשטלעך, וואָס האָבן זיך אַריבערגעראַטעוועט אין ישראל. כ'האָב אויך איינגעזען מען דאַרף אויסהערן ביידע צדדים...

— נו, אברהם! דער ווייַן האָט מיר גוט צענומען און אָנגע־

היצט, וואָלט געווען ניט קרום — מיר זאָלן אַרויסגיין אויפן מחפסת. מיר וועלן אויך געבן אַ געלעגנהייט די ווייבער זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן שושקען...

— אַך ווי פריש דרויסענדיק און לינד מען שפּירט איצט. און די נשמה וואַקסט קוקנדיק פון אייער מחפסת אויף מערב־גליל!...

— יע, פּנחס! יעדן פאַרנאַכט זיץ איך דאָ אויפן מחפסת און קוק אויף די בערג. אויף די צעשאָטענע נייע ישובים, וואָס ווייסן זיך און באָדן זיך אין ליכט...

— יע, אברהם! איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַראַ כשוף דאָס לאַנד פאַרמאָגט. וואָס אַ טאָג ווייטער עס גייט אַריבער, אַלץ מער צוגעבונדענער ווערט איר צום לאַנד — און עס וואַקסט אייער ליבשאַפט... איר זייט גרייט זיך שלאָגן מיט הוילע קולאַקעס פאַר יעדן זעמדעלע...

אברהם און פּנחס זיינען געבליבן זיצן פאַרשטילטע, און טיף פאַרקוקטע צו דער נידעריק־הענגענדיקער זון איבער די בערג פון מערב־גליל...

— אָבער דעם עיקר אברהם, האָב איך ניט דערציילט... איר געדענקט דער דאָקטאָר האָט מיך געטריבן איך זאָל אויף גיך אויספּרעסן זיינע מלבושים — וואָסי ער דאַרף פאָרן אויף וואַקאַציע. איז לא דובים ולא יער... ער איז גאָר אַוועקגעפאָרן אין נגב צו זיינע טעכטערלעך. וואָסי זיי זיינען אַוועקגעפאָרן ווי גוטע אידישע קינדער העלפן בויען אַ נייעם פּונקט! נו, האָבן זיי פּונקט געטראָפן אַ פאָר געזונטע בחורים מאַריקאַנער! שוואַרצע ווי ציגיינער, און זיי האָבן זיך פאַרליבט אין זיי... דער דאָקטאָר האָט זיך דערוואוסט, האָט ער ניט געזוימט און איידאַ צום נגב!... אָבער ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען... די מוידן האָבן חתונה געהאַט. איר שפּילט זיך מיט די סאַברעס!... ס׳איז דאָך שטיקער פייער!... זיי פרעגן דען די עלטערן..

— הכלל, דער דאָקטאָר איז אויס מענטש. און איך פאַרשטיי

אים. אמת, זיי זיינען אויך אידן. אָבער עס וועט נאָך נעמען זייער לאַנג — איידער מיר וועלן זיך אויסמישן מיט זיי. אָבער די דאָקטאָרקע איז צופרידן. — זאָלן זיי גיין פאַר זיך — טענה׳ט זי צום דאָקטאָר! — מיר ווייסן ניט פון יחוס דאָ אין לאַנד. זיי זיינען אידישע זין. מיר האָבן זיי געהאָלפן ברענגען אַהער. מיר דאַרפן זיי אַריינעמען אין אונזערע משפחות...

— אין דעם אופן איז די דאָקטאָרקע גערעכט — האָט אברהם פנחס׳ן איבערגעשלאָגן — דער נייער דור זעט וויטער... ס׳איז אונזער גרויסער ציל — מיר זאָלן זיך צונויפמישן מיט די פּער־סישע, תימנער, איראַקער און מאַראָקאַנער אידן. אונזערע זין זאָלן חתונה האָבן מיט זייערע טעכטער — אונזערע טעכטער מיט זייערע זין. אַזוי ווי זיי מישן זיך אויס אין דער אַרמיי, אין די קבוצים. נאָך טיפער און שטאַרקער וועט ווערן די אידעשע גאָל־דערנע קייט — ווען אונזערע בלוטן וועלן זיך אויסמישן... וואָס איך בין דאַגעגן אינם לאַנד, זיי האָבן חתונה צו פרי!... צו יונג נעמען זיי דעם יאָך פון משפחה לעבן... די יוגנט זינגט זיך ניט אויס, טאַנצט זיך ניט אויס גענוג... ווייל זיי זיינען ניט גענוג געשטעלט — פאַלן זיי צוריק אין די עלטערנס אָרעמס. דעמאָלט זיינען די לאַסטן שווערערע פאַר די עלטערן... אויך דערציען ניט די ישראל בירגער זייערע קינדער, מיט דער שפּירעוודיקייט ווי אין די אַלטע היימען... דאָ האָבן עלטערן אָפּגעלאָזן די לייצן. זיי פאַרלאָזן זיך אויף דער שול!... דאָס איז ווייט ניט גענוג. די היים! די היים! דאָס איז דער אויוון וואו קינדער באַקן זיך אויס פאַר מענטשן... טאַטע־מאַמע דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט קינדער. מען דאַרף זיך מיט זיי שפּילן אויספרעגן וואָס מען האָט מיט זיי געלערנט. יע, מען דאַרף זיי דערציילן, דערציילן... דעמאָלט וועט די ליבשאַפט צוריק אָפּשטראַלן אויף די גינציקע עלטערן... אָבער די עלטערן אין ישראל לאָזן זיי בושעווען. כסדר אין גאַס אונטערן פרייען הימל. זיי קלייבן זיך אין די מרכזי׳ן אין כאָפּטעס אין קאָמפּאַניעס. אַלע שפּיטאָלן זיינען פול

מיט זיי. זיי האָבן ניט קיין ברעקל דרך ארץ פאַר די עלטערן. קיין איינזעעניש פאַר עלטערע מענטשן. איך דאַרף דען דערציילן — קוקט צו אדרבא אין די געפּאַקטע באַסעס ווער זיצט אויף די ביינקלעך?... — די סאַבּרעס! די אַלטע שטייען געבויגן, באַלאָדענע מיט פּעקלעך, קאָשיקעס. יע, מיין פריינט וועגן יונגן דור, וואָס קלעטערט אונז אַריבער דאַרפן מיר זיך גוט פאַרטראַכטן...

— אברהם! לאָזט מיר אויך עפּעס זאָגן: אינם לאַנד איז גאָר אַן אַנדער לאַגע, ווי אין די אַלטע היימען... דאָרטן זיינען די עלטערן געווען דערשלאָגן, דאָ טאָר מען ניט וואוינען, דאָ האַנדלען... און קינדער זען מיט שאַרפע אויגן... אויך אויף זיי האָט גערוט דער פחד. — אָבער דאָ זיינען זיי פרייע פויגל!... זיי ווייסן ס׳איז זייער לאַנד... זיי פאָרן אויף טיולים. זיי קלעטערן אויף בערג, נידערן אין טאָלן, און קיינער וואַרפט ניט אויף זיי אַ שטיין — קיינער שרייט ניט... עס וואַקסט דאָ אַ נייער שטאָלצער דור, וואָס וועט באַשיינען דאָס אידיש פאָלק... אָט די אידישע זין און טעכטער וועלן גיין אין פייער, אין וואַסער פאַר זייער לאַנד!...

אויפן מחפּסת, האָבן זיך באַוויזן שרה און מרים פאַרויטעקטע — צי וויל זיי זיינען געזעסן ניט קיין געקילטע אין שטוב?... צי וויל זיי האָבן זיך אויסגערעדט די הערצער, האָט אַזוי געמאַכט פלאַמען זייערע פּנימער...

די ווייבער האָבן ניט גערעדט פון וועלט און לאַנד־פּראָבלעמען... זיי האָבן גערעדט וועגן די שכנות ניט פאַרגינערקעס — וואָס קוקן אַריין אין יענעמס טעפּל... באַלעבעטשען אַ גאַנצן טאָג, און זיי רעדן אויף די שטילע פרויען... זייערע קינדער זיינען מלאכים — ביי אנדערע מאַמעס זיינען טייוואָלים... ווער רעדט די נייע שכנה׳לע חיה! פּאַסט איר פונקט דער נאָמען... אירע דינע ליפּעלעך. איר גאַנגעלע. דאָס פאַרוויינט פּנימל...

— איר ווייסט זיסע מאַנסביל — האָט מרים אַ זונג געטאָן — איר רעדט קיין עין הרע מער ווי ווייבער.

און שרה האָט צוגעגעבן: — ווען זיי רעדן זען זיי קיינעם ניט. אפילו פויגל וואָלטן זיך צושטעלט אויף זייערע קעפּ...

— אברהם איך האָב זיך באַקלערט איך גיי צוזאַמען מיט דיר צום דאָקטאָר אויף דער שמחה — און מרים גייט אויך מיט.
— אפשר קען מען זיך דערוויסן אדון פּנחס! וואָס איז דאָס פאַראַ שמחה ביים דאָקטאָר אין מיצקע דערינען?...

— אָן אַ פאַרוואָס — האָט פּנחס שטיל געענטפערט. — אַ דאָקטאָר! שוין יאָרן אין ישראל. אויסגעבונדן מיט די איינוואוי־נער; העלפט זיי ווען זיי זיינען שלאַף...

— נו, ס'איז שוין טאַקע צייט צו גיין אַהין. — און דער שניידערל איז אַראָפּ פון מחפּסת — האָט ער אַ פיר געטאָן דעם אופנים און ער האָט געזאָגט שלום! — שלום! — שלום האָבן אַלע געענטפערט...

39.

אברהם האָט נאָך געטראָגן די אַרבעטער־קליידער, אַ כאַקענע גרינע העמד, קורצע הויזקעס — האָט ער געבעטן מרים'ן און שרה'ן, זיי זאָלן אים שענקען, ער גייט זיך אַרומוואַשן און איבער־טאָן...

ווען ער איז געבליבן אַליין אין באָד־צימער, זיינען צו אים געקומען פרעמדלעכע געדאַנקען... ס'וואָלט דוקא גוט געווען ווען שרה גייט ניט מיט. זי איז אין די אומשטענדן, וואָס זי וויל זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט... זי איז כסדר אַרום אים, ווי זי וואָלט געלייענט אויף זיין פּנים, — צי איז ער נאָך פאַרליבט אין איר ווי פריער?... וואָס רודערט ער כסדר אַרום הויז און גאָרטן?...
— ווער איז בילכער דאָס הויז!? צי זי?!... זיך אָוועקגעזעצט מיטן שניידערל פאַר שעה'ן... אמת ער שפּאַרט זיך ניט איין.

אָבער דאָס איז אַ פאַרקערטער סימן... ער איז אָפּגעקילט! דער פויגל זינגט ניט, פלאַטערט ניט מער... ער איז שטיל און זאַט. יע, אין דער טיף פאַרשטייט זי — וואָכעדיקייט און גלייכ־גילטיקייט איז אין זיין הארץ... דערפאַר וועט זי מיט איר גאַנצער איינגעשפּאַרטקייט דעם ווילדן פויגל ניט אַרויסלאָזן אַליין... זי וועט מיטגיין. און אין ברען פון דער שמחה וועט זי זאָגן: אברהם! עס האָט מיך אַרומגענומען אַ קאָפּ־ווייטיק — נעם מיך אַהיים. דעמאָלט וועט ניט העלפן זיך שטעלן קעגן...

ער ווייס ניט ווי צו רעדן איצט... ער וועט זאָגן: שרה! טו זיך אָן אין דיינע שענסטע קליידער. זאָלן אַלע זען סאַראַ שיינע ווייב איך פאַרמאָג... אָט די רייד וועלן ווירקן פונקט פאַרקערט — ווײַלע אירע קאַפּריזן זיינען לעצטנס זייער אָנגע־שפּיצט...

ניין! זיין ליבשאַפט צו איר האָט זיך ניט אָפּגעקילט... ס'איז נאַטירלעך, פאַרהייראַטער לעבן רויבט אַוועק אַ סך אילו־זיעס... עס ווערט געשטילט דער דורשט. די פלאַמען זיינען נידעריקער, אָבער זיי וואַרעמען, לייכטן, און פאַרצערן ניט... די רואיקייט לאָזט אַרבעטן, בויען, פּלאַנירן... צוויי מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגעבונדן, און די פלאַמיקע ליבע איז אַריבער אין טיפער פריינטשאַפט. די שאַרפע אַטציקונגען זיינען אַריבער אין מילדער אַכטונג. אָבער אויך די מורא איז פאַרשוואונדן... צוויי מענטשן געפינען זיך אונטער איין דאַך, גרייטע איינע די אַנדערע העלפן... ס'איז אַן אַנדער ליבע, אָן הייסע רייד און קלאַפּנדיקע הערצער...

ניין, די פּרוי באַנוגנט זיך ניט מיט די אַלע גוטע מעשים... זי וויל הערן קאָמפּלימענטן, שיינע רייד... זי וויל דער מאַן זאָל ווערן איר קינד, זי זאָל אים שטראָפן ביז טרערן, דערנאָך אים אַרומכאַפּן און פאַרגעבן...

ווען אברהם איז אַרויס אַן אויסגעבאָדענער, אַ יום־טובדיק איבערגעטאָגענער — האָבן אים די צוויי ווייבער, מרים און שרה,

אויפגעזונגען... און שרה האָט אים פאַר די אַקסל אומעגדרייט — אברהם, כ׳האָב מורא דיר ארויסלאָזן, — די ווייבלעך און מיידלעך זאָלן זיך ניט פאַרליבן... אינם הייסן לאַנד ישראל ברויזט דאָס בלוט!... — אברהם כ׳האָב געביטן מיין מיינונג — גיי אַליין געזונטערהייט. איך האָב אַ סך צו רעדן מיט מרים׳ן. זאָל דיר ניט פאַרדריסן אברהם!...

— שרה! ווען דיר וואָלט אויסגעקומען זיין אַליין אין הויז, ווייס איך ניט צי איך וואָלט דיר נאָכגעגעבן. אָבער דו מיט מרים׳ען וועלן זיך שוין ניט לאַנגווייליקן. בפרט דער טומל דאָרט, מיט אַנגעצונדענע לאָמפּן, איז אפשר גאָר ניט גינסטיק פאַר דיר... (אָבער פרויען האָבן אַ רעכט צו בייטן זייער מיינונג...) און מיר וועלן גיין צוזאַמען — אויך איר מרים!

— תודה רבה אברהם! מיר קענט איר מיט שטריק אַהין ניט אָוועקציען. און איך האָב טאַקע מיט שרה׳ן אַ סך צו רעדן... מיר ווילן ניט אַז אַ מאַנסביל׳ס פוס זאָל זיך געפינען... אָבער אַ פאַר אידן דאָרט — מעגט איר אַנדרייען די אויערן — זיי איז אויך אַלץ קלאָר דער קאָפּ... טאָמער קומט צופאָרן דאָקטאָר מינקאָווסקי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער מדינה... נאָך אַזאַ באַרימטער דאָקטאָר! וואָס האָט געאַרבעט אין די גרעסטע שפּיטאָלן אין פּוילן. זיין ספּעציאַלנאַסט: ער איז אַ פרויען־דאָקטאָר! אָבער ער איז אויך אַן אַלגעמיינער דאָקטאָר. זיי האָבן געדאַרפט טאַנצן אין די גאַסן...

— גייט אברהם! איר וועט זיך פאַררעדן מיט די ווייבער, וועט איר פאַרשפּעטיקן די רעדעס...

ביידע ווייבער זיינען געזעסן אויף דער קושעטקע איינע לעבן די אַנדערע. און מרים האָט שרה׳ן געלערנט ווי זיך אויפצופירן אין איר שוואַנגערשאַפט. אויסגערעכנט וואָס זי מעג עסן. אַ סך, אַ סך רוען. און געראַמע קליידער טראָגן. און ניט צולאָזן קיין גריזאָטע. — איצט דאַרף זיין אייער אויפמערקזאַמקייט — די מאַמע, און קומענדיקן קינד...

אין מרים׳ס רייד צו שרה׳ן, האָבן אירע באַקן געברענט פון קנאה... עס טליעט אויך אין איר די בענקשאַפט נאָך אַ קינד... אַ קינד ברענגט ניי לעבן... אַ קינד! איז די נייע האָפענונג אין אונזער לעבן...

שרה האָט פאַרנומען די רייד פון מרים׳ן ווי אַ גוטע תפילה...

40.

אברהם איז ניט אָפּגעגאַנגען פופציק טריט — האָט עמיצער אויסגעשריען: אברהם! — ער האָט אָנגעקוקט דעם הויכן מאַן און זיך ניט געקענט כאַפּן ווער דאָס איז... עס זיינען שולדיק געווען די צעוואָרפענע מלבושים אויף דעם הויכן מאַן. די פאַר־וואָקסנקייט פון זיינע האָר אויפן קאָפּ. אויך די נאַכט — כאָטש אַ לבנה׳דיקע, אָבער ביינאַכט איז שווער צו דערקענען...

מיט אַמאָל האָט אברהם אָפּגעטראָטן אַ טריט — און אויס־געשריען: יעקב! און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט — שלום! — וואָס האָט מען אייך ניט געזען די גאַנצע צייט? און וואו וואַנדערט איר איצט?

— איר וועט מיר גלויבן אברהם! — איך שפּאַציר אַזש פון חיפה! מיין גרעסטער פאַרגעניגן דאָ אין לאַנד — די לאַנגע שפּאַצירן. די בויאונג, רעש׳יקע באַוועגונג האַלט מיך געשפּאַנט... איך האָב דאָ ניט קיין פריינט. און איך קען זיך אין לאַנד ניט פאַרוואָרצלען. אָבער דאָס ערגסטע — עס פעלט מיר מוט. איך שפּאַן איצט אין קרית ים ג. מיינער אַ לאַנדסמאַן איז שווער געשעדיקט געוואָרן אין די מאַנעווורעס. גיי איך אים מבקר חולה זיין...

— שעמען מעגט איר זיך יעקב! מיר באַזוכן, האָט איר ניט געהאַט אינזינען?...

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת אברהם! — איר זעט מיין הילוך, מיין אָפּגעלאָזנקייט. כ׳האָב זיך געשעמט וויזן.

— איר זייט ניט גערעכט יעקב! אין ישראל רעכנט מען זיך ניט מיטן אָנטאָן... דאָס איז איינע פון די ליכטיקע זייטן פונם לאַנד... דאָ איז גורם דער הייסער קלימאַט. ווער טוט זיך דאָ אָן יום־טוב׳דיק? כיבע אַ נשף (אַ באַנקעט)! וואָס דאַרפט איר מער — איך האָב דאָ געזען אויף אַ חתונה, האָט דער חתן געטראָגן אַ סוועדער. אפילו ניט קיין שניפּס אויף זיין העמד. פונדעסטוועגן איז ער געשטאַנען אונטער דער חופּה. און די יונגע שיינע כלה, האָט אויף אים געקוקט מיט גליק...

— לאָמיר יעקב זיך פאַרקירעווען צו מיר אַהיים. איר וועט זיך אַרומוואַשן. אונטערשפּאַרן דאָס האַרץ. און טאַקע איבער־נעכטיקן. דערנאָך וועט איר גיין זען אייער לאַנדסמאַן. ווער רעדט איר וועט פאַרברענגען ביי אונז אַ פּאָר וואָכן — וועל איך מיט מיין ווייב זיין העכסט צופרידן. מיין ווייב איז זייער גאַסט־פריינטלעך...

—אברהם! — וועגן קומען צו אייך וועלן מיר נאָך רעדן... נאָר מקנא בין איך — ווי איר קוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף ישראל! און איר געפינט אויף אַלץ אַ גוטן תירוץ... במילא גיט עס אייך שטאַנדהאַפטיקייט... איך געפין דאָ ניט קיין תקומה... קיינער הערט ניט? — דאָס לאַנד איז פול מיט חסרונות! קליין אין שטח!...

— צו וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל רוים? — האָט אברהם אַ לאַך געטאָן — פאַרגיט מיר יעקב!...

— יע, אברהם! קליין אין שטח, פעלן וועלדער. פעלן טייכן. די גרעניצן ליגן אַלעמען אונטערן נאָז... דער פחד פון די שונאים טראָגט יעדערער אין האַרצן. און מיר געפעלט ניט די פּאַראַנדקעס פון דער רעגירונג. די פקידים זיינען פאַרריסן. אברהם! איך טראַכט פאָרן צוריק אין איראָפּע!

— יעקב! ווי קענט איר עס גאָר אַרויסברענגען אויף די ליפּן איר קערט זיך צוריק אין די לענדער וואו מען האָט אונז פאַר־טיליקט ווי מייז... אָבער יעקב! לאָמיר איצט רעדן פערזענלעך,

אויב איר וועט מיר דערלויבן ?... וואָס איז געשען צווישן אייך און רבקה׳ס קוזינע ?...

— אַ סך צו רעדן, אברהם! אָבער ס׳איז מיין שולד. איך האָב ניט קיין גלויבן אין מיר. און אפשר איז מיין מזל אַ ביטער־רער... נייק, אברהם! איך בין אַ צעטרייסלטער ביז די גרונטן פון די מלחמות... איך קען צו זיך ניט קומען. כ׳האָב געמיינט, אין ישראל וועל איך זיך אויסהיילן...

— יעקב! מיר דוכט, איר זייט ניט געווען גענוג פאַרליבט אין דבורה׳ן. פאָלגט מיך זוכט זיך אויף אַ פרוי, און האָט מיט איר חתונה. ווייל אין ישראל קען אַ מאַן ניט שטעלן אַ פעסטן טראָט אָן אַ פרוי...

— אברהם! וועגן דבורה׳ן איז אַ סך צו דערציילן: זי איז לינק געשטימט... מיר איז עס שטאַרק דערווידער. איך קום פון יענע לענדער... איך בעט אייך אברהם! — קומט אַריין מיט מיר אין אַ דערבייאיקן קאַפע־הויז. איך מוז זיך אַ ביסל אָפּרוען. און איך בין שטאַרק דאָרשטיק. וואָס, וואָס, די קאַפעען, רעסטאָראַנדלעך, זיינען מיר געפעלן אין ישראל!... אַ ביסל טישלעך מיט שטולן אין רעסטאָראַן און די איבעריקע אין דרויסן. ביי אַ גלעזל טיי, אַ גלעזל וויין, זיצט מען און מען שמועסט אונטערן פרייען הימל. און ווער זיינען אַזעלכע גוטע שמועסער ווי אידן? זיי ווייסן פון דער וועלט...

אברהם האָט געשוויגן און זיך טיף צוגעהערט צו יעקב׳ס רייד. פון צייט צו צייט, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט...

— אברהם! איך פיל ניט קיין זינד, ווען איך רייד קעגן דער מדינה! איך זע ניט דעם שאָדן, וואָס איך טו מיט מיינע רייד... און זי דבורה, האָט מיר אַלעמאָל איבערגעשלאָגן מיט בייזקייט... די אַלט־געזעסענע קענען ניט מיטפילן די נייע געקומענע, וואָס וואָקזאַלן, טיורמעס, באַראַקן, זיינען געווען זייערע היימען... און אפשר רעדט אין אונז די פאַרביטערטקייט און מיר ווידער־שפעניגן מיט אונזערע רייד... אברהם! איך בין פאַרליבט אין

דבורה׳ן! און אַ פרוי דערוויסט זיך די ערשטע מינוט אַז מען איז פאַרליבט אין איר... און די פרוי, האָט מיר אָנגעפאַנגען לערנען, דרעסירן ווי אַ חיה אין צירק... זי האָט מיר געשטראָפט אַז איך האָב ניט קיין באַשטימטן ציל... מען קען מיר ניט צופרידן שטעלן. און איך האָב געשוויגן און געליטן. איך האָב געפּרואווט כלערליי אַרבעטן אין קבוץ, און ניט געקענט עפּעס דערגרייכן. דאָס העכסטע וואָס מען קען דערגרייכן אין קבוץ — אַ צימערל. און דריי מאָל אַ טאָג עסן אין קאַזאַרמע. מיר האָט געמאַטערט אַזאַ סאָרט לעבן... און זי האָט מיר גענומען אויפן צימבל — איך האָב זיך אָנגעפאַנגען שרעקן פאַר איר... דער־נאָך האָט זי אָנגענומען שטרענגערע מיטלען... זי פלעגט אַוועקגיין גאַנצענע אָוונטן אויף מיטינגען. מיר האָט זי געלאָזן אומעטיקן און זיך פייניגן. מיינע מחשבות זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט אייפערזוכט. און איך האָב מיין איך אַראָפּגעוואָרפן — איך טויג ניט צום לאַנד!... איך ווייס ניט ווי אָפּצושאַצן אַ פרוי, וואָס איז אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אינם לאַנד!... ניין, אברהם! דבורה האָט מיר ניט פאַרשטאַנען. זי האָט באַדאַרפט האָבן צו מיר געדולד — אין דער ליכטיקער צוקונפט... זי האָט דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן... איצט איז אַלץ פאַרפאַלן. איך האָב פאַרלאָזן דבורה׳ן, דעם קבוץ. איך וואַנדער איבער דער מדינה ווי אַ בלודנער פייגל... איך האָב לאַנג געבענקט נאָך איר. איצט טראָג איך שולד אין מיין האַרצן... זייט מוחל אברהם! איך האָב פאַרשטראָמט מיט רייד...

— יע, יעקב! ניט שטענדיק לויפט דער וועג גלייך צווישן מאַן און פרוי... מאַן און פרוי זיינען באַזונדערע באַשעפענישן. נאָר ווייזט אויס, די נאַטור האָט געוואָלט דער מאַן זאָל ליב האָבן די פרוי און די פרוי דעם מאַן. די צוויי פרעמדע מענטשן דאַרפן ווערן איינס — וואָס פאַראַ שווערע פּראָבע פון איבערגיסן זיך... מיר דוכט ווען מענטשן לעבן אייביק — וואָלטן אין דער אייביקייט ניט אויסגעגלעט געוואָרן די אַמפּערייען צווישן מאַן און פרוי...

בפרט אַ פרוי קען מען ניט צופרידןשטעלן. זיי זיינען ווי פלאַנצן, וואָס וואַקסן אין וואַסער — אָן וואָרצלען... זיי טרינקען דעם וואַסער און שלינגען זון און הוידען זיך פון די ווינטן. זיי קושן זיך מיט בינען, שמעטערלינגען. און ביינאַכט סוד'ן זיי זיך מיט דער לבנה... ניין, ס'איז ניט גענוג פאַר זיי!... זיי וואָלטן נאָך געוואָלט פליען.. זיי זיינען מקנא די מענער, וואָס פירן שיפן, באַנען — זיי האַלטן דעם רודער פונם לאַנד. זיי הערשן איבער דער גרויסער וועלט...

— דערפאַר אברהם! איז די היים — די ווייבערשע מלוכה! דאָרט הערשן זיי מיט אַ שטאַרקע האַנט...

— יעקב! יעקב! איר וועט די וועלט ניט איבערמאַכן... גענוג אַזויפיל אַריינצוטראַכטן. מיר דערנענטערן זיך צו די מיטעלע יאָרן. איין טייל פון אונזער לעבן איז שוין אַוועק. לאָמיר איבערלאָזן די שטרייטעקייטן און קאַמפן פאַר די אינגערע. איצט זיינען די צייטיקע יאָרן — צו פאַרפעסטיקן, פאַרוואָרצלען... איך בין גרייט אייך צו לערנען מיין מלאכה — פלאַנצן בוימער. דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין פלאַנצער... אָבער דערווייל יעקב! וויל איך אייך עפּעס אָנבאָטן: איך בעט אייך איר זאָלט זיך ניט אָפּזאָגן. איך וויל אייך אויסלייען פופציק פונט...

— ניין, ניין, אברהם! איך נויטיק זיך ניט... איך האָב ניט וואָס צו טאָן מיט געלט!... ביי אונז איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: (פרעמד געלט איז אַ וואָלף אין קעשענע)...

— יעקב! וואָס פאַלט אייך איין אַזוי ריידן?... איך ליי אייך מיט אַ גרינג האַרץ. און גייט צו אייער לאַנדסמאַן — ברענגט אים גוטס צו דערלאָבן... און לאָמיר זיך זען אָפּטער אין קליינעם לאַנד ישראל קען מען עס אויספירן...

— שלום! — לילה טוב!.. .

41.

דער נשף ביים דאָקטאָר, איז שוין געווען אין סאַמע ברען. די עלעקטרישע קרענץ מיט לעמפלעך, האָבן פאַרלויכטן, פאַר־פינקלט אַ שטיק דרויסן. אינם גאָרטן פול מיט בוימער, זיינען געשטאַנען טישן געדעקטע מיט טישטוכער. אויף די טישן פלע־שער ווין, געשיילטע עפּלציגען, סענדוויטשעס געוויקלטע אין דינע פּאַפּירן. און אַלערליי זיסוואַרג: סטאַשקעס, יאַדרעס, ראָזשינ־קעס...

אברהם איז געשטאַנען ביים טויערל פון גאָרטן. עס האָט אים געפעלט דרייסטקייט אַריינגיין אינווייניק — שעמעוודיקייט איז אויף אים אָנגעשוואָומען... מיט אַ מאָל ווען אַ סך אויגן אים דורכנעמען... אויגן וועגן.. אויגן מעסטן...

צום גליק האָט אים דער שניידערל באַמערקט — ער איז באַלד אַרויס פון טיש, — אברהם! וואָס שטייט איר ביים טויער? און וואָס אַזוי שפּעט?... וואָס זאָגט איר צו אונזער דאָקטאָר! אַ ביסל אַ באַנקעט פּראָוועט ער... מאָלט אייך היינטיקע צייטן — אין אַזאַ יקרות!... קומט אַריין, איך האַלט אַ ליידיקן פּלאַץ פאַר אייך...

ווען אברהם איז דורכגעגאַנגען צווישן די באַלויכטענע בוימער, האָט ער געהערט אויסרופן: אברהם! אברהם! ער האָט דערזען דעם שוסטער, אויך דעם רומענישן איד, וואָס ער האָט געהאַנדלט מיט אים אין די יונגע טעג פון זיין אָנקומען אינם לאַנד...

און דער שניידערל האָט אים באַקאַנט מיט די געסט, וואָס זיינען געזעסן נאָענט. אויך מיט זיין שוועגערן רחל! — און אברהם האָט אַ טראַכט געטאָן — זי איז אַזוי שיין ווי רחל פון חומש... אַ אידישע ציגיינערקע מיט פייערדיקע אויגן. זי פלאַמט אַרויס פון די לייכטע קליידער...

— אייער פרוי איז אויך דאָ? — האָט אברהם שטיל געפרעגט דאָס שניידערל. און ער האָט חרטה געהאָט אויף דער קורצער פראַגע אפילו... ווייל מיט די פאַר ווערטער, האָט ער איבער־

געגעבן — אַז דאָס שניידערל איז ניט גלייכגילטיק צו זיין שוועגערן...

— מיין פרוי! — האָט דאָס שניידערל געאיילט ענטפערן — איז געבליבן אין שטוב מיטן זונעלע...

דאָס שניידערל האָט דערפילט אַז מען דאַרף דעקן די פּראַ־געלע מיט גוטע תירוצים... — יע מיין פרוי איז דערשעפּט פון היינטיקן חמסין...

— מיר פּנחס! אַרן ניט די חמסינען. — אויך רחל האָט פּאָטאָקעוועט: — די נייע אַריבערגעקומענע זיינען פאַרהאַרטע־וועט צו אַלערליי פּאַגאַדעס — און זי האָט געגעבן די האַנט אברהמ'ן. איר האַנט האָט לייכט אַ ציטער געטאָן... און אַ שמייכל האָט איר פּנים באַלויכטן...

רחל, האָט דאָס גאַנצן טיש מיט מענער געהאַלטן געשפּאַנט מיט איר פרישקייט און יוגנטלעכקייט... און דאָס שניידערל איז געווען צוויי־פּאַכיק צעטראָגן. עס האָט אים שטאַרק הנאה־געטאָן, וואָס זי נעמט אויס ביי די מאַנסביל... אָבער ווי וויט אָפּגעטראָטן זי איז פון איר לייבליך שוועסטער — זיין ווייב!... רחל איז ווי פון וואַלד געבוירן... אַ ווילדער פויגל! זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען. מיט איין קוק קען זי אַראָפּפירן פון גלייכן וועג...

אָבער פאַרוואָס זיין פרוי איז ברוגז אויף איר? — פאַרשטייט ער ניט...

— אברהם! — האָט ער געשעפּטשעט — זינט רחל האָט זיך באַוויזן, איז מיין ווייב אַ געענדערטע, ניט צו דערקענען... זי ענטפערט קידער, ווידער... דער קאָפּ איז איר שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ טיכל געוויקט אין עסיק. אפשר טראַכט זי אַז איך בין פאַרליבט אין רחל'ען!?...

— אַ נאַרעשע אידענע! איך אַ שניידערל — האָב צייט צו פירן ליבעס?... ווען איך בין פאַרליבט, וועט דאָס מיר

העלפן?... און לאָמיר זאָגן: איך האָב ליב רחל׳ען — דאַרף עס איר ערשט פרייען...

— אָבער לאָמיר איך זאָגן אַ סוד: — מיר מאַנסביל זיינען שוואַך ווי קינדער קעגן פרויען... קוקט זיך צו ביים טיש — די מאַנסביל ברענען ווי די ליכט... זיי האָבן פאַרגעסן אַן זייערע ווייבער... די ווייבער פאַראַכטן איר... קוקט אדרבא סאַראַ גיפטיקע שמייכעלעך אויף זייערע פנימער... אברהם! איך וואָלט גריילעך געוואָלט זי זאָל חתונה האָבן פאַר אַ לייטישן יונגן־מאַן — און וואָס גיכער... דער ווילדער פויגל קען צושטערן שלום־בית...

אויך אברהם איז פאַרכאַפּט פון איר שיינקייט... עס שרייט ניט קיין איין שטריך אין איר פנים.

— איר ווייסט פנחס! — האָט אברהם שטיל געזאָגט — איך וועל זי באַקענען מיט אַ זעלטענעם יונגן־מאַן. זיין נאָמען איז יעקב! אויך אַ ניי־געקומענער אינם לאַנד. אַ זעלטן־קלוגער, און טיף ערלעכער מענטש. זי וועט זיין צוגעפּאַסט צו זיין סאָ־לידע נאַטור. איך האָב אַ טיפן געפיל — זיי וועלן זיך געפעלן...

מיט אַ מאָל איז שטיל געוואָרן צווישן עולם. אויפגעהויבן אויף אַ ביינקל האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר. אַ ווייל איז ער געשטאַנען איבערגעקוקט דעם גרויסן עולם. — מיינע פריינט — האָט זיין קול געציטערט, גיט מיר אָפּ מזל טוב! מיינע צוויי טעכטער האָבן חתונה געהאַט.

— מזל טוב! — מזל טוב! דאָקטאָר! און דאָקטאָרקע! — האָבן זיך געטראָגן פיל שטימען. דער עולם האָט אַפּלאָדירט... דערנאָך האָט איינער אויפגעשפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע, אַ צווייטער אויף אַ גיטאַרע און דער עולם האָט זיך צעשאָטן אין טענץ.

אברהם האָט זיך ניט געקענט אָפּקוקן, ווי דאָס שניידערל טאַנצט מיט זיין שוועגערן. ער איז געווען איינגעטוליעט, אייג־געוואָקסן מיט די הענט אַרום רחל׳ס טאַליע...

דערנאָך האָט אויך אברהם געטאַנצט מיט רחל׳ען. ער

האָט זיך געטראָגן מיט איר, ווי עס וואָלטן אים אויסגעוואָקסן פליגלען...

42.

צווישן אברהם און שרה׳ן האָט זיך איינגעשטעלט אַן איינגעשטילטקייט... איר צענומענע פיגור, פולער בוזעם, און מיטן הויכן בויך, האָט ניט געמינערט איר שיינקייט. פאַרקערט, אירע אויגן האָבן אָפּגעגלאַנצט מיט מוטערלעכע זאָרג. אירע הענט זיינען געוואָרן דורכזיכטיק. אירע אָרעמס, האָבן זיך פאַרבויגן אויף צוריק ווי פליגל. און אַ געוויסע פאַר חלש׳טקייט, נאַשערישקייט אויף איר מויל.

איר שוואַנגערשאַפט האָט געפאָרעמט איר פּנים נאָך קלענער, קינדערשער...

און אברהמ׳ס מחשבות זיינען געוואָרן פול מיט שרה׳ן... ער האָט זי אָפּגעהיט פון אַ ווינטל... ווען זי האָט זיך צוגעשפּאַרט בייטאָג איז ער געגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער. אין דרויסן געהיט די ווייסע חבריניקעס אַז זיי זאָלן זיך ניט יאָגן נאָענט אַרום זיין הויז... וואָס אויסגערוטער שטאַרקער שרה וועט זיין, וועט זיך עס איבערטראָגן צום קומענדיקן קינד...

און שרה איז געוואָרן שטילער צוליב דער אַריינטראַכטונג וועגן קינד... אויך די טיפע פונקציע — זי ווערט אַ מאַמע, האָט איר פאַרערנסט. אָבער אויך אָנגעטרונקען אין העכערע פריידן, וואָס נאָר אַ טראָגענדיקע פרוי מיטן ערשטן קינד קען אויספּאַנטאַזירן...

און אברהם און שרה זיינען אַרומגעגאַנגען אין זייער קליין גאָרטן. אברהם האָט זיך געבויגן, פאַרזעצט רויטע קערענדלעך פון חודש רעטעכלעך. ער האָט מיט צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט אַריינגעשטופּט אַ קערענדל, און די ווייכע וואַרעמע ערד, האָט נאָכגעגעבן — פאַרבאַהאַלטן די קערענדלעך; ווי שטום צו־

געזאָגט: צייט אַ פּאָר וואָכן וועט זיך די ערד פֿאַרגרינען, פֿאַר־בלעטערן... די ווייסע אוגערקעס־זוימען האָט ער אַנדערש באַשטאַט. ער האָט געמאַכט אַ רינעלע איבער דער ברייט פֿון בייט — און אָנגעשאָטן יאָדערלעך שיטערלעך, און ניט צו הויך פֿאַרדעקט מיט ערד...

שרה האָט זיך אָפּגערופֿן: — אברהם! ווי דו ווייסט גוט, ווי זיך באַגיין מיט אַלערליי זוימען. און זי האָט אַריינגעשטעקט ביי די זייטן בייטן פֿאַרשניצטע שטעקלעך, וואָס אברהם האָט אָנגעגרייט. אויף די שטעקלעך, האָט זי אָנגעבונדן שטיקלעך לייוונט. און דער ווינט האָט די לייווענטלעך צעוויגט, ווי פֿיל ווייסע פֿענדלעך... דאָס איז אַ סגולה צו די פֿויגל... פֿאַר די פֿלאַטערנדיקע לייווענטלעך שרעקן זיי זיך...

— ווייסט שרה, כ'וועל זיך ניט באַנוגענען מיט די פֿענדלעך. האָסט אַן אַלטן בעזים? וועל איך אויסטראַיען אַ טשוטשעלע!...

— יע, אויף אַלץ קומט אַ צייט, — האָט שרה אָפּגעזיפֿצט מיט אַ גליקלעכער מינע, מיר וועלן שוין האָבן אַ גאָרטן. איך וועל נאָך פֿאַרזעצן בלומען. די בלומען פֿאַרזעצן האָט מיר צוגעזאָגט מרים! נו, היינט איז זי פֿאַרנומען. ס'איז איר גליקלעכער גע־ווינטשענער טאָג. דער דאָקטאָר מינקאָווסקי! קומט היינט אָן אין חיפה! האָסט זי געדאַרפֿט זען... אַ צעשטראָלטע. ווי אַ פֿויגל, האָט זי אַוועקגעשוועבט אין חיפה צום פּאָרט... איך בין שוין טשיקאַווע זען דעם דאָקטאָר!... וואָס זי האָט זיך מיר אָנדערציילט... נו, די פֿרוי האָט זיך געגנוג אָנגעליטן אינם לאַנד... וויפֿל מי, געלט און צייט עס האָט איר געקאָסט איידער זי האָט באַוויזן אַריבערברענגען דעם דאָקטאָר!... און ווער ווייס ווי דער לעבן וועט זיך שליטלען ביי זיי... זיי האָבן זיך שוין יאָרן ניט געזען! ... ער איז איצט שוין אַן אַלטער מאַן!...

— שרה! דער דאָקטאָר איז אַ צעבראָכענע שיף... זי וועט זיין זיין פּאַדפּאָרע... דעם ערשטן וואָרמעס וועט זי פֿאַר אים אָפּקאָכן. ווער ווייס ווי לאַנג ער איז שוין ניט געשלאָפֿן אין אַ

בעט?!... אַ גרויסע פריינטשאַפט וועט זי אין אים אָנצינדן. אַלע אירע געהאַפטע יאָרן וועלן קריגן אַ תיקון...

— איצט שרה׳לע וועלן מיר אַריינגיין אין שטוב. דו וועסט זיין אַ גוטע מיר צוגרייטן אַ לייכטן ביים, ווייל איך וויל נאָך היינט צוגיין אין קרית־ים־ג! איך דאַרף זיך זען מיט יעקבֿ׳ן! כ׳האָב מיט דיר וועגן אים אַ סך מאָל גערעדט. ער איז זייער אַ געראָטענער. אָבער אַן אומגליקלעכער מענטש. אָבער ס׳האָט זיך באַוויזן, ווי מיר מאָלט זיך, זיין באַשערטע... דעם שניידערס שוועגערן רחל! מיר וועלן אים ירצה השם מאַכן אַן אויפנאַמע פאַר מרימ׳ען מיטן דאָקטאָר — וועלן מיר אויך פאַרבעטן רחל׳ען און יעקבֿ׳ן. אויב זיי וועלן זיך געפעלן ווערן... וועל איך פילן אַז כ׳האָב אויפגעטאָן אַ גרויסע טואונג... ווייל וואָס מער עס פאַרקנס׳ן זיך פאַרלעך, אַלץ טיכטיקער איז עס פאַר אונזער לאַנד!... איך וועל זיך זאַמען אַ גוטע פאַר שעה אין קרית־ים־ג! זאָלסט ניט וואַגן אויפהויבן אַ שטרוי... איך באַשווער דיר!...

43.

ס׳איז ניט דעם ערשטן מאָל ווי אברהם לאָזט זיך אַרויס צופוס אין אַ נאָענט שטעטל. אָבער איצטער אויפן וועג צו קרית־ים ג! האָט ער דעם געפיל, ווי ער גייט דעם ערשטן מאָל ביים זייט פון כביש. אַנטקעגן טראָגן זיך טאַקסעס, אויטאָבוסן. און אויף די זאַמדן קריכן טראַקטאָרס. אומעטום ליגן אָנגעוואָלגערט טרובינעס און רערן, שטיינערנע בלאָקס און געהילצן.

מען גייט אַרויס אויף די וועגן זעט מען ערשט, ווי מדינת ישראל שלאָגט מיט גרויסע פולסן... דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרומגעכאַפט אין גרויסן טריאומף פון בויאונג... די בויאונג פאַנגט זיך אָן מיט אַ מחסן, אַ בודקעלע, אַ ווינטיקער שאַלאַשל. מען דערבוואוועט זיך פריער פאַר אַ שטיקל פלאַץ, צי אין די בערג, אין טאָלן. און אויפן שטיקל פלאַץ ווערט דער מענטש

אַ הערשער. ער גראַבט און צאַמט. און אין וואָכן זעט מען אויפן פּלאַץ אַן איזל, אַ ציג, אַ צענדליק הינער, אויך יונגע בוימעלעך. און אַ משפּחה... די פרוי הענגט וועש אין דרויסן. דער מאַן און די קינדער זיינען ווי בינען אַרום פּלאַץ... האַמערס, רידלען, רעדן די שפּראַך פון בויען און פלאַנצן...

ווי דער וועג איז איבערגעלאָפן — ער איז שוין ביי דער ערשטער הויז פון קרית ים ג! — אַ גרויסע שטאָט האָט זיך אויסגעבויט פאַר זיינע אויגן... ער גייט דורך דער גאַס, וואָס שניידט דורך די לענג פון שטאָט. קינדערלעך, קינדערלעך קיין עין־הרע פול אין גאַס און אַרום די שטיבער. און ווייבער רעדן דורך טיר און פענצטער...

איבערן גאַס שטייען בודקעלעך — מען שניידערט און מען שוסטערט דאָרט. אַרום די בודקעלעך שטייען אידן און רעדן וועגן פּאָליטיק, קלאָגן זיך אויף זייערע ביטערע מזלות... אַנ־דערע: — וואָס זאָגט איר ניט צו אונזערע פירער?... ניט אַנדערש צייט אַ חודש זאָלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן די בודקעלעך. וואָסי, עס מאַכט אויסקוקן די שטאָט ווי „קאַבצאַנסק״!... מען וועט זיך שלאָגן! זאָלן זיי אונז געבן געראַמע דירות. איך, מיין ווייב און צוויי קינדערלעך זיינען פאַרפּאַקט אין איין צימערל. פרעג איך אידן: — וואו זאָל איך האַלטן מיין וואַרשטאַט, אויפן הימל?!... כיי וואָלטן זיי בעסער פאַרזאָרגט מיט לעדער. איך שנייד זיך אָפּ די פינגער...

אברהם האָט זיך איינגעהערט צו די טענות... ער האָט געטראַכט — טענות פון אָרעמע־לייט זיינען מערסטנס גערעכטע... מיר אידן האָבן געדאַרפט ווייזן, אַז אין מדינת־ישראל לאָזן מיר ניט פאַלן דעם אָרעמען מענטשן!...

— די מדינה טוט וואָס זי קען, — האָט אַ איד געפּאַכט מיט די הענט. היינטיקע וואָך האָט די רעגירונג געטיילט קאַרטאָפל צו פאַרזעצן. אָבער איר האָט זיך געלאָזן וואוילגיין — לאַטקע־לעך געבאַקן... ווער איז די מדינה? אויב ניט איר אַליין!...

אברהם האָט זיך צוריקגעהאַלטן און גאָרניט געזאָגט. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער אויפגעהיצטקייט פון די מענטשן. בפרט אַן עלטערע פרוי האָט געשריען: — נישקשה, די פקידים קוקט מען ניט אין טאָפּ! זיי לאָזן זיך וואוילגיין... מיר דאַרפן שטורעמען די כנסת! שטייערן לייגן זיי אַרויף אויף אַ ברעטל אַן אייגנס...

— יע, פון די סצענקעס, האָט אברהם זיך דערפילט אַראָפּ־געפאַלן. די נויט שרייט פון די נייע עולים! מען דאַרף אַריינגיין אין זייער לאַגע. דער מענטש איז אַ מאָדנע באַשעפעניש — (דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן)... אין קרית־ים־א! אין קרית־גלים! האָט ער ניט געמערקט אַזאַ אָרעמקייט. און ער האָט ניט געהערט די שאַרפע טענות אין חיפה! אין תל־אביב. אין די גרויסע שטעט וואו עס קאָכט און טומלט, סטייעט זיי ניט קיין צייט אויף די טענות... אים וואונדערט, ער לייענט די צייטונגען — און די שרייבער ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעשיידטע פון פאָלק!... וואָס דערציילן זיי ניט פון די נויטן? פון דער ענגשאַפט אין דירות? עוולות זייגען וואונדן, מען מוז זיי היילן...

און אברהם איז אַוועק צו דער הויז, וואו יעקב׳ס לאַנדס־מאַן האָט זיך געפונען... ער האָט זיך אַ ווייל אַרומגעדרייט — ניט געוואָגט אָנקלינגען, אפילו ניט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר... ווערליק יעקב האָט דערציילט, ליגט דאָ אַ שווער פאַרוואונדעטער מענטש...

עס האָט זיך שטיל געעפנט די טיר. אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ יונגע דראָבנע פרוי אין אַ פאַרלאַטעט קליידל. און פאַנטאָפל אויף די באָרוועסע פיס. זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן שטיל און מיט צער אין די אויגן... אברהם האָט זיך לייכט אַ בויג געטאָן — אדון! —האָט זי שטיל אַ מורמל געטאָן — איר דאַרפט צו אונז? איר זייט געשיקט געוואָרן פון דער רעגירונג?...

— ניין, גברת! — איך קום פון קרית־גלים! מיין נאָמען איז

אברהם! איך בין געקומען עפּעס איבערגעבן יעקבֿ׳ן פון קבוץ אשדאד! ער האָט מיר דערציילט ער גייט באַזוכן זיין פאַר־וואונדעטן לאַנדסמאַן...

— נכון! — ער איז ניט יעקב! נאָר אַ מלאך פון הימל... ער טאָגט און נעכטיקט ביי אונז... מיר זיינען דאָ עלנדע. צום פאַרבייסן איז מיין מאַן פאַרוואונדעט געוואָרן אַזוי שווער. איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. ער ליגט צוגעשמידט צום בעט און קעמפט פאַר זיין לעבן. אויך פאַר מיינעם... זי האָט געווישט זיך די אויגן. אַוועק אַ געזונטער אַ פרישער אויף די מאַנעוורעס, און צוריק האָט מען אים געבראַכט אויף אַ נאַסילקע אַ צעשאַ־טענעם, אַ צעשעדיקטן, שוואַרץ ווי אַ גלאָווניע. ווען ניט יעקבֿ וואָלט איך געפאַלן אין די האַלאַבליעס. אדון אברהם! איך רייד ניט צו אייך — נאָר מיין צעווייטיקט האַרץ... גייט אַריין אדרבא און זעט מיט אייערע אויגן, וואָס פון אַ געזונטן יונגן מענטשן קען ווערן...

אברהם איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער אין חדרל וואו דער קראַנקער איז געלעגן. אויף אַ שמאָל בעטל, האָט ער דערזען אַן איינגעוויקלטן מענטשן אין באַנדאַזשן. חוץ די אויגן, וואָס האָבן דערציילט פון גרויסע יסורים, זיי האָבן געבעטן הילף. זיין האַרץ האָט זיך געהויבן מיט איינגעשפּאַרטן גראַנגל פאַר זיין יונג לעבן.

און יעקב האָט זיך אויפגעהויבן פון ווינקל־בעט דערלאַנגט אברהמ׳ען שלום — און טרויעריק געוויזן אויפן קראַנקן... ער האָט מיט אַ קליין לעפעלע אַריינגעגאָסן לעבלעך טיי דעם פאַר־וואונדעטן אין ציטעריקן מויל — און שטיל אַ זאָג געטאָן: — זי וועט באַלד אַריינקומען וועלן מיר אַרויסגיין אין גאַס. מען קען אים ניט לאָזן אַליין...

אברהם האָט זיך שטיל אָפּגערופן: — סאַראַ אָרעמקייט דאָ איז. מען זעט ניט אַ טיש אַ שטול...

—יע, אברהם, זיי זיינען זייער אָרעמע מענטשן. ניט לאַנג

געקומענע. זיי האָבן זיך באַקאַנט אין די לאַגערן. און דאָרט האָבן זיי חתונה געהאַט, ווען די רוסן האָבן זיי באַפרייט. ערשט דערנאָך האָבן זיי זיך געגנוג אָנגעוואָלגערט, איידער זיי זיינען געקומען אין ישראל!... דאָ האָבן ביידע געאַרבעט. זיי האָבן ווי יונגע מענטשן, גוט דערצויגענע און טיף געליטענע אָנטקעגן געגאַנגען אַלע שוועריקייטן... זיי פלעגן זיך טרעפן נאָך דער אַרבעט, און צוזאַמען קומען אין זייער נעסט... זיי האָבן געהאַט דאָ רו, און זייערע פריידן. און זיי האָבן מיר פאַרטרויט וועגן אָפּגעשפּאָרטע פונטן. זיי טראַכטן בויען אַן אייגענע היים. און זיי טראַכטן וועגן אַ קינד... איך בין זיי געוווען מקנא — זיי האָבן ניט געלאָזט פאַלן אַ שלעכט וואָרט אויף דער מדינה!... איך האָב זיך געפילט זינדיק קעגן די שטילע גלויביקע מענטשן...

פון קאַמערל האָט זיך געהערט אַ פאַרקלעמטער קול: יעקב! יעקב!

— אברהם! שטייט דאָ אַ ווילע, כ׳וועל אַרויסהעלפן דעם קראַנקן, וועל איך זיך באַלד אומקערן. — אויך אין טיר האָט זיך באַוויזן די יונגע דראָבנע פרוי...

— ווער איז אַריין? — האָט דער קראַנקער געפרעגט.

— דאָס בין איך, לוי! — איך! איך! זלפה!...

און דעם קראַנקנס קול איז שטילער געוואָרן — ווי זלפה וואָלט אים טרייסט, האָפענונג און היילונג געבראַכט...

— נו, איצט אברהם! לאָמיר אַ ווייל אַרויסגיין אין גאַס. איך זאָג, אברהם! אַז אונזערע מיליטער־לייט זיינען ניט גענוג פאַרזיכטיק. זיי פירן אַן ווילדע מאַנעוורעס. עס קומען אַרויס אַ סך געשעדיקטע. איך האָב נאָר מורא, דער מאַן זאָל ניט בלייבן אַ קאַליקע...

— יעקב! צו אונז איז שוין אָנגעקומען דער דאָקטאָר מינ־קאָווסקי! מען זאָגט אַז ער איז זייער באַרימט. הכלל, כ׳וועל אים באַוועגן קומען אַהער. אפשר וועט קומען פון נייעם דאָקטאָר די ישועה...

— יע, היינטיקן שבת־אָוונט פּראַווען מיר אַ שמחה׳לע ביי אונז. זאָלט איר למען השם קומען. כ׳האָב אַ סורפּריז פאַר אייך...

יעקב האָט אויפגעפּנט ברייט און נייגעריק די אויגן...

— ווען מיר זיך זען יעקב!? — שלום! — שלום!...

44.

אברהם איז ניט אָפּגעגאַנגען צען פּולע טריט, האָט אים אָנגעיאָגט אויפן אופנים דאָס שניידערל...

— שלום, אברהם! ניט גערעכנט אייך באַגעגענען דאָ!...

— אין ישראל טרעפט מען זיך אָפט, — האָט אברהם אויסגעטייטשט: — אַ קליין לאַנד...

— און אַ דרויסנדיק לאַנד — האָט דאָס שניידערל איבער־געשלאָגן — אַ גאַנץ יאָר איז כמעט זומערדיק. חוץ די פּאָר מאָנאַטן וואָס רעגנט. עס גיט אַ פּליוך אַ פּאָר שעה, און עס שיינט ווידער די זון...

אדון פּנחס! זייט מוחל איך אייל מיר צום אויטאָבוס.

— אברהם! צו וואָס דאַרפט איר דעם פאַרלאַגערטן אויטאָ־בוס? זעצט אייך מיט מיר אויפן אופנים און איך וועל אייך ברענגען צום טיר פון אייער היים...

— עס וועט אייך ניט זיין שווער פּנחס?...

— אברהם! איר קרוינט מיר פּאַר אַן אַלטן מאַן... נו, איר האָט זיך גוט איינגעמאָשצעט? אַ ניט קען איך אייך פאַרלירן אויפן וועג... איר ווייסט אברהם! קרית ים ג! איז ניט ווי הענט האָבן איר אויסגעבויט, נאָר ווי זי וואָלט אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד...

— ווען די נויטווענדיקייט טרייבט — קענען מענטשן אויפטאָן וואונדער — האָט אברהם אַ זאָג געטאָן...

— יע, איר זייט גערעכט אברהם! דערצו איז עס אַ טשיקאַווע

שטאָט! דורכאויס פון נייע עולים — פון אַלע לענדער כמעט...
אָבער לאָמיר אייך בעסער דערציילן נייעס: איך ווער אם ירצה
השם אַ בעל הבית פאַר זיך...

— מזל טוב! — האָט אברהם קורץ געזאָגט — און זיין
נייגעריקייט איז געוואָקסן...

— איר ווילט אוודאי וויסן דאָס גיכע געשעעניש?... רבקה,
ביי וועמען איר האָט געוואוינט אַ קורצע צייט איז שוין מער
ניט אין קרית ים א!...

אברהם האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויפן אופנים... — וואָס
איז געשען פלוצים פנחס?...

— ס׳איז גאָרניט געשען. זינט זי האָט חתונה געהאָט מיט
זבולנ׳ען, האָט זיך די פרוי אינגאַנצן געענדערט... צי עס פּאַסט
איר ניט וואָס זי האָט גענומען אַן עלטערן מאַן מיט אויסגע־
האָדעוועטע קינדער... אָבער ווער קען פאַרשטיין וואָס מענטשן
טראָגן טיף אין האַרצן... אגב, האָב איך געהערט אַז זבולן האָט
עטלעכע מגרשים. און עס האָט זיך אויסגעבויט אַ נייער שיכון
לעבן ירושלים! — פאַרגעסן דעם נאָמען. פאַרלאָזט זיך אויף
זבולנ׳ען! ער האָט זיך אויסגעבויט אַ נייע הויז דאָרטן. איר
ווייסט דאָך שכנים האָבן לאַנגע צינגער — זיי טענה׳ן: ניט רבקה
האָט זיך אָפּגענאַרט מיטן שדוך, נאָר זבולן... ער האָט ניט ביי
איר אַ באַרוטע מיגוט. זי קירעוועט מיט אים אין אַלע זייטן...
לעמיי לאָמיר ליגן זאָגן: — מיר מאַנסביל פאַרכליאָפּען זיך אין
אַ ווייבס־פאַרשוין, קנעטן זיי אונז ווי גוטן טייג... הכלל, איך
ווייס גאָרניט ווי אָפּצודאַנקען רבהק׳ן וואָס זי האָט מיר פאַרטרויט
וועגן איר שטוב... אַ שפּאַס היינטיקע צייטן אַ הויז! איצט וועט
מיר שוין מיין אידענע ניט טיטשען כסדר און מיט קנאה... איך
זאָג מיין אידענע... לעצטנס האָב איך גרויס עגמת־נפש פון
איר. זי גייט אַרום צערודערט מיט פאַרבונדענעם קאָפּ, אַן אָנגע־
צונדענע ווי אַ סנאָפּ שטרוי... זי בורטשעט, שיסט אויף מיר
מיט ביטערע רייד... איך ווייס ניט אסור פאַר וואָס... און איר
ווייסט אברהם! ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיינע צרות — זינט

די שוועגערן איז אין מיין הויז... גאָט אין הימל! זי האָט ניט קיין גאַנץ האַרץ צו איר גערעאַטעוועטע שוועסטער! אַ שוועסטער וואָס פאַרשיינט דאָס הויז... און זי העלפט אין שטוב יעדן ברעקל... אירע הענט זיינען צוויי פייערן...

— צוויי ווייבער אין איין שטוב — זיינען פייער און וואַסער...

— האָט אברהם באַמערקט. און אברהם האָט זיך איינגעהאַלטן זאָגן: אַז זיין פרוי איז אויפּערזיכטיק...

— כ׳וועל איך זאָגן, אברהם! איך וואָלט געדונגען פאַר דער שוועגערן אַ דירה און פטור אַן עסק. איז ערשטנס, פּאַסט מיר ניט. צווייטנס, האָב איך צו איר גאָרניט. פאַרקערט, ס׳איז פריי־לעכער אין שטוב. און לאָמיר אייך דערציילן: רחל איז אַ מור־טיקע, אַ לעבעדיקע... אָבער איר וועט ניט גלויבן — זייער אַ שרעקעדיקע אין די נעכט טאָר מען זי ניט לאָזן אַליין. זי שרעקט זיך פאַר די שאָטנס... ווייזט אויס די ביטערע מלחמה האָט צושטערט די רואיקייט אין דער פרוי... די קאַשמאַרן, דער שטענדיקער אויסבאַהאַלטן זיך ווי אַ געיאָגטע חיה, האָט דאָס געמאַכט אַז די פרוי לעבט נאָך אין דער פאַרגאַנגענער צייט... און כאָטש זי איז שוין אין דער פרייער ישראל — גייען נאָך ניט אָפּ יענע אויפטרייסלונגען... איצט פאַרשטייט איר אברהם, וואָס איך בין פאַר׳עקשנ׳ט זי זאָל זיין צווישן אייגענע — ביזן טאָג פון איר חתונה...

— אָט, אָט, פנחס! איך האָב היינט זיך געטראָפן מיט יעקב׳ן, וועגן וועלכן כ׳האָב אייך דערציילט ביים דאָקטאָר אויפן נשף. און ער האָט מיר מבטיח געווען אַז ער וועט קומען צו אונז. מיר חלומ׳ט זיך — צווישן רחל און יעקב וועט ווערן אַ שידוך... אַן אינוווייניקסטער שטים רעדט אין מיר... כ׳וועל אייך זאָגן פנחס! יעדער מענטש איז אַ מאָל אָנגעצונדן מיט נבואה... אַוודאי וועט איר אויך קומען מיט אייער פרוי און שוועגערן. גאָר אין קורצן וועלן מיר מאַכן די אויפנאַמע פאַר דעם דאָקטאָר מינ־קאָווסקי!...

— שאַ, שאַ, אברהם — איר האָט אים שוין געזען?

— ניין! אָבער ער איז שוין היינט אָנגעקומען...

— איר הערט אברהם! קיינער האָט אים נאָך ניט געזען און זיין נאָמען קלינגט ווי אַ גלאָק... וואָס דאַרפט איר אַ סך — אונזער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט און מיט קנאה: אַז מינ־קאָווסקי איז זייער באַרימט. יע, לאָמיר איך דערציילן אין איין גאַנג וועגן אונזער דאָקטאָר — אויך ער סטייעט ניט אין אונזער שטעטל. די שכנות מיט לאַנגע צינגער זאָגן יאַקאָבי — עס שוואַרצט אים דער פּנים, וואָס די טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט מאַראָ־קאַנער אידן... נאָך מערער — דער נייער דאָקטאָר וועט אים פאַרטונקלען... נו, אברהם איר זייט שוין לעבן אייער היים. שלום! שלום!...

45.

אברהם האָט געטראָפן שרה׳ן ליגנדיק אין בעט.

— וואָס האָט פּאַסירט שרה!?...

— גאָרניט אברהם! אַ ביסל אָפּגעשוואַכט. און דער פּאַרנאַכט היינט איז אַן אומעטיקער. זינט דו ביסט אַוועק אין קרית ים ג! האָט קיינער געעפנט די טיר. און קעגן מיין ווילן באַפאַלן מיר מאָדנע „דומקעס"... נאָך וויל איך דערציילן: זאָלסט זיך ניט בייזערן — בין געפאַלן היינט אינמיטן שטוב. איך ווייס ניט ווי אַזוי. כ׳האָב בלויז אַ ביסל די רעכטע האַנט צעשלאָגן. אָבער שרעק האָט מיך געפּייניקט... שוין אַ פּאָר שעה ווי איך ליג אין בעט. נו, איצט אברהם! וועל איך אויפשטיין עפּעס צוגרייטן. מוזט זיין הונגעריק? יע, וואָס מאַכט דער פאַרוואונדעטער?

— אוי שרה׳לע! — איך בין אָנגעזאָפּט מיט צער. ליגט נעבאך אַ יונגער מענטש איינגעוויקלט אין באַנדאַזשן. נאָר זיין האַרץ שלאָגט. און די אויגן בעטן הילף... און אין שטוב אַ פּוס־טעניש, אַן אָרעמקייט. וועסט מיר גלויבן כ׳האָב זיך געפילט פאַר־שעמט — איך וואוין ברוך השם אין אַ נייע גערויַמע הויז. און דער פּונט שווימט ביי מיר אין קעשענע... אמת, כ׳האָב דורך

יעקב׳ן איבערגעלאָזן אַ פּאָר צענדליק פונט פאַר די אָרעמע מענטשן. זיי זיינען דאָ אָן משפחה. אַ גליק זיי האָבן זייער לאַנדסמאַן יעקב פון אַשדאָד. מען לערנט אַ מענטשנס כאַראַקטער ווען ער העלפט דעם צווייטן אין נויט... יעקב טאָגט און נעכטיגט דאָרט. זיין הילף איז ניט צום שאַצן... יע, וואָס הערט זיך שרה! — דער דאָקטאָר מינקאָווסקי איז שוין אין דער היים?

— יע, אַוודאי...

— האָסט אים שוין געזען, שרה!?...

— יע, כ׳האָב אים געזען זיצנדיק אויפן מחפסת, און ער האָט געקוקט פאַרטראַכט אין ווייט... זיין פּנים דריקט אויס אַ סך פּערזענלעכקייט... אָבער אויך טיפן טרויער... און אפשר די מידקייט פון וועג, און די עלטערקייט רופן אַרויס די איינדרוקן... און מרים׳ן זע איך ניט אויפן אויג. אירע פליכטן קען זי ניט פאַר־מיידן אין קופּת חולים. איצט איז זי שוין אַוודאי אין דער היים. שפּעטער־צו אברהם! וועלן מיר אַריבערגיין צו זיי. יע, כ׳האָב פאַר דיר אַ בריוו פון דער ממשלה! וועסט קיין פאַריבל ניט האָבן — כ׳האָב דעם בריוו געעפנט. פּרויען זיינען נייגעריק... בפרט ס׳איז ניט קיין פּריוואַטער בריוו...

— וואָס שרייבן זיי?

— זיי שרייבן: דו זאָלסט דערפילן דיין גרויסע פליכט ווי אַ איד און בירגער פון ישראל, און זיי קומען דינען, צו לערנען פלאַנצן בוימער...

אברהם האָט זיך אַ וויל פאַרטיפט אינם בריוול...

— נו, וואָס זאָגסטו שרה!?...

— איך דענק אַז מיר זיינען פאַרפליכטעט צולייגן די הענט פאַר דער אויפבויאונג פון אונזער לאַנד!... חוץ וואָס דיין אָמט וועט זיך גוט באַצאָלן, וועסטו ניט אַרבעטן שווער. צו לערנען — איז ניט שטיין איינגעבויגן און פלאַנצן בוימער. אָבער פאַר־זיכער מיר אויף דיין וואָרט — אַלע אָוונט זאָלסט זיך אומקערן אַהיים. אפילו פון ירושלים קענסטו באַוויזן. אויב זיי וועלן דיר

שיקן אין נגב, — דערציילט זי׳ אַז דיין ווייב איז אויף דער צייט, קענסט זי ניט איבערלאָזן אַליין. אַגב, וואָס קענען מיר אויס־טראַכטן — וועסט צופאָרן אין חיפה און זיך דערוויסן. איך וויל טאַקע זאָלסט מיר ברענגען פון חיפה, וואָס כ׳האָב אויסגעשריבן אויפן צעטל. איך דאַרף עס האָבן פאַר דער אויפנאַמע פון אונזער נייעם דאָקטאָר מינקאָווסקי! איך וועל זיך באַלד פאַרדינען ביי דיר אַ קאָמפּלימענט, אברהם! — זי איז צוגעגאַנגען צום שאַפקע און אַרויסגענומען צוויי עוגות, קיילעכדיקע ווי רעדער, — דאָס האָט היינט דיין ווייב אויסגעבאַקן...

אברהם האָט באַטראַכט די טאָרטן — ברוינע, שמעקנדיקע.

— יע, שרה! ביסט ווערט אַ קאָמפּלימענט. אָבער אין דער לאַגע ווי דו ביסט — האָסטו זיך ניט געדאַרפט פאַרנעמען מיט שווערע אַרבעט...

די ווערטער פון אברהם, האָבן אײדל אָפּגערויטלט אירע באַקן. אירע אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט מיט אינערלעכע פרייד און זיכערקייט. — אַך! ווי גוט עס איז אויף דער נשמה, מען איז אַנגעבונדן אָן אַזאַ מענטש!... ווען צייטענווייס, האָט זיך איר געדאַכט אַז זיין ליבשאַפט צו איר איז געקילט... אויך זי איז ניט מיטגעריסן ווי אין די ערשטע מאָנאַטן נאָך זייער חתונה. מיטן אַוועקגיין פון טעג, און שווימענדיקע געשעענישן, ווערט אויך די ליבע געאַנדערשט... אָבער ניין! עס טרעפט אויך איצט מאָמענטן — איר האַרץ צאַפּלט אויף. און זי קען דעמאָלט מיטן גאַנצן פייער זיך איבערשמעלצן אין אים...

אויך אברהם ווען ער גייט אַרויס פון זיין היים, איז ווי ער וואָלט זיך אויפגעהויבן אויף פליגלען און ער שוועבט פריי איבערן קליינעם לאַנד ישראל. און ער אָטעמט פון אירע בערג און טאָלן... אָבער דערנאָך, ער ווערט מיד, און די זון לעשט זיך — פּאַקט ער מיט די פליגל צוריק אַ היים... און שרה ווערט זיין מאַמע זיין ווייב. זי וואָס טראָגט פון אים אַ קינד. און זיין ליבשאַפט צו איר ווערט טיפער און שטאַרקער...

46.

אברהם האָט איבערגעטראָטן דעם שוועל, איז מרים געקומען אַנטקעגן, איר פּנים אָנגעשטראַלט — קומט אַריין, אברהם! כ'וועל אייך באַקענען מיטן דאָקטאָר! כ'האָב דעם דאָקטאָר פיל דערציילט פון אייך מיט שרה'ן. איר ווייסט דאָך מיר פרויען צוריידן זיך... ווען כ'האָב דערמאָנט אייער שטעטל, האָט זיך זיין פּנים געביטן... און פּלוצים האָט ער מיר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט — מרים! — האָט ער ווי געשטאַמלט — ס'איז אַ קליינע וועלט... גיי גיכער אַריבער און זאָג צו אַברהמ'ען: זאָל ער זיין אַזוי גוט און גלייך קומען. זאָל ער ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך בעט אים קומען צו מיר. איך האָב נאָר וואָס באַטראָטן די ערד פון ישראל, צעטרייסלט און מיד פון וועג... דאָס שטעטל פון וואַנען אברהם שטאַמט — דאָרט האָב איך חתונה געהאַט. אפשר קענען מיר זיך. הגם, כ'האָב זיך אין שטעטל לאַנג ניט פאַרזאַמט. דאָס האָט פּאַסירט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך האָב געדינט דעמאָלט ביי די דייטשן. כ'האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט מיין שטודיום פאַר אַ דאָק־טאָר... אינם שטעטל איז מיר אויסגעקומען זיין איין וואָך צייט — און אין דער וואָך האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער זעלטן־שיינער געבילדעטער מיידל פּערל. יע, דאָס איז געווען אַ פּערל... אין דער זעלבער וואָך האָבן מיר חתונה געהאַט. אויפן גוטן מזל, האָט זיך די מלחמה גיך פאַרענדיקט און איך און מיין פרוי האָבן זיך אריבער־געקליבן אין וואַרשע. און זי האָט מיר געבוירן אַ טאָכטער געראָטן אין דער מאַמען. נו, דיר דאַרף איך ניט דערציילן מרים, ווי פאַר־נומען איך בין געוואָרן. האָסט דאָך מיט מיר געאַרבעט. איך דערצייל עס, כדי זאָלסט איבערגעבן אונזער שכן אברהם!... נאָך די אַלע רייד וועט ער זיך דערמאָנען אָן מיר...

פּלוצים האָט מרים איבערגעריסן דעם שטראָם רייד. זי האָט דערהערט דעם דאָקטאָרס טריט...

דער דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן איינגעהילט אין אַ דינעם לאַנגן מאַנטל, און אַ לייכטע פאַרע האָט פון זיין געוואַשן קאָפּ זיך גע־הויבן...

אברהם האָט געקוקט דעם דאָקטאָר אין די אויגן. יע, ער האָט אים שווער דערקאַנט... די שווערע יאָרן, זיינען געווען אויף זיין לייכט געבויגנקייט. אויף זיין אַשיקער גרויקייט. אויף זיין פּנים אין ערנסט, און אין אומעט...

— דאָקטאָר! לאָמיר זיך געבן שלום, אַרומנעמען און זיך צע־קושן. מיר זיינען ניט נאָר געראַטעוועטע, אויפגעשטאַנענע פון יענער וועלט... נאָר מיר זיינען קרובים!... אייער גאָט־זעליגע ווייב, איז געווען מיין לייבלעכע קוזינע..

טרערן האָבן זיך באַוויזן סיי אין אברהמ׳ס, און אין דאָקטאָרס אויגן. — אויך מרים האָט געהאַלטן איר נאָז־טיכל נאָענט צום פּנים...

— ניט קיין וואונדער, דאָקטאָר, וואָס איר דערקענט מיך ניט!... איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין אינגל. בפרט די שווערע רעדער פון דער צייט איז איבער מיר אַריבער... אָבער דאָקטאָר! אין ישראל טרעפן זיך מאָדנע סופּריזן — ווייל די שיפן ברענגען כסדר נייע אידן צו די ברעגן...

— אָך! — האָט דער דאָקטאָר שטיל געזאָגט: — וואָס פאַראַ געשעענישן דער לעבן ברענגט... כאָטש נעם טו זיך אָן צוריק אַ טלית און טאָן תפילה צו גאָט, וואָס ער האָט מיר געבראַכט אין אידיש לאַנד!... מיר דוכט, איך בין צוריק פרום געוואָרן — ווייל לעצטנס בין איך פאַרוויקלט פון איין נס, אין צווייטן...

— יע, דאָקטאָר! מיר דוכט אַז אינגאַנצן אַן אפּיקורס קען מען אינם לאַנד ניט זיין...

— נו, איצט מרים! טראָג אַריין די משקה, וואָס כ׳האָב גע־בראַכט פון איטאַליע. חוץ ס׳איז אַ גוט פלעשל משקה, אַגב געקראָגן ביי מיינעם אַ באַקאַנטן דאָקטאָר אין רוים!... דאַרפן מיר אויך זאָגן אַ לויב צום אַלטן איטאַליענישן פאָלק: — זיי האָבן געראַטעוועט אַ סך רעשטן פון אונזערע ברידער און שוועסטער...

— לחיים, דאָקטאָר! — לחיים אברהם! — לחיים מרים!...

47.

דאָקטאָר מינקאָווסקי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין ברייטן שטול, אין גרינגן שלאָף־ראָק, אין פּאַנטאָפל און אַ פּאַפּיראָסל אַריינגעטאָן אין אַ זילבערנעם ציגאַרן־שפּיצל...

דער וואַרעמער שפּריץ, האָט ווי אַראָפּגענומען פון זיין לייב אַ סך געוויכט. ער האָט זיך געפילט גרינג, אויפגעלעבט, און די היי־מישקייט האָט אים באַהערשט...

און מרים איז געזעסן אַנטקעגן. זי האָט אַרויפגעניזעט די אויסגעוואַשענע טוליענע פאַרהאַנגען אויף די רינגען. זי איז געווען דורכגענומען מיט טיפער פרייד. דאָס האָט געוויזן איר רואיקייט און געשיקטקייט פון אירע פינגער אַרום די פאַרהאַנגען... זי האָט געוויזן גרויס טאַקט, — האָט זיך ניט אַריינגעמישט אינם שטילן שמועס, פון אברהמ׳ען מיטן דאָקטאָר... זי האָט נאָר אַ פרעג געטאָן: — פאַרוואָס איז שרה ניט געקומען?

— איר ווייסט, מרים! שרה איז אין די הויכע מאָנאַטן, זי פילט זיך שוואַך...

— דאָקטאָר, כ׳וויל אייך ניט באַלעסטיקן מיט פראַגעס וועגן די מלחמה־יאָרן... אָבער וואָס איז אייער מיינונג — די רעשטן אידן וואָס זיינען געבליבן אין די אומגליקלעכע לענדער וועלן נאָך קענען זיך צוזאַמענהאַלטן ווי אידן?...

— שווער פאָראויסזאָגן, אברהם! חוץ די אויפטרייסלונגען און גרויסע פאַרניכטונג, זיינען אויפגעשטאַנען נייע רעזשימען מיט פּענ־טעס... און אידן זיינען די לעצטע צו דינען אָפּגעטער, וואָס האָבן דערטרונקען דעם אמת, די פרייהייט אין טייכן בלוט. אין מערסטע לענדער אין אייראָפּע, זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן אַלע פּאַרטייען. חוץ לאָמיר ניט אויפוויקלען יענע שווידער־מגילות... איך וויל נאָר זאָגן, די פּאַרטיי וואָס פירט די מלוכה...

— אָבער אין ישראל, דאָקטאָר! איז גאָט־צו־דאַנקען פול מיט פּאַרטייען...

— ניין, אברהם! אייער אופּפאַסונג, זייט מיר מוחל, איז ניט ריכטיק. איך ווייס אַז דאָ זיינען געקומען אידן אויסגעריסענע פון

זייערע היימען. אויסגעוואָרצלטע פון די גרונטן. זייערע לעבנס זיינען אַנגעביטערט געוואָרן פון די פּאַרטייען. אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגערוקט אויף די מענטשן פון לענדער, וואו ס'איז דורכגע־גאַנגען פייער און שווערד... די מענטשן ווילן זיך צוטוליען צו דער ערד, וואו מען קען אויפשטעלן ווענט מיט אַ דאַך... די מענטשן בענקען נאָך שלום און רו... זייערע אַלע פּאַרטייען דאָ, איז אַן אויבנאויפיק שפּיל... זיי זיינען געקומען נאַקעט פון פאַר־ברענטע היימען. איינציקע בוימער זיינען דערשוואומען — וועט זייער ליבשאַפט צו דער הון, צו דער שטוב־חיה, צו קינדער, וואָס ווערן הי געבוירן, זיין גרויס און טיף. די ליבשאַפט צום נייעם לאַנד ישראל! — וועט ווערן פלאַמיק...

מרים האָט זיך באַוויזן מיט גלעזער טיי און טאָרט אויף אַ טאַץ. מרים האָט אויפגעזונגען: — איר ווייסט, אברהם! דאָקטאָר מינקאָווסקי האָט באַזוכט דעם שווער־פאַרוואונדעטן אין קרית־ים־ג!

— נו, נו, דאָקטאָר מינקאָווסקי! וואָס זאָגט איר?...

— ער האָט אַלע שאַנסן צו לעבן. אמת, ער איז שטאַרק צעשע־דיקט, צעטרייסלט... איך האָב דאָרט אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר שעה... עס ווייזט אויס זיי זיינען זייער אָרעמע מענטשן... דאָס שטיבעלע איז ליידיק פון אַ שטיקל מעבל... אָבער כ'האָב דאָרט געטראָפן דעם קראַנקענס אַ לאַנדסמאַן, יעקב הייסט ער — האָט ער אויף מיר גע־מאַכט אַ רושם!... חוץ וואָס ער ווייזט אַרויס אַזויפיל פריינדשאַפט און דינסט־געדולדיקייט, איז ער אַ מענטש מיט הויכער בילדונג. און מיט שאַרפע אייגענע מיינונגען. דער מענטש טראָגט גרויסע דערפאַרונגען. נאָר ער איז שטאַרק ביטער קעגן די פּאַראַנדקעס פון ישראל, און דאָס איז מיר ניט צום האַרצן...

— דאָקטאָר! איך בין אויך ניט מסכים מיט יעקב'ן!... אָבער איך בין זיכער אַז מיט דער צייט וועט ער זיך אויסטשוכען... עס שפּילן־מיט אַ סך סיבות: ער פּאַסט זיך ניט צום קלימאַט גרינג. זיין כאַראַקטער איז קאָמפּליצירט. און עס פעלט אים אַ ליבענדיקע פרוי...

מרים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכלענדיקע און שטיל געזאָגט: ס׳איז אַ ווייסע נאַכט. דער זאַמד ליגט אויסגעשפּרייט און וואַרט אויף אונז, מיר זאָלן אים באַטרעטן...

דער דאָקטאָר האָט זיך צעשמייכלט — וואָס זאָגט איר ניט, אברהם! ווי פון תנ״ך, האָט זיך מרים צעזונגען...

— נייע צײַטן זײַנען געקומען — האָט אברהם פּאַטאַקעוועט. — מיר מענער זײַנען נאָך דער מלחמה אַראָפּגעפאַלן צוריק אין פּרימע־טיוקייט. די פרויען זײַנען די באַזינגערינס...

48.

אָנפאַנג אָוונט אין קרית גלים! — האָט מען געקענט זען דאָס נייע ווייסע שטעטל איז געווען באַלויכטן פון אַ גרויסער לבנה. די זאַמדן האָבן געשימערט, ווי מען וואָלט צעשאָטן אויף זיי דימענטן...

די איינוואוינער זײַנען געזעסן אויף די ווערענדעס, זייערע רייד זײַנען געווען דורכגענומענע מיט געלעכטערס... און איבער די גאַסן שפּאַצירער און אויף אופנים׳ס... עס האָבן זיך אומגעקערט אַרבעטער פון חיפה! פון קרית־חיים! פון מאָצקין! אייניקע האָבן געטראָגן וואַזאָנע־טעפּ; אַנדערע — געצייגן, עלעקטרישע מכשירים, אַ פאַריכטע ראַדיאָ...

דאָקטאָר מינקאָווסקי האָט זיך אָפּגערופן: — דאָס זײַנען גרויסע גרוסן פון בויאונג און באַנייאונג...

— דאָקטאָר! דאָס גאַנצע לאַנד ברענט פון ברעג צו ברעג מיט אַקערן, פלאַנצונג און בויאונג! — האָט אברהם קורץ אַ זאָג־געטאָן...

מרים האָט געהאַלטן דעם דאָקטאָר אונטערן האַנט און אויך מיט אַ שטיל קול געזאָגט: — איך בין ניט לאַנג געפאָרן אויף אַ טיול, און איך האָב ניט דערקאַנט גוט־באַקאַנטע געגנטן... עס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען ווי פון אַ כשוף נייע קבוצים, מושבים, דערפלעך. און איבער די וועגן קירעוועט... מען דאַרף, ווי

איינער וויל לעבן, אַפּט פאַרן איבערן לאַנד! דאָן לייענט מען אַ נײ גרויס אידיש בוך...

דער דאָקטאָר האָט זי אַ גלעט געטאָן. און מרים איז איינ־געשוויגן געוואָרן אין טיפער צערטלעכקייט...

— זייט מוחל, דאָקטאָר! און מרים! איך זע ביי מיר אין הויז איז ליכטיק. וואַרט אַ וויילע, איך וועל אַרויסרופן שרה'ן!...

— מיר וועלן וואַרטן — האָט דער דאָקטאָר און מרים ווי מיט איין קול אַ זונג געטאָן...

און אברהם איז געווען צופרידן — זאָלן די צוויי מענטשן בלייבן אַ ווײַלע אַליין אין זייער גרויסער אויפגעוועקטער צערט־לעכקייט... און ער וויל טאַקע וואָס גיכער איבערגעבן שרה'ן די איבערראַשענדיקע נייעס...

אָט די גרויסע באַגעגעניש מיטן דאָקטאָר, האָט אין אים אויפגעוועקט אַזויפיל יוגנטלעכע היימישע בילדער... אַ גרויס געזאַנג האָט איבער אים געזונגען פון יענע שלוה'דיקע יאָרן איינגעפלאַנצטע מיט משפחה, פריינט און חברים. ער האָט דערזען אין זיין דמיון דאָס גאַנצע שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן... עס האָט זיך ווי אַ כשוף־ראַד פאַר אים אַ דריי געטאָן אַלע איינ־וואוינער, — די סעדער, גערטנער, פעלדער. זיין יוגנט האָט אַ גלאַנץ געטאָן פאַר אַ ווײַל... און גלייך האָט אַ שאַרפער וויטיק ווי מיט שציפּצעס אים דורכגענומען. אַלץ איז אַוועק מיטן פייער, מיטן רויך. אַן אָפּגעמעקטער חלום איז געבליבן... יענע ערד איז פאַרשאָלטן אויף אייביק! אין די איבערגעבליבענע הייזער וואוינען די גזלנים!...

ער האָט אויפגעעפנט די טיר — איז אים שרה געגאַנגען אַנטקעגן. און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן שרעק...

— אברהם! וואָס איז געשען? ווי צעטראָגן דו ביסט! און וואָס סאָפּעסטו ווי אַ גאַנז?

— גאָרניט, שרה! באַרואיק זיך. גראַדע פריילעכע בשורות האָב איך צו דערציילן... לאָז נאָר אָפּכאַפּן דעם אָטעם... אַ

געשעעניש האָט פּאַסירט: און צום גוטן אונז. דאָקטאָר מינקאָווסקי, איז אונזערער אַ נאָענטער קרוב. זיין פרוי, וואָס איז אומגעקומען אין די וועלדער, איז געווען מיין לייבלעכע קוזינע. חוץ וואָס ער איז אַ באַרימטער דאָקטאָר — איז ער אַ מענטש מיט אַ גרויס אידיש האַרץ. אויך מרים איז מיר געוואָרן ליב און נאָענט.

— אברהם! מרים איז מיר געווען ווי אַ שוועסטער די גאַנצע צייט. זי האָט פאַרדינט דעם גרויסן דאָקטאָר פאַר אַ מאַן.

— און איצט, שרה! וועל איך זיי אַריינרופן צו אונז אין שטוב. זיי שפּאַצירן דאָ נאָענט.

— אַוודאי, אברהם! פאַרבעט זיי צו אונז...

ווען אברהם איז אַרויס פון שטוב, האָט שרה זיך שנעל אַ וויז געטאָן אין שפּיגל, צוגעפאַריכט די האָר, אַרויפגעטאָן אַ ברייטע נייע קלייד... דעם גרויסן טיש פאַרדעקט מיט אַ נייעם סערוועט. און די בלומען אין וואַזע־קריגל איבערגעביטן...

און ווען זי האָט דערהערט אַ סך טריט אויפן מחפּסת, האָט זי אויפגענומען זיך, אין שטילקייט, אין רואיקייט...

זיי זיינען אַריין איינציקוויס אין שטוב. דער דאָקטאָר האָט זיך לייכט פאַרנייגט פאַר שרה׳ן. און ווען זי האָט געמאַכט אַרויסשווימען איר רעכטע קליינע האַנט פון ברייטן אַרבל — האָט דער דאָקטאָר אַריינגענומען די וואַרעמע האַנט און געקושט (אויפן שטייגער ווי מען האָט זיך געפירט אין פוילן).

— נו, איצט מיינע ליבע פריינט, ווערן מיר צוריק צוזאַמענ־געוואקסן אין אַ נייער משפּחה, אין נייעם לאַנד!...

און מרים איז אַרויפגעפאַלן שרה׳ן אויפן האַלז. ביידע פרויען האָבן געוויינט פאַר פרייד...

49.

דער אומגעריכטער קלונג אין טיר, האָט פאַר אַ וויַיל געבראַכט אין פאַרווירונג אברהמ׳ען און שרה׳ן... אויך דער דאָקטאָר און מרים — האָבן זיך אומרואיק איבערגעקוקט...

— גיי זע, אברהם! ווער קלינגט עס שפּעט ביינאַכט!...

אָבער באַלד האָבן זיך אַלע באַרואיקט — זיי האָבן דערהערט אברהמ׳ס פרייליכע אויפגעלעבט קול:

— סאַראַ גאַסט! סאַראַ גאַסט! קומט אַריין, יעקב! ס׳איז ניט שפּעט. מיר זיינען דאָ אַלע אייגענע. איר ווערט אונז ניט שטערן. לאָזט זיך ניט אַזויפיל בעטן...

— נו גוט, כ׳וועל אַריינגיין פאַר אַ ווייל...

און אברהם האָט אַריינגעפירט יעקב׳ן אונטערן האַנט...

יעקב איז געבליבן שטיין אַ ווייל.

— סליחה! איך האָב געשטערט אייער אינטימער געזעלשאַפט...

— זיצט — האָט שרה צוגערוקט אַ שטול נאָענט צו יעקב׳ן.

— מיין נאָמען איז שרה! אברהמ׳ס ווייב! און מיין פריינדין מרים! און די מאַנסביל קענט איר שוין... איך בעט אייך פילט זיך ניט פרעמד. מען רעדט ביי אונז פיל וועגן אייך. אַזוי אַז מיר קענען זיך שוין לאַנג...

יעקב האָט זיך געזעצט אויפן שטול. זיך אַ ווייל אַרומגעקוקט... די ווייבער האָבן זיך אַ שושקע געטאָן און זייערע פּנימער האָבן זיך געררויטלט... דאָס האָט געוויזן, אַז יעקב האָט געמאַכט אַ רושם אין די ערשטע מינוטן... זיין וואוקס! זיין קאָפּ האָר! זיין אומעטיקער לייכטער שמייכל. און זיינע אויגן, וואָס נעמען אַדורך... און זיין פּנים — געווינטיקט, אויסגעברוינט. ער איז אין די רייפע יאָרן, וואָס אַקערט שוין זיין שטערן אין עטלעכע פאַסן. און עס וואַרפט זיך דורך זילבערנע האָר צווישן דער געדיכטער קוטשמע שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ. און ער ווייס ניט וואו אַהינצוטאָן די הענט... ער לייגט זיי אין די קעשענעס פון זיין רעקל — נעמט זיי אַרויס און האַלט זיי אויף די קני; און זיי ציטערן לייכט פון אויפרעגונג און שעמעוודיקייט... אַזאַ מאַנספאַרשוין, צינדט נייגעריקייט פון פרויען...

— איר ווייסט, אברהם! וואָס איך בין פּלוצים אַריינגעפאַלן צו אייך? איך בין פול אין פרייד: מיין לאַנדסמאַן איז אַריבער אינם לאַגער פון די לעבעדיקע... — איך אַ דאַנק דאָקטאָר! איר האָט געראַטעוועט אַ מענטש מיטן אַראָפּשטייגן אין ישראל!... אייערע ערשטע טריט, זיינען געבענטשט געוואָרן מיט אַ גרויסע טאָט!... דער פאַרוואונדעטער האָט זיך שוין אַליין אויפגעזעצט. ווען איר וואָלט געווען דערביי — ווי זיין פרוי און איך האָבן זיך צעוויינט פאַר פרייד...

— און אייך, אברהם! האָב איך געבראַכט די פּופּציק פונט, וואָס איר האָט געליען די אָרעמע מענטשן אין זייער שווערער נויט. איך פריי מיך וואָס איך בין דער גוטער שליח...

— יעקב! איר האָט ניט געדאַרפט לויפן מיט פאָטשטאָווע פערד, מיר ברייגגען דעם חוב. הגם ס'איז אַ זכיה, איר זייט מיין גאַסט, דעם ערשטן מאָל אין מיין היים...

— ניין, אברהם! כ'האָב עס געמוזט טאָן פאַר די אָרעמע מענטשן... ס'איז זייער גרויסע מאַניפעסטאַציע אויסצודריקן דעם דאַנק און ליבּ, וואָס איר און דער גוטער דאָקטאָר האָבן געגעבן הילף צו די אָרעמע מענטשן... זיי האָבן מיר געבעטן מיט טרערן: יעקב! נעמט דעם פקדון און פאָרט אַריבער צום איד, אברהם, און גיט עס אים איבער. ווינטשט אים פון אונזערט־וועגן געזונט און לעבן מיט זיין פרוי. זאָגט אויך דעם דאָקטאָר: מיר האָבן ניט קיין ווערטער צו דאַנקען... ער וועט ביי אונז אין לאַנד געאַכטעט ווערן. די בענטשונג פאַר אים, וועלן זיך טראָגן פון אַלע שטעטלעך אַרום... און ווען מיין מאַן וועט שוין קענען אַראָפּגיין פון בעט — וועלן מיר קומען ביי זיין שוועל — און מיר וועלן זאָגן: דאָקטאָר! מיר האָבן ניט די מתנה, וואָס איר האָט זיך פאַרדינט... זאָל אייך גאָט באַצאָלן מיט לאַנגע זאַטע יאָרן... לאָמיר אייך זאָגן, אברהם! די מענטשן האָבן מיר איי־בערגעבויט. זיי האָבן מיר אָנגעצונדן מיט נייעם גלויבן. איך האָב ניט געהערט פון דעם שווער־פאַרוואונדעטן אַ קרום־וואָרט

קעגן די מיליטער־פירער. ניט אַ שווער־וואָרט וועגן ישראל... אויך זי געלייטערט אין נויט, האָבן אירע הענט געטראָגן הילף צו איר שווער־פאַרוואונדעטן מאַן — און ניט אַ קרומע מינע, נאָר דער פּנים, ווי פון אַ הייליקע אין תפילה, אין טרייסט...

— יע, יעקב! — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופן — מיר קומט אויס אַרומגיין שוין יאָרן אַרום אָרעמע הילפלאָזע מענטשן, און עס ווייזט זיך אַרויס — ערשט זיי זיינען אָנגעזעט מיט אידע־אַלן. די מאַסאָוויקעס זיינען די וואָרצלען און סאָקן, וואָס פירן אונזער לעבן ווייטער און העכער... פאַרשטייט זיך, ניט אַלע... האָ! סאַראַ ביטערע כריינען עס וואַקסן אויך אַרויס אין דער געדיכטעניש פון פאָלק!...

— נו, איצט אַז כ׳האָב דורכגעפירט מיין שליחות — האָט זיך יעקב אויפגעשטעלט — וועל איך זאָגן אַלעמען לילה טוב!...

— ניין, יעקב! — האָט זיך שרה אָפּגערופן — איר וועט אין איצטיקער נאַכטיקער שעה ערגיץ ניט גיין. אונזער הויז איז געראָם ברוך השם.

— יע, — האָט אברהם צוגעהאָלפן — איר וועט זיין אונזער גאַסט פאַר שיינע עטלעכע טעג...

— יע, מיינע פריינט, — איז שוין יעקב דרייסטער געוואָרן צענומען פון די וואַרעמע אויגן, וואָס האָבן גערוט אויף אים... — איך וויל אייך דערציילן, אַז מיינע מיינונגען וועגן ישראל, האָבן זיך לעצטנס שטאַרק געביטן, זינט איך געפין זיך ביי מיין לאַנדס־מאַן אין קרית־ים־ג! דאָס שטעטל צענעמט זיך, צעוואַקסט זיך פאַר די אויגן... עס גייט אַן אַ שטייגונג ווי אויף טרעפּ און לייטערס... איר זעט דאָרט ביידלעך, ווי מענטשן וואָלטן זיך געפונען אין באַלאַגערונג... און מען זעט אויך הייזער נאַקעטע — מיט פענצטער אָן פאַרהאַנגען. מען קען אַדורך קוקן די הוילע צימערן... אָבער מען זעט אויך הייזער, מיט וועראַנדעס און לאָדנס. אין יענע הייזער הערט מען ראַדיאָס, קלאַנגען פון אַ פּיאַנע...

— זייט מוחל, יעקב! — האָט אברהם אַ זאָג געטאָן — פֿאַר־לאָזט זיך אויף אונזערע פינף טויזנט־יאָריקע אידן!... זיי טראָגן פון לאַנגע דורות דערפֿאַרונגען. זיי וועלן דאָס לאַנד אָנפליגלען מיט די נייעסטע מאָדעלן...

— לאָזט מיר אויך עפּעס צוגעבן: — האָט דער דאָקטאָר פֿאַרויכערט אַ נייעם סיגאַרעטל — אפילו אין די וועלדער צווישן די פּאַרטיזאַנער, האָט מען גרויס אָפּגעלערנט, וואָס אונזערע פינף־טויזנט־יאָריקע אידן האָבן באַוויזן... אָט די צעריסענע רעשטן, זיינען געווען די אַוואַנגאַרדן! מרגלים! פון פּאַרטיזאַנען פּאָלקן. מען האָט זיי געשיקט זיך אויפריידן מיט פּויערים אַרום די וועלדער. און אין וואָסער שפּראַך האָבן אידן זיך ניט אויפגערעדט?...

— דערציילט, דאָקטאָר! ווי האָט מען באַוויזן לעבן אין די וועלדער? — האָט שרה לייכט פֿאַרויטלט געפרעגט...

— ס׳איז שווער צו דערציילן פון די קאָשמאַרן, פון דער אומגלויבלעכער לאַגע, וואו מענטשן האָבן זיך פֿאַרקליבן צו די חיות... אַגב, קען עס דערציילן אברהם! און יעקב! זיי קומען צוגלייך מיט מיר פון די וועלדער... נאָר עפּעס וויל איך אייך יאָ זאָגן, וואָס איר וועט זיך אפשר וואונדערן... ס׳איז געווען טעג אין וואַלד, ווען מען האָט געהאַט גענוג שפּיז פּאַרגרייטע. אין די זעמליאַנקעס איז געווען וואַרעם.

— עס פעלט ניט קיין האָלץ אין וואַלד — האָט מרים אַריינ־געוואָרפן אַ וואָרט... און זי האָט געזאָגט — סליחה...

און דער דאָקטאָר האָט געצויגן זיינע רייד: — מען איז געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דער וואַלד איז געשטאַנען אַלט און טויב, און אַ ווייסער טיפער שניי איז געלעגן אומבאַריירט. חוץ אַ מאָל צייכענונגען פון די אמת׳ע איינוואוינער — די ווילדע חיות, וואָס מען האָט זיי זעלטן געזען. זיי האָבן זיך דערוואוסט פון זייערע מיטוואוינער... און זייער צוטרוי האָט דער מענטש ניט געוואונען — ווען ער האָט געבראָדזיעט מיטן ביקס אויפן אַקסל...

— דאָקטאָר! — האָט יעקב איבערגעשלאָגן — איך וויל

איך עפּעס צוגעבן: עס זיינען אויך פיל פרויען געווען צווישן די פּאַרטיזאַנער, און מיט זייער פּראַקטישקייט און אָרדענונג, האָבן זיי געהאַלטן די מענער אין אחדות. זיי האָבן געקאָכט, געוואַשן. זיי האָבן באַדינט פאַרוואונדעטע און קראַנקע. זייערע מוטער־לעכע, שוועסטערלעכע באַדינונג, האָט געשטאַרקט דעם דראַנג צו לעבן — און אַמאָל אַרויסגיין פון די וועלדער באַפרייטע...

אויך מרים, האָט מיט געזאַנג אַ זאָג געטאָן: דערציילט, דער־ציילט מענער אין פריידן... עס ווילט זיך וויסן פון דער פאַר־באָרגענער וועלט, וואו איר זייט געווען פאַרוואָרפן... איך האָב פיל געלייענט אין ביכער, צייטונגען שוידערלעכע באַשרייבונגען — און איך האָב דורך די נעכט געוויינט. אָבער פון לעבעדיקע מיילער געשילדערט הער איך דעם ערשטן מאָל...

און דער דאָקטאָר האָט דערציילט פון די וועלדער און שנייען, וואָס מיר זעען עס ניט אין ישראל. חוץ פון וויטן אַמאָל אויפן באַרג חרמון...

— יע, מיר בענקט זיך נאָך שניי, אַ פאַרפראָרענעם טייך, נאָך אַ גליטש — האָט זיך שרה שטאַרק פאַרוויטלט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט...

— שרה! — האָט אברהם ווייך געענטפערט — ישראל איז גענוג שיין אָן שנייען. מיר דוכט, אַז אַזעלכע פאַנטאַסטישע לבנה־דיקע נעכט, זעט מען ניט אין דער גאַנצער וועלט... דאָס קליין לאַנד, איז אָנגעצירט מיט בערג און טאָלן, און מיט אידן פון דער גאַנצער וועלט... וואו איז אַזוי בלוי דער הימל? בלוי דער ים, ווי אין ישראל!?... דאָס לאַנד ליגט אָפּגעדעקט אָן אַן נעבל...

— דאָס רעדט אַ טיף־אידישער נאַציאָנאַליסט — האָט יעקב שטיל געזאָגט: — און אַ שמייכל געטאָן — איך קען אַזוי ניט רעדן. איך האָב אַ סך גערייזט און געזען נאַטור־פּאַנאָראַמעס... אפילו ביי אונז אין ליטע איז געווען שענערע נאַטור־דערשיינונגען ווי אין ישראל!... צו מיר איז דער אָריענט פרעמדלעך... דאָ

ליגט אַ דאַרשטעקע, דאַרענדיקע, שטיינערדיקע, נאַקעטע ערד. איר שיינקייט, רייכקייט, ליגט נאָך פאַרבאָרגן אין דער צוקונפט...

— די צוקונפט ליגט אין אונזערע הענט! — האָט אברהם טריאומפירט...

50.

— קומט אין קיך מענער! — האָט שרה און מרים גערופן די מאַנסביל...

די מענער און פרויען האָבן זיך אויסגעזעצט אין קיך אַרום טיש. די גלעזער טיי האָבן אָפּגעשפּיגלט זייערע געשטאַלטן. ביים צובייסן זיינען שטילער געוואָרן זייערע רייד... זיי האָבן אויסגעקוקט ווי אַ גוטע, גינציקע, איינגעוואקסענע משפחה...

אָבער מיט אַמאָל האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטאַרקער קלינגען אין טיר... און אין סעקונדן האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט; און עמיצער מיט אַ פאַרשטיקט קול איז אַ פאַל געטאָן ביים שוועל...

אברהם און יעקב זיינען געווען פון די ערשטע וואָס זיינען צוגעלאָפן...

— רחל! וואָס איז געשען? — האָט אברהם פאַרהאַלטן זיין קול...

און יעקב האָט זיך איבערגעבויגן און אויפגעהויבן רחל׳ען אויף די הענט ווי אַ קינד...

זי האָט אויפגעעפנט די אויגן — צעשטרייט אַ קוק געטאָן...

— אברהם! — האָט זי געמורמלט — רופט גיכער דעם דאָקטאָר! מיין שוועסטער איז פאַרביי — און זי האָט זיך פאַרגאָסן אין טרערן...

יעקב האָט איר אַראָפּגעלאָזן פון די הענט. זי האָט זיך אָן אים אָנגעשפּאַרט. אַלץ איז געווען אויף איר ווילד צעוואָרפן: די שניראָוועקעס פון די שיך, צעלאָזן, די בלוזקע אָוועקגערוקט, צעשפּיליעט. די האָר ווילד. דער מויל פאַרחלש׳ט...

מרים האָט איר געגעבן פון אַ גלאָז טרינקען צוזאַמען מיט אַ פּיל...

און שרה האָט פאַריכט אויף איר די בלוזקע, אויסגעגלייכט דאָס קלייד...

דער דאָקטאָר און יעקב זיינען געשטאַנען איבערראַשטע פון איר שיינקייט... אַ אידישע ציגיינערקע מיט אויפגעשפּילטע עקזעלטאַציע. אין אויסברוך פון אַנגסט, שרעק, ווי ביים אָפּגרונט פון פאַרלאָרן גיין...

— נעמט זיך צוזאַמען, רחל! — האָט אברהם זי געמונטערט:

— דער דאָקטאָר שטייט לעבן אייך...

באַלד האָבן אַלע זיך אַרויסגעשאָטן פון הויז. און שרה איז געווען פריטאַמנע — פאַרשלאָסן די טירן... און מרים איז צו־געלאָפן אין אירע חדרימלעך — און האָט מיטגענומען דעם דאָקטאָרס טעשל...

די ערשטע זיינען אָנגעקומען אברהם מיטן דאָקטאָר צום שניידערל. באַלד אויך יעקב מיט רחל'ען. ער האָט זי געהאַלטן אונטערן האַנט, און אירע ציינער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט...

פון פאַרמאַכטן צימער האָט זיך אַלע ווילע אַרויסגעיאָוועט דאָס שניידערל, לויפנדיק פינסטער. ער האָט געטראָגן הייסע וואַסער, האַנטוכער...

אויך מרים האָט זיך באַוויזן מיט וואַטע און ספּירט.

מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט היסטערישע געשרייען... באַלד האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר מיט פאַרקאַשערטע אַרבל אין הוילן העמד. אַ לייכטע פאַרע האָט זיך פון אים געהויבן...

מרים האָט אים געהאָלפן אָנטאָן דאָס רעקל. אָפּגעווישט זיין פּנים...

— באַרואיקט זיך. די קראַנקע איז אויסער געפאַר. זי האָט געליטן אַ נערוון־אויפרייץ. די קאָנוואולסיעס זיינען איינגעשטילט. זי איז געזונט יונג. איר ווידערשטאַנד איז שטאַרק... איצט לאָמיר וואָס גיכער זיך צוגיין. זי דאַרף האָבן שטילקייט און רו אַ סך...

— און איר, רחל! פאָלגט אַ דאָקטאָר — גייט אַרויס פון שטוב. און אַ פּאָר גוטע שעה האַלט זיך אין דרויסן.

— יעקב! גיט אַכטונג אויף איר... אייער שוואָגער, רחל, וועט שוין אַכטונג געבן אויף דער שוועסטער. איר דאַרפט זיך ניט שרעקן. אייער שוועסטער האָט געליטן אַ לייכטע אַטאַקע. אין געציילטע טעג, וועט זי פאַרגעסן וואָס איז געשען מיט איר...

זיי זיינען אַרויס שטילע פון הויז. אויך אין גאַס האָבן זיי ווייניק גערעדט... די פּלוצימדיקע געפאַר, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ מענטשן, האָט זיי געהאַלטן אין איבערגעשראָקנקייט... חוץ דער דאָקטאָר און מרים, וואָס זיינען שוין געוואוינט צו זען מענטשן אין אַלערליי קראַנקייטן — האָבן פריי געטראָטן און זיי האָבן שטיל געשמועסט...

דאָס שטעטל ים־גלים! האָט שוין געשלאָפן. ניט קיין פייערל, ניט קיין קול. שטילע ליכטיקע זאַמדן צעשפּרייטע. און אַ בלויער הימל ווייט, הויך, מיט אַ גרויסער לבנה, און ציטערדיקע שטערן...

און יעקב מיט רחל׳ען ווייט אַרויס פון שטעטל, אַריינגענומענע, הענט אין הענט... פון דער אָפּגעשוואַכטער איבערגעשראָקענער רחל, האָט זיך איבערגעוואַנדלט אַ וואַכעדיקע, לאַכענדיקע פרוי...

ווי גיך זי האָט פאַרגעסן איר שוועסטערס לאַגע... אַ נייער גליק האָט איר געריגנלט...

ווי שיין ער רעדט, יעקב! — זיין שטים ווי מוזיק... און זיינע הענט אַרום איר וואַרעמע, קרעפטיקע... עס גייט זיך גרינג מיט אים... ניין, ער טראָגט זי ווי אויף פליגל...

די צוויי עלנדע מענטשן, האָבן זיך ווי צוזאַמענגעגאָסן מיט דער ליכטיקער נאַכט. מיטן נייעם לאַנד!... רחל, איז ווי זאַט געוואָרן מיט אַ מאָל פון אַלע אויסגעהונגערטע פאַרלאַנגען...

און ווען יעקב האָט איר פּנים צוגעדעקט מיט קושן, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און געשעפּטשעט: יעקב מיינער... — קען איך אַזוי זאָגן?... — האָט זי אים פאַרקוקט אין די אויגן...

— יע, רחל! איך בין גרייט דינען פאַר דיר זיבן יאָר ווי יעקב

אבינו... מיט דיין שיינקייט, רחל! גורסטו מיך אַן מיט אַזאַ גבורה — איך קען דיר אויפהויבן ביז די שטערן... איצט וועל איך דיר צופירן צו דיין היים. און איך וועל וואַרטן ביי דיין שוועל. און נאָך דיין ערשטן שלאָף זאָלסטו אַרויסקומען... און ווי צוויי פויגל וועלן מיר זיך אַרויסלאָזן איבער דער מדינה... מיר וועלן צוזאַמען אויסקוקן אונזער, פון גאָט באַשערט, לאַנד!...

און רחל האָט זיך איינגעטוליעט און געוויינט פאַר פרייד...

51.

מרים איז שוין היינט עטלעכע מאָל געווען ביי שרה׳ן. זיי האָבן געהאַט אַ סך צו רעדן און אויסדערציילן... אָבער היינט איז זי געקומען צו שרה׳ן אָפּט מיט פאַרשיידענע אויסרעדעניש, ווייל זי האָט געמערקט אַז שרה לענדט זיך אָן טיש, און זעצט זיך אָפּט אין בריטן שטול... איר שטערן איז פייכט און פאַרהאַלטענע אַנגסטן אויף איר פנים... און מרים האָט זיך ניט געזאַמט — גיך פאַרנאַנדערגעבעט דאָס בעט...

— קום, שרה! שעם זיך ניט — און זי האָט איר געהאָלפן זיך אַריינלייגן אין בעט...

און שרה האָט עטלעכע מאָל געזיפצט...

— זיי ניט דערשראָקן — האָט איר מרים צערטלעך גע־מונטערט. גאָט גיט אַ געווינערין גבורה פון אַ לייבעכע...

— מרים! מיין האַרץ איז מיר ניט גאַנץ, וואָס אברהם איז ניט אין דער היים...

— אַזוי ווייט איז ער אַוועקגעפאָרן פלאַנצן בוימער? — האָט מרים בייגעריק געפרעגט...

— ניין, דוקא ניט ווייט — אין בני־ברק. זיינער אַ לאַנדס־מאַן איז געשטאָרבן. מען זאָגט: איבער הונדערט יאָר איז ער אַלט געווען...

— נו, שרה! ס׳איז אַ גוטער סימן... ועסט האָבן גרינג דאָס קינד...

שרה האָט אַנגסטיק געשמייכלט, זיך געקרימט און מיט אַ מאָל הויך אויפגעשריען...

מרים האָט איר געהאַלטן פאַר די הענט, געווישט דעם פּנים, איר באַרואיקט: — איך גיי שוין נאָכן דאָקטאָר! און זי האָט איר פאַרגלעט די האָר אויפן קאָפּ, און צוגעשליפּט ביים האַלז די נאַכט־העמד. און שרה האָט געשמייכלט פאַרטרוילעך, — אין זיסן פּיין...

אַז דאָקטאָר מינקאָווסקי איז געקומען, האָט מרים פאַרמאַכט די לאָדנס; און זי האָט זיך געפּאָרעט אין קיך ווען דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט שרה׳ן. זי האָט געהערט פאַרשטילטע, אָפּגעמעקטע רייד פון דאָקטאָר... און שרה האָט ווידער מורא׳דיק אויפגעשריען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד...

— קום אַריין מרים! — האָט דער דאָקטאָר אויפגעהויבן זיין קול, אָבער צערטלעך — לאָז זי ניט אַראָפּ פון בעט!...

ער האָט אויפגעהויבן שרה׳ס בלייכע האַנט און צוגענאָענט צו זיינע ליפּן...

שרה האָט אַ שמייכל געטאָן און שטיל געזאָגט: — גאָט האָט מיר ניט פאַרלאָזן... און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן...

— מרים! מיטן דאָקטאָרס קומען, זיינען מיר אַ ווייל די ווייטיקן אַוועק...

— יע, שרה! אַזוי איז דער שטייגער גאַנג פון אַ געווינערין: עס נעמט און לאָזט אָפּ, ביז דאָס נפש׳ל באַווייזט זיך... און זי האָט אָפּגעווענדט די רייד — זאָג מיר נאָר שרה! וואו האָסטו גענומען די מאָדנע שטיינדלעך אויפן קרענצל?...

— זיי געפעלן דיר, מרים!? דאָס האָט אברהם געבראַכט פון נגב. ביים ים־סוף האָט ער עס אָנגעקליבן.

— און די פלעשעלעך פאַרביקע זאַמדן זיינען אויך פון נגב?

— האָט מרים געוויזן וואונדער אין די אויגן... — עס קוקט אויס ווי אין די פלעשעלעך, האָבן זיך אַריינגעכשופט רעגנ־בויגנס...

— יע, מרים אויך פון נגב. אברהם דערציילט פון דאָרט וואונדיירים... אברהם פאַרט לעצטנס אַרום איבער אַלע ווינקלעך פון לאַנד...

און שרה איז ווידער צוגעפאַלן האַרט צום קישן, און דורך פאַרשצימעטע ליפּן געקרעכצט און פאַרקוויטשעט... — מיר איז ווידער גרינגער. איך גלויב, אַז אברהם וועט נאָך קומען שפּעט ביינאַכט. פאַר זיכער מאָרגן אינדערפרי. — און זי האָט מיד געוואָרפן דעם קאָפּ אויפן קישן...

די קורצע נאַכט איז כמעט אַריבער שטיל. שרה האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט מיט געשרייען און צוריק אַריינגעפאַלן אין האַלבן שלאָף... און מרים איז געזעסן האַרט ביי שרה׳ס בעט שווער פאַרדרעמלט...

אָבער אין פרימאָרגן, ווען דער נייער טאָג האָט זיך געראַנגלט אין זיין געבוירן ווערן... האָבן זיך אויך דעמאָלט אָנגעפאַנגען די אמת׳ע ווייען פון דער געווינערין. די קולות זיינען געווען פאַרשצימעטע, שניידענדיקע...

און מרים האָט ניט געזאַמט — אויפגעוועקט דעם דאָקטאָר. עס האָט ניט גענומען לאַנג, האָט דער דאָקטאָר זיך באַוויזן מיטן טעשל אין האַנט... ער האָט זיך געשיקט באַוועגט פון בעט און צום בעט. און ער האָט אַריינגעשפּריצט מעדעצין אין שרה׳ס אָרעם... און מרים׳ען געגעבן נייע אינסטרוקציעס...

פלוצים, האָט די הויז־טיר זיך געעפנט און אברהם האָט זיך באַוויזן. מרים איז אים אַנטקעגן געלאָפן און שטיל געשעפּטשעט:

— גייט ניט אַריין. דער דאָקטאָר איז איצט ביי שרה׳ן!...

אברהם איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר פאַרשטויסן אין אַ ווינקל. עס האָבן אים לייכט געציטערט די הענט, די פיס...

פלוצים האָט אַ מורא׳דיקער געשריי פון שרה׳ן דורכגענומען

די ווענט, טירן און פענצטער... נאָך דעם געשריי איז אויף אברהמ׳ען אַראָפּגעפאַלן אַ שטילקייט, ווי ער וואָלט זיך געפונען טיף אונטערן וואַסער... און אונטערן טיפן וואַסער, האָט ער געהערט אַ פּישץ ווי פון אַ פויגעלע... ניין, אַ קול פון אַ ניי־געבוירן קינד... מרים האָט אים געטרייסלט פאַר די אַקסלען — אברהם! אברהם! מזל טוב! מזל טוב! — שרה האָט געבוירן אַ זון!...

אברהם האָט זיך געשטאַרקט, געעפנט די אויגן און מיט שטילע טריט אַריין צו שרה׳ן. ער האָט לייכט אַרומגענומען איר קאָפּ און ער האָט געוויינט אויפן קול...

און מרים האָט אויפגעהויבן דאָס ניי־געבוירן קינד אין קישן. און דער דאָקטאָר, מרים און אברהם זיינען געשטאַנען אַרומגענומען...

און אברהם האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קינד און ער האָט אויסגערופן: — יצחק מיין זון!

און שרה האָט מיט אַ שוואַכן קול אויך אויסגערופן: יצחק! יצחק! אונזער זון......

סוף